STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03012

UNZER REVOLUTSYON

Leon Trotsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

לעאן טראצקי

0-657-03012-0
old cat # 97-1223

Digitized by the Internet Archive
in 2011 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/nybc203012

אונזער רעוואָלוציאָן.

אונזער רעוואָלוציאָן

פון

לעאָן טראָצקי

איבערזעצט פון

פ. געליעבטער

ארויסגעגעבען פון
אַפּ-טו-דייט פּאַבלישינג קאָמפּאַני,
195 קאַנעל סט., ניו יאָרק
1921

לעאן טראצקי

אינהאלט:

זייט

פאָררעדע — פון צביון — — — — — — — — — — — — — 9

דער פּראָלעטאַריאַט און די רעוואָלוציאָן — — — — — — 25

די דיקטאטור פון פּראָלעטאַריאַט:—

1) 1789—1848—1905 — — — — — — — — 45

2) די סאָציאַלע קרעפטען אין דער רעוואָלוציאָן — 58

3) דער פּראָלעטאַריאַט אין מאַכט און דאָס פּויערטום 68

4) פּראָלעטאַרישע הערשאפט — — — — — — — 74

5) פאָרברייטונגען צום סאָציאַליזם — — — — — — 83

6) אַן אַרבייטער רעגירונג און סאָציאַליזם — — — — 96

7) אייראָפּאַ און די רעוואָלוציע — — — — — — — 104

דער סאָוועט און די רעוואָלוציאָן — — — — — — — — 111

ערב רעוואָלוציאָן — — — — — — — — — — — — — 125

די בורזשואַזיע און די קליין־בורזשואַזיע אינטעליגענץ — — 133

פארטיידיגונגס מלחמות — — — — — — — — — — — 149

קאַפּיטאַליסטישע מלחמות (וואָסער שייכות האָבען סאָציאַ־
ליסטען מיט קאַפּיטאַליסטישע מלחמות? — — — — 169

מלחמה אָדער פרידען — — — — — — — — — — — — 191

וואָס איז געשעהן? — — — — — — — — — — — — 199

דער כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע — — — — 215

אינטערנאַציאָנאַלע טאַקטיק — — — — — — — — — — 229

פאררעדע

לעאָן טראָצקי
(איינינע שטריכען).

פון דר. ב. האָפמאַן (צביון).

דאָס פאָרליעגענדע בוך איז אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען, וועלכע לעאָן טראָצקי, איינער פון די איצטיגע הויפּט־פיהרער פון דער באָל־שעוויסטישער רעגירונג אין רוסלאַנד, האָט געשריבען מיט יאָהרען פריהער, איידער די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע פון 1917 האָט אויסגעבראָכען. די אַרטיקלען זיינען היינט אינטערעסאַנט ניט דערמיט אַליין, וואָס דורך זיי ווערט מען באַקאַנט מיט די געדאַנקען און אידעען פון לעאָן טראָצקי וועגען דער אויפגאַבע פון דער רוסי־שער רעוואָלוציע, וועלכע האָבען זיך ביי איהם ענטוויקעלט שוין מיט 12 אָדער 13 יאָהר צוריק, נאָר זיי זיינען פיעל מעהר אינטע־רעסאַנט דערמיט, וואָס פון די אַרטיקלען זעהט מען ווי טראָצקי פּרובירט איצט דורכפיהרען אין דער פּראַקטיק די אידעען, וועלכע ער האָט אויסגעאַרבייט מיט מעהרערע יאָהרען צוריק.

לעזענדיג היינט די אַרטיקלען פון לעאָן טראָצקי באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז געמאַכט געוואָ־רען ווי נאָך אַ פאָרשריפט. עס זעהט אויס ווי טראָצקי וואָלט צוערשט אויפגעשריבען ווי די רעוואָלוציע דאַרף פאָרקומען און נאַכדעם האָט ער זיך גענומען זיי דורכפיהרען, אַז זי זאָל שטימען מיט די אַרטיקלען, וועלכע ער האָט געשריבען מיט יאָהרען צוריק. און לעזענדיג די אַרטיקלען ווערט מען אָפּט איבעראַשט ווי די

פאקטען פון דער איצטיגער רוסישער רעוואָלוציע שטימען אין פיעלע פעלע מיט א באזונדערע פּינקטליכקייט מיט דעם, וואָס טראָצקי האָט געשריבען. אָפט פארגעסט מען, אז די ארטיקלען זיינען געשריבען געוואָרען מיט 12 אָדער מיט מעהרערע יאָהרען צוריק און אז דאָס זיינען בלויז פאָראויסזאגונגען וועגען דער קומענדער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, נאָר מען מיינט, אז זיי זיינען איצט ניט לאנג געשריבען געוואָרען און אז זיי גיבען איבער די פאקטען ווי אזוי די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע איז דורכגעפהרט געוואָרען און ווי אזוי דער פּראָלעטאריאט האָט איינגעפיהרט זיין דיקטאטור.

אין זיין לאנג יעהריגער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט האָט זיך לעאָן טראָצקי אימער אויסגעצייכענט מיט צוויי זאכען — מיט זיין טיעפען, אונבאשרענקטען גלויבען אין די כוחות פון דעם פּראָ־לעטאריאט, און מיט זיין פארביטערטער שנאה און פאראכטונג צו דער בורזשואזיע.

דער פּראָלעטאריאט מוז ברייגנען די רעוואָלוציע און מוז אריינגעמען די מאכט אין זיינע הענד — דאָס איז ביי טראָצקין געווען ניט בלויז א טיעפּע איבערצייגונג נאָר פיעל מעהר אַן אונ־באגרענצט גלויבען. די מארקסיסטישע טעאָריע, די לעהרע פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאל־דעמאָקראטיע, וועלכע טראָצקי האָט אזוי פלייסיג שטודירט, איז ביסלעכוויז ביי איהם פארוואנ־דעלט געוואָרען אין א גלויבען, וואָס נויטיגט זיך מעהר ניט אין באווייזע. אזוי מ ו ז זיין און אזוי ו ו ע ט זיין, דער פּראָלעטאריאט וועט ברייגנען די רעוואָלוציע און וועט אריינגעמען די מאכט אין זיינע הענד — דאָס איז אזא אונבאשטרייטבארער אמת, וואָס טאָר אפילו ניט דיסקוטירט ווערען. און אזוי ווי עס איז אונבאשטרייטבאר, אז דער פּראָלעטאריאט מוז ברייגנען די רעוואָלוציע און איינפיהרען זיין דיקטאטור, אזוי איז עס אויך אונבאשטרייטבאר, אז די בורזשואזיע איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, מוז באַקעמפּען די רעוואָלוציע פון פּראָלעטאריאט און מען טאָר

דאריבער אפילו די בעסטע פארטרעטער פון דער בורזשואזיע ניט טרויען פון דאנען אהין, שוין אָפּגערעדט אריינצוטרעטען מיט זיי אין וועלכע עס איז אָפּמאַכונגען, ווייל זיי ווען זיכער פארראטען די רעוואָלוציע פון פּראָלעטאריאט ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט וואָס עס וועט זיך זיי מאַכען.

טראָצקי איז אימער געווען דער אָפּטימיסט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אין די פינסטערסטע צייטען פון דער רוסישער רעאַק־ציע האָט ער זיין אָפּטימיזם ניט פאַרלאָרען. איבערצייגונגען אליין וואָלטען אזא שטארקען, אונבאשרענקטען אָפּטימיזם ניט געקענט אימער אויפהאַלטען, דערצו איז נויטיג א שטארק אונבאגרענעצט גלויבען. פאר טראָצקי'ן איז די רוסישע רעוואָלוציע געווען א פאקט, זי איז געשטאַנען פאר זיינע אויגען, ער האָט זי געזעהן קלאָר, ווען זי איז נאָך געווען גאנץ ווייט און ווען פיעלע האָבען געגלויבט, אז בלויז דער צוקינפטיגער דור וועט זי ערשט דער־לעבען.

טראָצקי איז אזוי זיכער געווען מיט דער רעוואָלוציע, זי איז געווען ביי איהם אזא זיכערער פאקט, אז ער האָט וועגען איהר עצם, וועגען איהר נאָהנטער פארווירקליכונג אפילו ניט געהאַלטען פאר נויטיג צו דעבאטירען, וואָס איהם האָט אינטערעסירט זיינען געווען די איינצעלהייטען, די פרטים ווי אזוי די רעוואָלוציע דאַרף דורכגעפיהרט ווערען און ווי אזוי דער פּראָלעטאריאט וועט איינ־פיהרען זיין דיקטאטור.

דאָס כאראקטעריסטישע פון טראָצקי'ן איז זיין זיכערהייט אין זיינע באהויפּטונגען. אין זיינע רעדעס און אין זייגע ארטיק־לען הערט זיך אימער דער שטארקער זיכערער טאָן פון א גלויבי־גען. קיין שפור פון צווייפעל, קיין סמן פון ספקות, נאָר הונדערט פּראָצענט זיכערהייט. פון „עס וועט" ווערט ביי טראָצקי'ן „עס איז". וואו אַ אַנדערער וועט געברויכען דעם אויסדרוק „עס דאַרף קומען", וועט טראָצקי זאָגען „עס קומט".

טראָצקי איז פיעל מעהר געווען דער נביא פון דער רוסישער

רעוואָלוציע, איידער איהר לעהרער און פיהרער. אלס לעהרער און פיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט טראָצקי קיין מאָל קיין ערפאָלג ניט געהאט. מייסטענס האָט ער מיט זיך פאָרגע־שטעלט א פארטיי פאר זיך אַליין, אָהן נאכפאָלגער. ער האָט אין באַרשידענע צייטען פיעל מיה אָנגעווענדעט צו פאראייניגען די מענשעוויקעס מיט די באָלשעוויקעס, אָבער זיינע באמיהונגען האָ־בען קיין מאָל קיין ערפאָלג ניט געהאט. זיינע פּלענער פון פאר־אייניגונג זיינען ניט געווען, אז די באָלשעוויקעס מיט די מענשע־וויקעס זאָלען זיך אויסגלייכען צווישען זיך, נאָר אז זיי זאָלען זיך אויסגלייכען מיט איהם. טראָצקי האָט ניט פארנומען קיין מיטעל־פּונקט צווישען די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס, הגם מען האָט איהם אָפט גערופען מיט דעם נאמען „צענטהיסט", נאָר ער איז געווען א פארטיי פאר זיך. ער איז ניט געשטאנען צ ו ו י־ש ע ן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס, נאָר ער איז געשטאָ־נען באזונדער, אָפּגעטיילט אי פון די מענשעוויקעס, אי פון די באָלשעוויקעס, און זיין פאראייניגונגס־ארבייט איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט, אז אי די באָלשעוויקעס, אי די מענ־שעוויקעס זאָלען צושטעהן צו איהם. דער רעזולטאט איז אָבער געווען, אז קיינער איז צו איהם ניט צוגעשטאנען.

איינער פון די שאַרפסטע קעמפפע צווישען די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אויף דעם באריהמטען לאָנדאָנער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראטישען צוזאמענפאָהר אין יאָהר 1907. דאָס איז געווען דער גרעסטער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראטישער צוזאמענפאָהר אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע אין רוסלאנד. עס זיינען אויף דעם צוזאמענפאָהר געווען פארטראָטען די בעסטע טעאָרעטיקער, רעדנער, פּראקטיקער און פיהרער פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראטיע. פּלע־כאנאָוו, לענין, מארטאָוו, מארטינאָוו, אָקסעלראָד, אבראמאָוויטש, ליבער, באגדאנאָוו, גאָרקי, ראָזא לוקסעמבורג, צערעטעלי, אַלעק־סינסקי, סטאָלפּנער און א גאנצע רייהע אנדערע פּראָמינענצען.

איך אויף דעם ראַזיגען צוזאַמענפאַהר האָט טראָצקי פּראָבירט שאַפען אַ פאַראייניגונג. איך געדענק זיין קורצע רעדע, וואָס ער האָט אויף דעם צוזאַמענפאַהר געהאַלטען. אַ רעדע פון צעהן מינוּ־טען. און איך גלויב, אַז דאָס איז די גלענצענדסטע רעדע, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט. די פאַרזאַמלונג האָט טראָצקי׳ן אויסגעהערט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, נאָר ווען ער האָט זיין רעדע געענדיגט איז טראָצקי צוריק געבליבען זיצען אליין אויף זיין באַנק, און די דעלעגאַטען זיינען ווי פריהער געבליבען צושפּאַלטען אויף מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס און אויף אַ טראָצקי פּאַרטיי, וועלכע איז באַשטאַנען פון טראָצקי׳ן אליין. עס איז געווען אַ רעדע פון אַ נביא, פול פייער און רעוואָלוציאָנערער גלויבען, זי האָט אַפּעלירט, באַגייסטערט און ארויסגערופען באַוואונדערונג, אָבער זי האָט ניט געענדערט די איבערצייגונגען. טראָצקי איז געווען דער נביא, אָבער די לעהרער זיינען געווען לענין פון איין זייט און פּלעכאַנאָוו און מאַרטאָוו פון דער אַנדערער זייט.

אָבער דערזעלביגער טראָצקי, וועלכער איז כמעט געווען אַ פּאַרטיי פאַר זיך אליין אָהן נאָכפאָלגער איז אין יאָהר 1905 געוואָרען איינער פון די פּראָמינענטעסטע פיגורען אין דער רוסישער רעוואָ־לוציע. טראָצקי איז ניט בלויז געווען דער פאָרזיצענדער פון דעם פּעטערבורגער סאָוועט נאָר די נשמה פון דעם סאָוועט.

טראָצקי צייגט זיך ארויס אין זיין גאַנצער גרויסקייט אין דעם מאָמענט פון דער רעוואָלוציע. אין דעם פלאַקער פון דער רעוואָ־ליציע קען ער ארויסצייגען אַלע זיינע פעהיגקייטען און באַגאַבונגען. די רעוואָלוציע איז די אַטמאָספערע אין וועלכער טראָצקי אָטעמט און לעבט זיין פולען לעבען. דאָס איז אַזוי געווען אין יאָהר 1905 און האָט זיך ווידערהאָלט אין יאָהר 1917, ווען די איצטיגע רעוואָ־לוציע האָט אין רוסלאַנד אויסגעבראָכען.

טראָצקי האָט זיך ווייניג אינטערעסירט מיט דער צייט פון פאַר דער רעוואָלוציע. ער האָט ווייניג געהאַט צו זאָגען וועגען דער

טאַקטיס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין די אַזוי גערופענע נאָרמאַלע צייטען. זיין גאַנצען געדאַנק האָט ער קאָנצענטרירט אויף דער רעוואָלוציע, וועלכע דאַרף קומען. די צייט פון פאַר דער רעוואָלוציע דאַרף מען ווי עס איז אַריבערשטופען מיט פּאַרלאַמענ־טאַריזם, מיט מינימום פאָדערונגען, מיט סטרייקס, מאַסען־אַקציאָן א. ז. וו. אָבער דאָס אַלעס איז דאָך ניט וויכטיג, דער עיקר איז דאָך די רעוואָלוציע וועגען וועלכער מען דאַרף טראַכטען.

טראָצקי האָט זיינע אידעען און געדאַנקען צום גרעסטען געשעפּט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. מעהר ווי פאַר יעדען איינעם איז די רוסישע רעוואָלוציע פון יאָהר 1905 געווען פאַר טראָצקי׳ן אַ קוואַל פון געדאַנקען, אידעען און פאָרשטעלונגען.

טראָצקי איז ניט אַריינגעפאַלען אין אַ פאַרצווייפלונג פון דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין געגענטייל, זיין גלויבען אין אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז נאָך שטאַרקער געוואָרען, ער האָט זי געזעהן מיט זיינע אויגען און ער האָט אָנגעוויזען ווי אַזוי זי וועט פאָרקומען און ווי זי וועט דורכגעפיהרט ווערען.

טראָצקי׳ס הויפּט־אידעע איז אימער געווען די רעוואָלוציע — אַן אויפשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסען אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט צו פאַרניכטען די רוסישע זעלבסטהערשאַפט און צו פאַרכאַפּען די מאַכט פאַר׳ן פאָלק. נאָר אויב אנפאַנגס איז עס טראָצקי׳ן אַליין נאָך ניט געווען קלאָר וואָס פאַר אַ רעגירונג אין רוסלאַנד קען איינגעפיהרט ווערען נאָך דער רעוואָלוציע, וועלכע וועט פאַרניכטען דעם צאַריזם, איז אָבער אין יאָהר 1905, אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע ביי איהם רייף געוואָרען די אידעע, אַז רוסלאַנד דאַרף פון דער צאַרישער הערשאַפט, פון דעם אַבסאָלוטיזם דירעקט איבערגעהן צום סאָציאַליזם. דער ציעל פון דער רוסישער רעוואָלוציע דאַרף זיין די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

טראָצקי האָט זײַן געדאנק ארגומענטירט אויף דעם פאָלגענ־דען אופן :

דער ארבייטער קלאַס איז די איינציגע רעוואָלוציאָנערע מאכט אין רוסלאנד. די בורזשואזיע אין רוסלאנד איז שוואך און ניט אָרגאניזירט, און זי קען דאריבער ניט ארויסווייזען קיין שטארקען ווידערשטאנד. די פויערים, ווידער, זיינען פאָליטיש ניט ענטוויקעלט. די איינציגע זאך, וועגען וועלכער זיי טראכטען, איז לאנד. דער איינציגער קלאַס, אלזאָ, וואָס קען זיין דער פיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז דער ארבייטער־קלאַס. און אויב די רעוואָלוציע וועט זיין זיעגרייך, דאן מוז אונפארמיידליך בלייבען די פאָליטישע מאכט אין די הענד פון דעם קלאַס, וועלכער האָט געשפיעלט די פיהרענדע ראָלע אין דעם קאמף, דאָס איז דער ארבייטער קלאַס. אָבער כדי דער ארבייטער־קלאַס זאָל קענען פארזיכערען די געוואונענע מאכט אין זיינע הענד, מוז ער זעהן אריבערצוקריגען אויף זיין זייט די מיליאָנען פויערים. דאָס קען געטאָן ווערען, ווען דער רעגירענדער ארבייטער־קלאַס וועט אנער־קענען דאָס רעכט פון די פויערים אויף דאָס לאנד, וואָס זיי האָבען פארכאפט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע און מיט דעם וואָס עס וועלען דורכגעפיהרט ווערען ראדיקאלע געזעצען וועגען דער פארטיילונג פון לאנד צווישען די פויערים. דער ארבייטער־קלאַס וועט אויף אַזאַ אופן ערשיינען אין די אויגען פון די פויערים אלס זייער באפרייער און ערלעזער. און ווען דער ארבייטער־קלאַס וועט האָבען פארכאפט די מאכט אין זיינע הענד, דאן איז ניטאָ קיין גרונד, אַז ער זאָל זי ארויסלאָזען פון זיינע הענד, כדי די בורזשואזיע זאָל זי פארכאפען. עס איז ניטאָ קיין גרונד, אַז דער פראָלעטאריאט, האָבענדיג די מאכט אין זיינע הענד זאָל העלפען גרינדען אַ פארלאמענטארישע רעגירונג אין רוסלאנד, וואָס דאָס וואָלט מיינען איבערגעבען דער בורזשואזיע די רעגירונג איבער'ן פאָלק. אין דעם מאָמענט וואָס די פאָרשטעהער פון פראָלע־טאריאט, זאָגט טראָצקי, טרעטען אריין אין דער רעגירונג ניט אלס

מאכטלאָזע משכנות, נאָר אַלס פיהרענדע מאכט, דאַן ווערט פון זיך פארשוואונדען דער אונטערשיעד צווישען דעם מינימום און מאַקסימום פראָגראם, און די איינפיהרונג פון קאָלעקטיוויזם (סאָציאַליזם) ווערט די פראגע פון טאָג, ווייל פּאָליטישע איבער־מאכט פון פּראָלעטאַריאט קען זיך ניט פארטראָגען מיט עקאָנאָמי־שער שקלאפעריי פון פּראָלעטאַריאט.

דער דירעקטער איבערגאנג פון אבסאָלוטיזם צום סאָציאַליזם, ווען דער ארבייטער־קלאַס וועט דורך די רעוואָלוציע פארכאפּען די מאכט — דאָס איז געווען די אידעע פאר וועלכע לעאָן טראָצקי האָט אגיטירט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, ווען ער איז צו דער אידעע געקומען, ביז עס האָט אויסגעבראָכען די איצטיגע רוסישע רעוואָלוציע, ווען ער האָט זיך גענומען זיין אידעע דורכ־צופיהרען.

מיר זאָגען „אגיטירט“, ווייל די הויפּט־גרויסקייט און הויפּט־שטארקייט פון טראָצקי’ן איז אין זיינע אגיטאַציאָנס־פעהיגקייטען. זיינע צוויי גרויסע באַגאבונגען, זיין גלענצענדע טעמפּעראמענט־פולע רעדנער קראַפט און זיין שארפער, קלאָרער און אפּעלירענדער זשורנאַליסטישער סטיל, האָבען איהם געמאכט פאר איינעם פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע אגיטאַטאָרען אין רוסלאנד. טראָצקי’ס שרייבען שפּריצט מיט רעוואָלוציאָנערען פייער, און ווען ער שרייבט פאר’ן פאָלק איז זיין שפּראַך קורץ, קלאָר, שטארק און אפּעלירענד. אלס רעוואָלוציאָנערער אגיטאַטאָר האָט ער ווייניג זיין גלייכען. ער האָט אין זיך דעם כח מיטצורייסען די מאַסען מיט זיך, זיי צו באַגייסטערען און אריינצובריינגען אין עקסטאַז. זיין רעדנער קראַפט האָט פיעל מעהר מיטגעהאָלפען טראָצקי’ן צו אָרגאַניזירען די רויטע גוואַרדיע אין רוסלאנד, ווי זיינע אָרגאַניזאַציאָנס־פעהיג־קייטען.

אין דער גאַנצער כאראַקטער פון טראָצקין איז צוגעפּאַסט צו דער ראָלע פון אַן אגיטאַטאָר ערשטען גראַד. זיין גראַדקייט, וואָס דערגרעהט אָפט ביז צו אויסערסטער איינזייטיגקייט, זיין גלויבען

אין דער רעוואָלוציאָן, וואָס דערגרייכט ביז צו פאנאטיזם, זיין אונקאָמפּראָמיסליכקייט, זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט, זיין מוט און אונערשראָקענהייט — דאָס אַלעס צוזאַמען האָט געשאַפען דעם איינענטימליכען, אינטערעסאנטען גרויסען רעוואָלוציאָנערען אַגי־טאַטאָר טראָצקי, וועלכער שפּיעלט אַזאַ וויכטיגע ראָלע אין דעם רעוואָלוציאָנערען רוסלאַנד.

עס איז כאראקטעריסטיש פאַר טראָצקי'ן, דאָס דער אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין מערץ 1917 האָט ביי איהם ניט אַרויסגערופען קיין איבערראַשונג. ער איז אַזוי זיכער געווען אין זיין גלויבען, אַז די רעוואָלוציע מוז אויסברעכען, אַז זי מוז אונפאַרמיידליך קומען, דאָס עס איז פאַר איהם ניט געווען קיין איבערראַשונג, ווען זי איז געקומען. זיין איינציגער געדאַנק, ווען עס איז צו איהם געקומען די נייעס פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע, איז געווען, וואָס שנעלער צו פאָהרען אין רוסלאַנד און העלפען איינפיהרען די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועגען וועל־כער ער האָט אַזוי לאַנג געטרוימט. — איך פאָהר אין רוסלאַנד, האָט טראָצקי ערקלערט ביי זיין אָפּפאָהרען פון אַמעריקאַ, ארויסצורייי־סען די רוסישע רעוואָלוציע פון די הענד פון די מיליוקאָווס, וועלכע האָבען זי פארכאַפּט, און איהר איבערגעבען אין די הענד פון פּראָ־לעטאַריאַט, וועלכער האָט די רעוואָלוציע געמאַכט. און טראָצקי האָט געהאַלטען. ער האָט דעם קאַמף אָנגעפאַנגען, ווי זיינע פיס האָבען נאָר דעם באָדען פון רוסלאַנד באַטרעטען, און ער האָט געזיעגט. די רוסישע רעוואָלוציע איז אין די הענד פון דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט.

לעאָן טראָצקי, אָדער מיט זיין ריכטיגען נאָמען בראָנשטיין, איז נאָך אין די מיטעלע יאָהרען. ער איז ניט ווייט איבער פערציג. זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט האָט ער אָנגעפאַנגען, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער סטודענט אין דער אוניווערסיטעט פון אָדעס. זיין סטודענטישע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט האָט

אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. אין יאָהר 1900 איז ער שוין געזעסען אין דער אָדעסער פּאָליטישער טיורמע, וואו ער איז פאַרבליבען אַן ערך צוויי און אַ האַלב יאָהר און פון וואַנען מען האָט איהם פאַרשיקט אין וויטען, קאַלטען סיביר ביי דעם לענא טייך, פון וואַנען ער איז אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַנטלאָפען געוואָרען. די פּאָר יאָהר, וואָס טראָצקי איז געזעסען אין טיורמע, איז פאַר איהם ניט פאַרלאָרען געגאַנגען. ער האָט די „רוהע צייט“, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט איהם געגעבען, גוט אויסגענוצט צו לערנען און צו שטודירען די סאָציאַלע און פּאָליטישע עקאָנאָמישע וויסענשאַפטען. זיצענדיג אין טיורמע האָט טראָצקי צייט געהאַט צו שטודירען די טעאָריע פון סאָציאַליזם, און ער איז אַ פליסיגער סטודענט געווען. ווען טראָצקי איז אַנטלאָפען פון סיביר און איז אַ ביסעל שפּעטער געקומען אין דער שווייץ האָט ער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז נאָך גאַנץ יונג געווען, געצויגען אויף זיך גרויס אויפמערקזאַמקייט אין די רוסישע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע קרייזען. זיין ערשטע בראָשורע, וועלכע איז געדרוקט געוואָרען אין זשענעווא אין יאָהר 1903 וועגען דעם צווייטען רוסישען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען צוזאַמענפאָהר, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין שטאָקהאָלם, וואו עס זיינען געשאַפען געוואָרען די צוויי פראַקציעס מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס, האָט טראָצקי'ן אוועקגעשטעלט אין די ערשטע רייהען פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ אין דער שווייץ. זיין בראָשורע איז פיעל געלעזען און דיסקוטירט געוואָרען. ער האָט אין איהר געמאַכט אַ פּראָבע צו פאַראייניגען די צוויי טיילען פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען נאָך דאַן ניט אוועק צו וויט איינע פון די אַנדערע. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די פּראָבע, ווי די ווייטערדיגע טראָצקי'ס פּראָבען אויף דעם געביעט, האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג, איז ער אָבער דאָך גאַנץ גיך געוואָרען איינער פון די וואָרט־פיהרער אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטיע, און עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער נאָמען טראָצקי איז באַקאַנט געוואָרען אַלס איינער פון די טאַלאַנטפולסטע און באַדייטענדסטע רוסישע סאָציאַליסטישע זשורנאַליסטען.

טראָצקי'ס אַרטיקלען אין דער „איסקראַ" (די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג, וועלכע איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין דער שווייץ, אין וועלכער עס האָבען מיטגעאַרבייט פּלעכאַנאָוו, לענין, מאַרטאָוו, אַקסעלראָד, סטאַראָווער און פיעלע אַנדערע פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּראָמינענץ), האָבען זיך אימער אויסגעצייכענט מיט שאַרפקייט, בייסיגקייט און זשורנאַליסטישען טאַלאַנט. טראָצקי האָט געשריבען איבער פאַרשיעדענע פראַגען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, מייסטענס אָבער איבער דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. טראָצקי איז נאָך דאַן געווען צו יונג איהם אַריינצורעכענען צווישען די טעאָרעטיקער און טאַקטיקער פון דער רוסישע רסאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער זיינע אַרטיקלען זיינען געלעזען געוואָרען מיט גרויס אינטערעס, צוליעב דער לע־בעדינקייט און פרישקייט פון טראָצקי'ס סטיל און צוליעב דעם ענערגישען און רעוואָלוציאָנערען טאָן וואָס אין זיי האָט זיך גע־הערט. טראָצקי האָט אין זיך געהאַט אַ ים רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, און ער האָט עס געזוכט וואו אויסצוברענגען. ער האָט דעריבער געאַרבייט אויף אַלע געביעטען פון דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג. ער איז געווען אַן אַגיטאַטאָר, אַ פּראָ־פּאַגאַנדיסט, אַ שרייבער, אַ רייזענדער אַגענט — ער האָט געטאָן אַלעס אין וואָס די באַוועגונג האָט זיך גענויטינגט.

דער שרייבער פון דיעזע ציילען האָט טראָצקי'ן באַגעגענט דאָס ערשטע מאָל אין 1903 אויף אַ רוסישער סטודענטען־פאַר־זאַמלונג אין דער שווייץ, וואו טראָצקי האָט גערעדט, און מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט ער זיך מיט איהם געטראָפען אויף אַ רוסישער סטודענטען־פאַרזאַמלונג אין דייטשלאַנד, וואו טראָצקי איז גע־קומען האַלטען אַ רעפעראַט וועגען „בונד". אין 1903 איז טראָצקי

געווען נאָך ווענינ באַקאַנט אין די רוסישע „קאָלאָניעס", ווי מען פלעגט דאַן רופען די פאַרזאַמלונגען פון רוסישע סטודענטען און פּאָליטישע עמיגראַנטען אין אויסלאַנד. אין 1904 איז ער שוין געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע רעוואָלוציאָנערען.

עס איז דאַן געווען די צייט, ווען דער קאַמף צווישען דער „איסקרא" און צווישען „בונד" איז געווען אין רעכטען ברען. דער קאַמף צווישען „איסקרא" און „בונד" האָט אין די רוסישע „קאָלאָניעס" אין דייטשלאַנד, אין דער שווייץ און בעלגיען, אין פּאַריז און אין וויען פאַרדעקט אפילו דעם קאַמף צווישען די מענשעוויקעס מיט די באָלשעוויקעס. עס איז געווען די צייט, ווען דער „בונד" האָט אָנגעפאַנגען צו געווינען גרויס איינפלוס אויף דער אידישער סטודענטישער יוגענד און אויף דער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ אין אַלגעמיין. די רוסישע סטודענטען־„קאָלאָניעס" אין אויסלאַנד זיינען דאָ צום גרעסטען טייל באַשטאַנען פון אידען, און צווישען די בונדיסטישע גרופּעס און „איסקרא" גרופּעס איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקער קאַמף פאַר דעם איינפלוס צווישען דער סטודענטענשאַפט. עס דאַרף דערביי דער־מאָנט ווערען, אַז אין יענער צייט איז דער „בונד" געשטאַנען אויסערהאַלב דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (דער „בונד" איז אַרויסגעטראָטען פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דעם זומער פון 1903 און איז אַריינגעטראָטען צוריק אין דער פּאַרטיי אין דעם זומער פון 1906).

טראָצקי האָט זיך מיט זיין גאַנצער היץ אַריינגעוואָרפען אין קאַמפּף נעגען „בונד". ער איז אָבער אויף דעם געביעט געווען ניט איבעריגס ערפאָלגרייך. ער האָט דעם „בונד" דאַן צו ווענינ געקענט, איז ניט געווען באַקאַנט מיט דער בונדיסטישער ליטעראַטור, וועלכע איז געווען הויפּטזעכליך אין אידיש, און ער איז אין אַלגעמיין געווען פרעמד פון אידישען לעבען און פון דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג. ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנצע אָראַטאָרישע קראַפט און זיין אַלגעמיינע טעאָרעטישע סאָציאַליסטישע פאַרבע־

רייטונג, פלעגט ער שוועד האַלטען גרונר, ווען עס פלעגען זיך אָנפאַנגען די דעבאַטען נאָך זיינע רעפעראַטען, וועלכע ער האָט געהאַלטען וועגען „בונד". די דעבאַטען נאָך טראָצקי'ס רעפעראַט וועגען „בונד", וועלכען דער שרייבער פון די צייטען האָט בייגע־וואוינט, האָבען אָנגעהאַלטען צוויי טעג, און דער עולם האָט גע־זאָגט, אַז דער זיעג איז גיכער געווען אויף דער זייט פון בונדיס־טען, ווי אויף טראָצקי'ס זייט. עס שיינט, אַז טראָצקי אַליין האָט געפיהלט, אַז ער איז ניט גענוג שטאַרק באוואפענט געגען „בונד", ניט זייענדיג באקאַנט מיט דער בונדיסטישער ליטעראַטור. ער האָט זיך דעריבער אָנגעפאַנגען לערנען לעזען אידיש, און עס האָט ניט לאַנג גענומען און ער האָט אָנגעפאַנגען צו לעזען די בונדיס־טישע ליטעראַטור אין אידיש. אָבער ווען טראָצקי האָט געקראָגען א בעסערע פאָרברייטונג פאַר זיין קאַמפף געגען „בונד", האָט זיך אונטערגערוקט די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905, און טראָצקי האָט געהאַט א וויכטיגערע ארבייט ווי צו קעמפפען געגען „בונד".

עס איז דערביי אינטערעסאַנט צו באמערקען, אַז אויסער צו דעם נאַציאָנאַלען פּראָגראַם פון „בונד" איז טראָצקי צו דעם פּאָ־ליטישען פּראָגראַם און צו דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק פון „בונד" געשטאַנען זעהר נאָהענט. אין דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק און אין די אָנזיכטען אויף דער ענטוויקלונג פון דער רו־סישער רעוואָלוציע איז טראָצקי מייסטענס געשטאַנען נעהנטער צום „בונד", ווי צו די אַנדערע פראַקציעס אין דער רוסישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער באוועגונג.

ווען עס האָט אויסגעבראָכען די ערשטע רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד אין יאָהר 1905 איז טראָצקי גלייך געווען אויפ'ן קאַמפפס־פּלאַץ, און דורך זיין טעטיגקייט אין דעם פּעטערבורגער סאָוועט, אָנפאַנגס אַלס א מיטגליעד פון דער עקזעקוטיווע און נאָכדעם אַלס פּאָרזיצענדער פון סאָוועט, איז טראָצקי געוואָרען א נאַציאָנאַלע פיגור, איינער פון די הויפט־פיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין דער פּאָפּולערסטער צווישען אַלע. דער פּעטערבורגער סאָוועט

האָט דאָן עקזיסטירט בלויז 50 טעג, אָבער פאַר טראָצקי'ן איז ער געווען די העכסטע רעוואָלוציאָנערע שול, וואו ער האָט באקומען זיין פאָלשטענדיגע רעוואָלוציאָנערע רייפקייט און וואו עס האָבען זיך ביי איהם אויסגעארבייט פעסטגעשטעלטע אידעען און מיינונגען וועגען דער אויפגאבע פון דעם רוסישען רעוואָלוציאָנערען פראָלעטאריאט און פון דער רעוואָלוציאָנערער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראטיע אין דער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף דורכגעפיהרט ווערען אין רוסלאנד, און וועלכע ער פיהרט איצט דורך אין רוסלאנד אין דער פּראַקטיק.

ווען די רוסישע רעאקציע האָט זיך צונויפגענומען מיט די כחות און די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע איז אונטערדריקט געוואָרען, איז טראָצקי מיט די איבעריגע מיטגליעדער פון פּעטערבורגער סאָוועט ארעסטירט געוואָרען און אָפּזיצענדיג א יאָהר צייט אין געפענגניס איז טראָצקי פאַר'משפּט געוואָרען פארשיקט צו ווערען אויף זיין גאנצען לעבען אין סיביר, און דעם 3טען יאנואר 1907 איז ער אונטער א העכסט שטרענגער וואך ארויסגעשיקט געוואָרען אין דעם ווייטען קאלטען צפון פון סיביר, אין דעם פארוואָרפענעם געגענד אָבדאָרסק, וואו ער איז פאַר'משפּט געוואָרען צו ענדיגען זיין לעבען. טראָצקי'ן איז אָבער געלונגען צו אנטלויפען פון מיטען וועג, איידער ער איז נאָך אָנגעקומען אין דעם ווייטען פארשיקונגס־פּלאץ, וועלכען מען האָט פאַר איהם באשטימט. דאָס איז געווען א העכסט געוואגטער און ריזיקאַלישער שריט, אָבער דער אונערשראָקענער טראָצקי האָט איהם דורכגעפיהרט. ער איז געפאָהרען אין די פארשנעעטע וויסטענישען פון סיביר אין א שליטען פון א סיבירישען אָסטיאַק געשפּאנט מיט סיבירישע הירשען אן ערך 800 וויאָרסט, און אונטערווארפענדיג זיך פארשיעדענע געפאהרען איז ער אין אָנפאנג פריהלינג פון דעמזעלבען יאָהר אריבער די רוסישע גרענעץ און איז ווידער געווען פריי. די דאָזיגע געפעהרליכע רייזע זיינע האָט טראָצקי באשריבען אין א באזונדער ביכעל.

אַנקומענדיג אין אויסלאַנד האָט טראָצקי זיך באַזעצט אין וויען, וואו ער איז פארבליבען ביז די מלחמה האָט אויסגעבראָכען. ווען מלחמה איז ערקלערט געוואָרען האָט טראָצקי, אַלס רוסישער אונטערטאַן און „פיינד" פון עסטרייך געמוזט מיט זיין פרוי און צוויי קינדער פארלאָזען וויען. ער איז מיט זיין פאַמיליע אוועק־געפאָהרען אין ציריך, שווייץ, און האָט זיך דאָרטען באַזעצט. זייענדיג אין דער שווייץ האָט ער אָנגעשריבען א ביכעל „די מלחמה און דער אינטערנאציאָנאַליזם", אין וועלכען ער קריטיקירט זעהר שארף די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראטיע וואָרום זי האָט געשטימט פאר דעם קריעגס־בודזשעט, און ער ווענדעט זיך צו די דייטשע ארבייטער מיט א שטארקען אויפרוף, אז זיי זאָלען פארדאמען די מלחמה און ניט פארראַטען דעם אינטערנאציאָנאַליזם. דאָס ביכעל איז פון דער שווייץ אריינגעשמוגעלט געוואָרען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך מיט דער הילף פון די שווייצארישע סאָציאַ־ליסטען און איז פארשפרייט געוואָרען צווישען די ארבייטער. פאר דער דאָזיגער עברה האָט א דייטשער געריכט פאר'משפט טראָצקי'ן אונטער די אויגען צו א לאַנגען טערמין געפענגניס. די פאַראור־טיילונג איז אָבער בלויז געווען א „טעאָרעטישע", ווייל טראָצקי איז געווען אין דער שווייץ, וואו דער דייטשער געפענגניס־אורטייל האָט איהם ניט געקענט גרייכען.

פון ציריך איז טראָצקי אוועקגעפאָהרען אין פאריז, וואו ער האָט געהאָלפען רעדאגירען א רוסישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראטישע צייטונג. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט איהם אָבער באַלד אויסגעוויזען פון פאריז און האָט איהם געהייסען פאר־לאָזען פראַנקרייך. ער איז געפאָהרען אין שפאַניען, אָבער די שפאַנישע רעגירונג האָט איהם ניט ערלויבט זיך צו באַזעצען ביי איהר אין לאַנד. טראָצקי האָט דאַן באַשלאָסען צו פאָהרען אין אמעריקא, וואו ער האָט פארבראכט עטליכע מאָנאטען און פון וואַנען ער איז אָנפאַנג זומער 1917, נאָכדעם ווי די רוסישע רעוואָ־לוציע האָט אויסגעבראָכען, אוועקגעפאָהרען אין רוסלאַנד, מיט

דער אויפגאבע צו העלפען ברענגען די אמת'ע פראָלעטארישע רע־
וואָלוציע, וועלכע זאָל פיהרען דעם פראָלעטאריאט צום פאָלשטענ־
דיגען זיעג און צו פאָלשטענדיגער מאכט.

און טראָצקי האָט זיין אויפגאבע ערפילט.

ניו יאָרק, יוני, 1919.

דער פּראָלעטאַריאַט און
די רעוואָלוציאָן.

אנמערקונג:

„דער פראלעטאריאט און די רעוואלוציאן" — איז ערשיענען ארום אנפאנג פון 1904, כמעט א יאהר נאך דעם, ווי ס'האט אויסגעבראכען די רוסיש־יאפאנעזישע מלחמה. דאס איז געווען א קריטישער יאהר פאר די אויטאקראטישע הערשער פון רוסלאנד. דאס יאהר האט זיך אנגעפאנגען מיט פאטריאטישע דעמאנסטראציעס און האט זיך געענדיגט מיט א רייהע נידערלאגעס אויף די שלאכט־פעלדער און מיט א אויפלעבונג פון פאליטישע טעטיגקייט אין די בורזשואזיע ליבעראלע קרייזען. די זעמסטוואס (ליבעראלע קערפערשאפטען, וואס פלעגען ערוועהלט ווערען פון דער ארטיגער באפעלקערונג צו האבען אויפזיכט איבער לאקאלע אנגעלעגענהייטען) האבען אנגעפיהרט א לעבעדיגע פאליטישע טעטיגקייט פאר א קאנסטיטוציאנעלע ארדנונג. אנדערע ליבעראלע גרופען, ארגאניזאציעס פון פראפעסיאנעלע פערזאנען (דאקטוירים, אדוואקאטען, אינזשענירען, זשורנאליסטען, א. ד. גל.) האבען זיך אנגעשלאסען אן דער באוועגונג. (ווען טראצקי רעדט דא וועגען די „דעמאקראטען" און „דעמאקראטישע עלעמענטען", מיינט ער די ליבעראלע גרופען און ארגאניזאציעס). די ליבעראלע פיהרער האבען פאררופען אן אפענעם קאנגרעס אין פעטערבורג אויף דעם 6טען נאוועמבער און געפאדערט פאליטישע פרייהייט און א קאנסטיטוציע. די „דעמאקראטישע עלעמענטען" האבען אונטער'ן שלייער פון פריוואטע באנקעטען ארגאניזירט דא און דארט אן עפענטליכען צוזאמענקונפט, וואס האט געטראגען א פאליטישען כאראקטער. די ליבעראלע פרעסע האט מיט מעהר מוט אנגעפאנגען אטאקירען די רעגירונג, וועלכע האט כמעט פארשוויגען די גאנצע באוועגונג. פרינץ סוויאטאפאלק־מירסקי, דער אינערן מיניסטער, וועלכער האט פארנומען דעם פלאץ פון פאן־פלעווע, דעם רעאקציאנערען דיקטאטאר, וועלכער איז ערמארדעט געווארען פון א רעוואלוציאנער אין מאנאט יולי 1904, האט פארשפראכען „פריינדליכע באציהונגען" צווישען דער רעגירונג און דער געזעלשאפט. אויף דער פאליטישער שפראך איז דער פעריאד, וועלכער האט געדויערט פון אויגוסט ביז ענדע יאהר, באקאנט אונטער'ן נאמען — די „פריהלינגס־צייט".

דאס איז געווען א הערליכע צייט, פול מיט פאליטישע האפנונגען און ערווארטונגען. אבער, מאדנע, דער ארבייטער־קלאס האט געשוויגען.

דער ארבייטער־קלאַס האָט אַרויסגעצייגט א שטארקע אונצופרידענהייט אין 1902 און הויפטזעכליך אין זומער פון 1903, ווען צעהנדליגע טויזענדע זיינען אין פארשידענע ערטער, באַזונדער אין מערב און אין זיד־רוסלאנד, אַרויס אין אַ פּאָליטישען סטרייק. דאָך, זיינען אין פּאַרלויף פון גאנצען יאָהר 1904 ניט געווען קיין מאַסען־אַרויסטרעטונגען פון אַרבייטער. דאָס האָט פּיעלע ליבעראַלען געגעבען אַ געלעגענהייט צו שפּאַסען זיך איבער די פארטרעטער פון די רעוואָלוציאָנערע פּארטייען, וועלכע האָבען געבויט זייער גאנצע טאַקטיק אויף דער ערווארטונג פון א נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע.

צו ענטפערען די סקעפּטיקער און צו ערמוטיגען די אַקטיווע מיטגליעדער פון דער סאָציאל דעמאָקראטישער פּארטיי האָט טראָצקי אָנגעשריבען דאָס אַרטיקעל. אָבוואָהל ער האָט געוואָהנט אין אוילסאנד, האָט טראָצקי דאָך שאַרף געפּיהלט דעם פּולס פון די מאַסען, זייער איינגעצוימטע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע”, וועלכע האָט געזוכט זיך דורכצוברעכען אַ וועג. אַלעס וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין פּאַרלויף פון א נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע איז ווירקליך געשעהן אין יאָהר 1905.

טראָצקי׳ס גלויבען אין דער רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיווע פון דעם אַרבייטער־קלאַס ווערט דאָ אויסגעדריקט אויף דעם קלאָרסטען און שענסטען אופן.

דער פּראָלעטאַריאַט און די רעוואָלוציאָן.

דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף ניט בלויז אָנפיהרען אַ רעוואָלו־ציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ. דער פּראָלעטאַריאַט אַליין דאַרף פיהרען צו אַ רעוואָלוציאָן.

צו פיהרען צו אַ רעוואָלוציאָן מיינט ניט דורכאויס צו באַ־שטימען אַ טאָג פאר אַן אויפשטאַנד אָדער מאַכען פּאָרבערייטונגען פאר אַזאַ טאָג. מען קען קיין מאָל ניט באַשטימען אַ טאָג און אַ שטונדע פאר אַ רעוואָלוציאָן. דאָס פאָלק האָט קיין מאָל ניט געמאַכט קיין רעוואָלוציאָן דורך באַפעהל.

וואָס קען געטאָן ווערען, — נעהמענדיג אין אנבאטראַכט די אָנקומענדע געפאַהר, — אויסצוקלייבען אַ העכסט פּאַסענדע פּאָ־זיציע, צו באַוואַפנען און באַגייסטערען די מאַסען כּדי אַ רעוואָ־לוציאָנערען לאָזונג, צו פיהרען איינצייטיג דעם גאַנצען רעזערוו סאָלדאַטען אין שלאַכטפעלד, צו מאַכען זיי פּראַקטיצירען אין דער קונסט פון קאַמפף, צו האַלטען זיי גרייט אונטער געווער און צו געבען אַ ידיעה איבער דער גאַנצער ליניע וועגען דער געפאַהר, ווען די צייט איז געקומען.

מיינט דאָס בלויז אַ רייהע פון איבונגען און ניט אַן ענטשיע־דענער קאַמפף מיט דעם שונא'ס קרעפטען? מיינט דאָס בלויז מאַנעוורען און ניט אַ גאַסען־רעוואָלוציאָן?

יאָ, דאָס מיינט בלויז מאַנעוורען. עס איז פונדעסטוועגען אַ אַן אונטערשיעד צווישען רעוואָלוציאָנערע און מיליטערישע מאַ־נעוורען. אונזערע פּאָרבערייטונגען קענען צו יעדער צייט פאַר־וואַנדעלט ווערען, — און זאָגאַר אונאָפּהענגיג פון אונזער ווילען, — אין אַן אמת'ער שלאַכט וואָס זאָל ענטשיידען די רעוואָלוציאָנערע

מלחמה וואָס שלעפּט זיך אַזוי לאַנג. ניט בלויז קען דאָס זיין, נאָר עס מוז זיין. דאָס איז געזיכערט דורך דער שאַרפקייט פון דער איצטיגער פּאָליטישער לאַגע, וועלכע האַלט אין איהר טיעפ־קייט אַן אונגעהויערע מאָס פון רעוואָלוציאָנערען אויפרייסונגס־מאַטעריאַל.

ווען די צייט פון איינפאַכע מאַנעוורען קען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַן אמת'ער שלאַכט, איז אָפּהענגיג פון דער רעוואָלו־ציאָנערער שטאַרקייט פון די מאַסען, פון דער אומגעבונג און פון דער סימפּאַטיע וואָס רינגעלט זיי אַרום און פון דער באַציהונג פון די סאָלדאַטען וואָס די רעגיערונג שיקט אַרויס געגען דעם פּאָלק.

די דריי עלעמענטען פון אַן ערפאָלג מוזען ענטשיידען אונזער פּאַרבאַרייטונגס־אַרבייט. עס עקזיסטירען רעוואָלוציאָנערע פּראָ־לעטאַרישע מאַסען. מיר דאַרפען זיין אימשטאַנד צו רופען זיי אין די גאַסען, צו אַ באַשטימטער צייט, איבער'ן גאַנצען לאַנד; מיר דאַרפען זיין אימשטאַנד צו פאַראייניגען זיי פאַר אַן אַלגע־מיינעם לאָזונג.

אַלע קלאַסען און גרופּען פון דעם פּאָלק זיינען אַרומגענומען מיט אַ טיעפען האַס צו אַבסאָלוטיזם, און דאָס מיינט מיט סימ־פּאַטיע פאַר דעם פרייהייטס־קאַמפּף. מיר דאַרפען זיין אימשטאַנד צו קאָנצענטרירען די סימפּאַטיע אַרום פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ רע־וואָלוציאָנערע מאַכט, ווייל נאָר דער פּראָלעטאַריאַט אַליין קען זיין דער אַוואַנגאַרד פון דעם פּאָלק אין זייער קאַמפּף צו ראַטעווען די צוקונפט פון רוסלאַנד. וואָס אַנבאַלאַנגט די שטימונג פון דער אַרמעע איז זי קוים צום האַרצען דער רעגיערונג און די רעגיערונג קען אויף איהר קיין גרויסע האָפנונג ניט בויען. אין די לעצטע עטליכע יאָהר זיינען געווען אַ סך סמנים פון געפאַהר; די אַרמעע איז בייז, די אַרמעע בורטשעט, עס פיהלט זיך אַ שטאַרקע אונצו־פרידענהייט אין דער אַרמעע. מיר דאַרפען טאָן אַלעס אין אונ־זערע קרעפטען צו מאַכען די אַרמעע אָפּגעזונדערט פון דעם אַב־

סאָלוטיזם, ווען עס וועט קומען די ענטשיידענע צייט פאַר די מאַסען צו מאַכען אַן אָנפאַל.

לאָמיר צוערשט באַטראַכטען די לעצטע צוויי אומשטענדען, וועלכע באַשטימען דעם גאַנג און דעם רעזולטאַט פון דעם וואַהל־קאַמפף.

מיר האָבען נאָר וואָס דורכגעלעבט דעם פעריאָד פון „פּאָלי־טישער באַנייאונג“ וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אונטער דעם ליאַרם פון טרומפּייטען און געענדיגט מיט דער צייט פון סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי׳ס רעגיערונג, וועלכע האָט געשאַפען אַ האַס צום אַבסאָ־לוטיזם און אויפגערעגט די דענקענדע עלעמענטען פון דער געזעל־שאַפט צו דער העכסטער מדרגה. די קומענדע טעג וועלען שניידען די פרוכט פון די פאַרזעהטע פּאָפּולערע האָפנונגען און פון די פאַר־שפּרעכונגען וואָס די רעגיערונג האָט ניט ערפילט. דער אינטע־רעס אין פּאָליטיק האָט לעצטענס אָנגענומען אַ מעהר באַשטימטע פאָרמע; אונצופריעדענהייט איז טיעפער איינגעפלאַנצט געוואָרען און שטיצט זיך אויף אַ מעהר אויסגעשפּראָכענעם טעאָרעטישען באָדען. דאָס פּאָפּולערע דענקען, וואָס איז געסטערן געווען העכסט פרימיטיוו, נעהמט זיך יעצט דורשטיג פאַר דער אַרבייט פון פּאָ־ליטישע אונטערזוכונגען. מען האָט זיך שנעל גענומען אויסגראָבען די הויפּט־אורזאַכען פון וואַנען עס שטאַמט יעדער וואָרצעל פון שלעכטס, יעדע ווילקירליכע מאַכט. רעוואָלוציאָנערע שלאַג־ווער־טער שרעקען מעהר ניט דאָס פאָלק; פאַרקעהרט, זיי רופען אַרויס אַ טויזענדפאַכען אָפּקלאַנג און ווערען פאַרשפּרייט אַלס פאָלקס־ווערטער. דאָס אַלגעמיינע באַוואוסטזיין כאַפּט אויף יעדען וואָרט פון אָפּלייקענונג, פאַרדאַמונג אָדער שעלטען, געריכטעט געגען אַב־סאָלוטיזם, ווי אַ שוואָם זאַפּט איין זיך איין וואַסער. קיין שריט פון דער רעגיערונג בלייבט ניט אונבאַשטראָפט. יעדער טעות איהרער ווערט ערנסט באַטראַכט. איהרע פאָרטשריטע ווערען אויסגעלאַכט, איהר סטראַשען פאַרפלאַנצט האַס. די ברייטע מאַ־שינערי פון דער ליבעראַלער פּרעסע פאַרשפּרייט יעדען טאָג טויי־

זענרער פאקטען, וואָס ערוועקען, צורייצען, צופלאַמען די ליידענ־שאַפטען.

די פארשפארטע געפיהלען זוכען אַן אויסוועג. גערדאנקען שטערבען פארוואנדעלט צו ווערען אין טאטען. די שרייענדע ליבע־ראלע פּרעסע, אַבוואָהל זי העלפט פארשפרייטען אונצופריעדענהייט, זוכט זי אָבער צו יאָגען דעם שטראָם אין אַ שמאָלען קאנאל; צו פארשפרייטען אַן אבערגלויבליכען געפיהל פאר די „געזעלשאפט־ליכע מיינונג", פאר די הילפלאָזע אונאָרגאניזירטע „געזעלשאפט־ליכע מיינונג", וועלכע קען ניט פארוואנדעלט ווערען אין טאטען; זי פארדאמט די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע אין דעם קאמפף פאר נאציאָנאלע גלייכבארעכטיגונג; זי אונטערשטיצט דעם גערדאנק וועגען געזעצליכקייט; זי קאָנצענטרירט די גאנצע אויפמערקזאמ־קייט און אלע האָפנונגען פון די פארביטערטע גרופען ארום דעם וואהל־קאמפף פון דער זעמסטוואָ, צוגרייטענדיג אויף אזא אופן סיסטעמאטיש אַ גרויסע שטערונג צו דער אלגעמיינער באוועגונג. די שארפע אונצופריעדענהייט, ניט געפינענדיג קיין אויסוועג, ענט־מוטיגט פון דעם אונפארמיידליכען דורכפאל פון דעם לעגאלען וואהל־קאמפף פון דער זעמסטוואָ, וועלכע האָט ניט קיין טראַ־דיציעס פון אַ רעוואָלוציאָנערען קאמפף אין דער פארגאנגענהייט און קיין קלאָרע אויסזיכטען אין דער צוקונפט, מוז דארום געפינען אַן אויסדרוק אין פארצווייפעלטען טעראָריזם, לאָזענדיג די ראדי־קאלע אינטעליגענץ אין דער ראָלע פון הילפלאָזע, פאסיווע און „סימפאטיזירענדע" באאָבאכטער; לאָזענדיג די ליבעראלען זיך ווארגען מיט דער פּלאטאָנישער באגייסטערונג ווען זיי צייגען ארויס אַ צווייפעלהאפטע הילף.

דאָס האָט ניט גערדארפט פאסירען. מיר דארפען אויסנוצען דעם שטראָם פון אלגעמיינע אויפרעגונג; מיר דארפען ווענדען די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון די פיעל אונצופרידענע געזעל־שאַפטליכע גרופען אויף איין גרויסער אונטערנעמונג, געפיהרט

פון דעם פּראָלעטאַריאַט, — אויף דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָן.

דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָן דאַרף אויפוועקען פון דרעמעל אַלע אַנדערע עלעמענטען פון פּאָלק; ער דאַרף זיך באַווייזען דאָ, דאָרט און איבעראַל; ער דאַרף אַרויסשטעלען די פראַגען פון פּאָליטישען קאַמפּף אין דער דרייסטער פאָרמע; ער דאַרף רופען צו באַשטראָפען די היפּאָקריטישע דעמאָקראַטיע און אַרונטערצורייסען פון איהר די מאַסקע; ער דאַרף מאַכען אַז די דעמאָקראַטען און די זעמסטוואָ ליבעראַלען זאָלען קעמפען איינער געגען דעם צווייטען; ער דאַרף אָבער און ווידער וועקען, רופען, באַשטראָפען און פּאָדערען א קלאָרען ענטפער אויף דער פראַגע: „וואָס וועט איהר טאָן ניט צו ערלויבען זיך צוריקצוציהען“? ; ער דאַרף צווינגען די געזעצליכע ליבעראַלען, אַז זיי זאָלען מודה זיין וועגען זייער שוואַכקייט; ער מוז אָפּזינדערין פון זיי די דעמאָקראַטישע עלעמענטען און העלפען פיהרען די לעצטע אויף דעם וועג פון דער רעוואלוציאן. צו טאָן די אַרבייט מיינט צו ציהען די פעדים פון סימפּאַטיע פון יעדער דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע צו דעם רעוואָלוציאָנערען וואַהל־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

מיר דאַרפען טאָן אַלעס אין אונזערע קרעפטען צו געווינען די סימפּאַטיע פון דער אָרימער ניט־פּראָלעטאַרישער שטאָדטישער באַפעלקערונג. אין פאַרלויף פון די לעצטע מאַסען אַרויסטרעטונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, פּונקט ווי אין דעם אַלגעמיינעם סטרייק פון 1903 אין דרום רוסלאַנד, איז קיין זאך אין דעם הינזיכט ניט געטאָן געוואָרען, — דאָס איז געוועזן דער שוואַכסטער פּונקט פון דער פאָרבערייטונגס אַרבייט. לויט ווי די קאָרעספּאָנדענטען פון די צייטונגען גיבען איבער, זיינען צווישען דער באַפעלקערונג אָפט פאַרשפּרייט געוואָרען וואונדערבאַרסטע קלאַנגען וועגען די אבזיכטען פון די סטרייקער. די שטאָדטישע באַפעלקערונג האָט ערוואַרטעט אַז מען וועט אַטאַקירען זייערע הייזער,

די געשעפטסלייטע האָבען מורא געהאט אז מען וועט זיי ראבירען, די אידען האָבען זיך געשראָקען פאר פאָגראָמען. דאָס מוז מען פארמיידען. א פאָליטישער סטרייק, פונקט ווי א באזונדערער קאמף פון דעם שטאָדטישען פראָלעטאריאט מיט דער פאָליציי און דער ארמעע, האָט אויסזיכטען אויף א דורכפאל, אויב די איבריגע באפעלקערונג בלייבט פיינדליך אָדער זאָגאר גלייכגילטיג צו דער געשעהעניש.

די גלייכגילטיגקייט פון דער באפעלקערונג וועט הויפטזעכליך האָבען א מאָראלען איינפלוס אויף דעם פראָלעטאריאט אליין און נאכהער אויך אויף דער באציהונג פון די סאָלדאטען. אונטער אזעלכע אומשטענדען מוז די שטעלונג פון דער רעגירונג זיין מעהר ענטשלאָסען, די גענעראלען וועלען דערמאָנען די אָפיצירען, און די אָפיצירען וועלען איבערגעבען צו די סאָלדאטען די ווערטער פון גענעראל דראגאמיראָף*) : „ביקסען זיינען געגעבען געוואָרען צום שיסען, און קיינעם וועט ניט ערלויבט ווערען צו שיסען אזוי אז פאטראָנעס זאָלען פארלוירען געהן“.

א פאָליטישער סטרייק פון דעם פראָלעטאריאט מוז פארוואנדעלט ווערען אין א פאָליטישער דעמאָנסטראציע פון דער באפעלקערונג, — דאָס איז די ערשטע זאך וואָס איז נויטיג פאר אן ערפאָלג.

די צווייטע זאך וואָס איז נויטיג, איז — די שטימונג פון דער ארמעע. אן אינצופרידענהייט צווישען די סאָלדאטען, אן אונבאשטימטע סימפאטיע פאר די „רעוואָלטירען“ איז א וויכטיגער

*) דראגאמיראף איז צו יענער צייט געווען דער קאָמאַנדיר פון קיעווער גארניזאן.

פאקט. בלויז א טייל פון דער סימפאַטיע קאָן מיט רעכט צוגע־שריבען ווערען צו אונזער דירעקטע פראָפּאגאנדא צווישען די סאָלדאטען. די הויפּט ארבייט ווערט פארווירקליכט אין דעם פּראקטישען צוזאמענשטויס צווישען טיילען פון דער ארמיי און פּראָטעסטירענדע מאסען. בלויז א האָפנונגסלאָזער אידיאָט און א נידריגער אויסוואורף קאָן האָבען די העזה צו שיסען אויף לע־בעדיגע מענשען, ווי אין שיס־ברעטער. די גרויסע מעהרהייט פון די סאָלדאטען ענטזאגט זיך פון פארנעמען דעם פלאַץ פון א תליון; דאָס ווערט איינשטימיג צוגעגעבען פון אָלע צייטונגס־קאָרעספּאָנ־דענטען, וועלכע באשרייבען די שלאכטען פון דער ארמעע מיט אַן אונבאוואפענטער באפעלקערונג. דער דורכשניטליכער סאָלדאט ציעלט זיך צו שיסען איבער די קעפּ פון דער מאסע. עס וואָלט געווען אוננאטירליך אויב די מעהרהייט וואָלט געהאנדעלט אנ־דערש. ווען די באַסאַראַביער רעגימענטען האָבען געקראָגען א באפעהל איינצושטילען דעם קיעוו'ער אַלגעמיינעם סטרייק, האָט דער קאָמאנדיר ערקלערט, אז ער קאָן ניט גאראנטירען ווי זיינע סאָלדאטען וועלען זיך דערצו באציהען. דער באפעהל איז דא־מאלס געשיקט געוואָרען צו דעם חערסאָנער רעגימענט, אָבער ס'איז אפילו ניט געווען קיין העלפט סאָלדאטען אין דעם רעגימענט וואס זאלען וועלען אויספילען דעם באפעהל פון זייערע אָפיצירען.

קיעוו איז קיין אויסנאַם ניט געווען. דער צושטאנד פון דער ארמעע דארף יעצט זיין פיעל גינסטיגער פאר דער רעוואָלו־ציאָן ווי אין 1903. מיר זיינען דורכגעגאנגען א יאָהר פון מלחמה. עס איז קוים מעגליך אָפּצומעסטען דעם איינפלוס וואָס דער פאר־גאנגענער יאָהר האָט געהאַט אויף די נעראנקען פון דער ארמעע. דער איינפלוס דארף זיין אונגעהויער. די מלחמה ציהט ניט בלויז די אויפמערקזאמקייט פון דעם פאָלק, נאָר זי ערוועקט אויך דעם אינטערעס פון דער ארמעע. אונזערע שיפען זיינען לאנג־זאם, אונזערע ביקסען שיסען ניט ווייט, אונזערע סאָלדאטען זיינען ניט געבילדעט, אונזערע אונטער־אָפיצירען, אויף'ן ים און אויף דער

יבשה, האָבען ניט קיין קאָמפּאַס (מאַגנעטישער וועג־ווייזער אויפ'ן ים), אָדער לאַנד־קאַרטע, אונזערע סאָלדאַטען זיינען באַרפוס, הונגעריג און דורכגעפרוירען, אין אונזער „רויטען קרייץ" האַלט מען אין איין גנב'ענען, אונזער קאָמיסאַריאַט גנב'עט, — קלאַנגען און פאַקטען וועגען דעם ווערען פאַרשפּרייט אין דער אַרמעע און ווערען דאָרט ניינעריג אויפגעכאַפּט. יעדער קלאַנג, ווי אַ שטאַרקער זויער־שטאָף, עסט אויס דעם זשאַווער פון דעם מענשליכען געדאַנק. מען קאָן קויט פאַרגלייכען יאָהרען פון פרידליכע פּראָפּאַגאַנדא מיט די רעזולטאַטען וואָס עס ברענגט איין טאָג פון מלחמה. בלויז די מאַשינעריע פון דיסציפּלין בלייבט, אָבער עס ווערט צושמעטערט די איבערצייגונג אַז ס'איז רעכט אויסצופילען באַפעהלען, עס ווערט צושמעטערט דער גלויבען אַז די יעצטיגע אומשטענדען קאָנען פאָרטגעזעצט ווערען. וואָס וועניגער גלויבען די אַרמעע האָט אין אַבסאָלוטיזם, אַלץ מעהר גלויבען האָט זי אין דעם שונא.

מיר דאַרפען אויסנוצען די סיטואַציע. מיר דאַרפען ערקלערען די סאָלדאַטען די מיינונג פון די אַרבייטער אַרויסטרעטונגען, וועלכע ווערען צוגעגרייט פון דער פּאַרטיי. מיר דאַרפען זיך באַנוצען מיט דעם לאָזונג וואָס קאָן פאַראייניגען די אַרמעע מיט דעם רעוואָלוציאָנערען פאָלק, — „נידער מיט דער מלחמה!" מיר דאַרפען שאַפען אַ סיטואַציע, וואו די אָפיצירען זאָלען ניט זיין אימשטאַנד צו אַנפאַרטרויען זייערע סאָלדאַטען אין דעם קריטישען מאָמענט. דאָס וואָלט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויף דער באַציהונג פון די אָפיצירען אַליין.

דאָס איבעריגע וועט שוין געטאָן ווערען אין די גאַסען. די שטראַלען פון באַגייסטערונג אין דער קאַזאַרמע וועלען פאַרנאַנדערגעבלאָזען ווערען אין אַ רעוואָלוציאָנערען ענטוזיאַזם פון פאָלק.

די רעוואָלוציאָנערע מאַסען פאַרבלייבען דאָך די הויפּט ערשיינונג. ס'איז אמת, אַז אין פאַרלויף פון דער מלחמה האָבען די העכסט פאָרטגעשריטענע עלעמענטען פון די מאַסען, דער דענקענ־

דער פּראָלעטאַריאַט, ניט אַרויסגעטראָטען עפענטליך מיט גענוג ענטשלאָסענהייט, ווי עס האָט געפאָדערט דער קריטישער, היס־טאָרישער מאָמענט. צו ציהען אָבער פון דעם פאַקט פעסימיס־טישע שליסע, וואָלט געהייסען ניט האָבען קיין פּאָליטישען חוש און באַטראַכטען זאַכען זעהר אָבערפלעכליך.

די מלחמה איז געפאַלען אויף די אַקסלען פון דעם געזעל־שאַפטליכען לעבען מיט איהר גאַנצער משא. די שרעקליכע קריעגס־בריאה, אַטעמענדיג בלוט און פייער, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער'ן פּאָליטישען הימעל, פאַרדעקענדיג אַלעס, איינדריקענדיג איהרע שטאָהלענע נעגעל אין דעם קערפּער פון פאָלק, מאַכענדיג דאָרט וואונדען נאָך וואונדען, פאַראורזאַכענדיג שמערצליכען פּיין, וואָס מאַכען אויף א מאָמענט זאָגאַר אונמעגליך צו פרעגען וועגען די אורזאַכען פון די שמערצען פון דעם פּיין. די מלחמה, — ווי יעדער גרויסער אומגליק, ברענגט מיט זיך קריזיס, אַרבייטסלאָזיג־קייט, אויפרעגונג, הונגער און טויט, — האָט ערשטווינט דאָס פאָלק, געבראַכט פאַרצווייפלונג, אָבער ניט אַרויסגערופען קיין פּראָ־טעסט. דאָס איז אָבער בלויז אַן אנפאַנג. די רויהע פאָלקס־מאַסען, די שוו'יגענדע געזעלשאַפטליכע שיכטען, וואָס האָבען געסטערן ניט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען, זיינען געוואָרען אויפגערודערט פון דער מעכאַנישער קראַפט פון פאַקטען און האָבען דערזעהן דעם צענטראַל פּונקט פון דער ערשיינונג אין דער יעצטיגער רוסלאַנד, — די מלחמה. זיי זיינען געוועזען דערשראָקען, זיי האָבען דעם אָטעם ניט געקאָנט כאַפּען. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען, וועלכע האָבען פאַר דער מלחמה איגנאָרירט די גלייכגילטיגע מאַסען, זיינען געוואָרען באַאיינפלוסט פון דער הערשענדער פאַרצווייפלונג און שרעק. דער געפיהל האָט זיי אַרומגעכאַפּט און געפּרעסט זייער מאַרך ווי מיט א שווערער משא. די שטימע פון ענטשלאָסענעם פּראָטעסט האָט קוים געקאָנט אויפגעהויבען ווערען אין מיטען פון ריזע שרעקען און ליידען. דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט,

וועלכער איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון די וואונדען וואָס ער האָט געקראָגען אין מאָנאט יולי 1903, איז געווען מאכטלאָז זיך נעגענצושטעלען „דעם רוף פון ווילדע געפיהלען".

דאָס יאָהר פון מלחמה איז פונדעסטוועגען פארביי ניט אָהן רעזולטאטען. די מאסען, וואָס זיינען געסטערן געווען רויה, האָבען היינט פאר זיך געזעהן די גרעסטע געשעהעניסען. זיי האָבען גע־זוכט ווי די געשעהעניסען צו פארשטעהן. דאָס פארלענגערען פון דער מלחמה האָט געשאפען א פארלאנג נאָכצודענקען, צו שטעלען פראגען וואס דאָס אלעס באדייטעט, און די מלחמה, וועלכע האָט א געוויסע צייט געשטערט דער רעוואלוציאנערער איניציא־טיווע פון טויזענדע, האָט אזוי ערוועקט צום לעבען דעם פּאָ־ליטישען געדאנק פון מיליאָנען.

דאָס יאָהר פון מלחמה איז פארבייגעגאנגען ניט אָהן רעזול־טאטען, ס'איז קיין איין טאָג ניט פארביי אָהן רעזולטאטען. אין די נידריגע שיכטען פון פאָלק, אין דער סאמע טיעפעניש פון די מאסען איז שטילערהייט פאָרגעקומען א שטארקע באוועגונג וואָס מען האָט קוים געקאָנט באמערקען, אָבער דאָך איז די אר־בייט אָנגעגאנגען אונאויפהערליך, אָהן א ווידערשטאנד, און האָט אָנגעזאמעלט צאָרן, ביטערקייט און רעוואָלוציאָנערע ענערגיע. דער געפיהל וואָס פיהלט זיך היינט אין די גאסען איז מעהר ניט דער געפיהל פון איינפאכער פארצווייפלונג. עס איז אַ געפיהל פון אָנגעקליבענעם צאָרן, וואָס זוכט וועגען און מיטלען פאר רעוואָ־לוציאָנערע טאטען. יעדער פאסענדער טאָט פון דעם אוואנגארד פון אונזערע ארבייטער מאסען קאָן יעצט מיטפיהרען מיט זיך ניט בלויז אונזערע רעוואָלוציאָנערע מחנות פון הינטען, זאָנדערן אויך טויזענדע און הונדערטע טויזענדע נייע רעוואָלוציאָנערע רעקרוטען. די מאָביליזירונג, — ניט פארגלייכענדיג צו דער מאָביליזירונג פון דער רעגירונג, — קאָן פארווירקליכט ווערען ווען עס איז דאָ אַן אַלגעמיינע סימפאטיע און אַקטיווע הילף פון א גרויסער מעהרהייט פון דער באפעלקערונג.

צו האָבען אַ שטאַרקע סימפּאַטיע פון די מאַסען, צו האָבען אַ אַקטיווע הילף אויף דער זייט פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטען פון פאָלק; צו האָבען אַ רעגירונג וואָס ווערט פון אַלעמען פאַר־האַסט, וואָס איז אונערפּאָלגרייך אין גרויסע ווי אויך אין קליינע אונטערנעמונגען, אַ רעגירונג וואָס איז באַזיעגט געוואָרען אויף די ימים, וואָס איז באַזיעגט געוואָרען אויף די שלאַכט־פעלדער, וואָס איז פאַראַכטעט און נידערגעשלאָגען און האָט ניט קיין גלויבען אין אַ מאָרגעדיגען טאָג, אַ רעגירונג וואָס פיהרט אַ פאַרצווייפעלטען קאַמף, וואָס פּראָוואָצירט און טרעט אָפּ, וואָס זאָגט ליגען און ליידעט פון די חטאים וואָס ווערען וועגען איהר פאַרעפענטליכט, וואָס איז אונפאַרשעמט און דערשראַקען; צו האָבען אַן אַרמעע, וועמעס מאָראַל איז אין פאַרלויף פון דער מלחמה צושמעטערט געוואָרען, וועמעס מוטיגקייט, ענערגיע, ענטוזיאַזם און העלדיש־קייט האָט זיך אָנגעשטויסען אָן אַן אייזערנער וואַנט, אין דער פאָרם פון דער אַדמיניסטראַטיווער אַנאַרכיע, אַן אַרמעע וואָס האָט פאַרלאָרען דעם גלויבען אין דער גאַנצער פעסטקייט פון דעם רע־זשים וועמען זי דיענט, אַן אונצופרידענע, בייזע אַרמעע, וועלכע האָט זיך מעהר ווי איין מאָל אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר אַרויס־געריסען פון די צוואַנגען פון דיסציפּלין, און וועלכע הערט זיך ניי־גיריג צו צו דעם מורמלען פון רעוואָלוציאָנערע שטימען, — דאָס וועלען זיין די אומשטענדען אונטער וועלכע דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט וועט אַרויס אין די גאַסען. עס שיינט אונז אַז די געשיכטע האָט ניט געקאָנט שאַפען קיין בעסערע אומשטענדען פאַר דער לעצטער אַטאַקע. די געשיכטע האָט געטאָן אַלעס וואָס מען האָט געקאָנט ערוואַרטען פון עלעמענטאַרער קלוגשאַפט. די רעג־קענדע רעוואָלוציאָנערע קרעפטען פון לאַנד דאַרפען טאָן דאָס איבריגע.

אַן אינגעהייערע מאָס פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע האָט זיך אָנגעזאַמעלט. זי טאָר ניט פאַרשווינדען אָהן אַ נוצען, זי טאָר ניט צושפּרייט און פאַרנאַנדערגעוואָרפען ווערען אין צוזאַמענ־

שטויסע, וואָס האָבען ניט צווישען זיך קיין פארבינדונג און קיין באשטימטען פלאַן. אַלע אָנשטרענגונגען מוזען געמאכט ווערען צו קאָנצענטרירען די ביטערקייט, דעם פארדרוס, דעם פּראָטעסט, די אויפרעגונג, דעם האס פון די מאסען, צו געבען די ליידענשאַפטען אַן אַלגעמיינע שפּראך, אַן אַלגעמיינעם ציעל, צו פאראייניגען, צו פארשטאַרקען די אַלע טיילען פון די מאסען, צו מאכען זיי פיהלען און פארשטעהן אַז זיי זיינע ניט אָפּגעזונדערט, אַז איינציטיג מיט דעם זעלבען לאָזונג אויף'ן פאָהן, מיט דעם זעלבען ציעל און געדאנק שפּרינגען אומעטום ארויס פארשידענע טיילען. אויב די פארשטענדניס וועט עררייכט ווערען, האָט די רעוואָלוציאָן העלפט פון איהר אויפגאַבע פארווירקליכט.

מיר מוזען ארויסרופען אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטען, אַלע רעוואָלוציאָנערע כחות פאר די זעלבע טאַטען. ווי אזוי קאָנען מיר דאָס טאָן?

פריהער פון אַלעס דארפען מיר געדענקען אַז די הויפּט סצענע פאר רעוואָלוציאָנערע געשעהעניסען וועט ווארשיינליך זיין די שטאָדט. מען קאָן זיך ניט פּאָרשטעלען אַז אימיצער זאָל דאָס אָפּלייקענען. עס איז אויך קלאָר אַז גאסען־דעמאָנסטראציעס קאָנען פארוואַנדעלט ווערען אין אַן אַלגעמיינע רעוואָלוציאָן בלויז דאַן, ווען זיי זיינען מאַסען מאַניפעסטאַציעס, דאָס הייסט, ווען זיי כאַפּען צוערשט אַרום די ארבייטער פון די פאַבריקען און ווערקשטאַטען. צו מאכען די ארבייטער אָפּשטעלען זייערע מאשינען, צו מאכען זיי פארלאָזען די פאַבריקען און ארויס אין די גאסען, צו פיהרען זיי אין די שכנות'דיגע פאַבריקען און ערקלערען דאָרט, אַז די ארבייט איז אָפּגעשטעלט; צו מאכען נייע מאסען ארויסקומען אין די גאסען; צו געהן פון פאַבריק צו פאַבריק, פון ווערקשטאַט צו ווערקשטאַט; צו וואקסען אונאויפהערליך אין צאָהל, צו באזייטיגען די פּאָליציי שטערונגען, צו באאיינפלוסען נייע מאסען מיט וועלכע מען האָט א געלעגענהייט זיך צו באגעגענען; אָנצופילען די גאסען מיט מענשען און צו פארכאַפּען געביידעס

וואָס זיינען פּאַסענד פאַר מאַס־פאַרזאַמלונגען; צו באַפעסטיגען די געביידעס, אָפּצוהאַלטען דאָרט כסדר רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען מיט די מאַסען וואָס קומען און געהען; אריינצוברענגען אָרדנונג אין דער באַוועגונג פון די מאַסען, צו ערהויבען זייער גייסט, צו ערקלערען זיי דעם ציעל און די באַדייטונג פון אַלעס וואָס עס קומט פאָר; צו פאַרוואַנדלען ענדליך די גאַנצע שטאָדט אין איין רעוואָלוציאָנערען לאַגער, — דאָס איז, ברייט גערעדט, דער פּלאַן פאַר טעטיגקייט.

דער אנפאַנג דאַרף געמאַכט ווערען פון די פאַבריקען און ווערקשטאַטען. דאָס הייסט, אז גאַסען־מאַניפעסטאַציעס פון אַ ערנסטען כאַראַקטער, אָנגעלאָדען מיט ענטשלאָסענע געשעהעניסען, דאַרפען זיך אנפאַנגען מיט פּאָליטישע סטרייקס פון די מאַסען.

עס איז לייכטער צו באַשטימען אַ טאָג פאַר אַ סטרייק ווי פאַר אַ דעמאָנסטראַציע פון דעם פאָלק, פונקט ווי עס איז לייכטער צו מאַכען מאַסען גרייט פאַר אַן ארויסטרעטונג איידער צו אָרגאַניזירען נייע מאַסען.

אַ פּאָליטישער סטרייק, אָבער ניט קיין לאָקאַלער, נאָר אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער סטרייק איבער גאַנץ רוסלאַנד, — דאַרף האָבען אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישען לאָזונג. דער לאָזונג דאַרף זיין: צו מאַכען אַן ענדע צו דער מלחמה און צו רופען אַ נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוירענדע פאַרזאַמלונג!

די פאָדערונג דאַרף ווערען פאַרשפּרייט איבער׳ן גאַנצען פאָלק, און אין דעם ליגט די אויפגאַבע פון אונזער פּראָפּאַגאַנדא פאַר דעם אַל־רוסישען אַלגעמיינעם סטרייק. מיר דאַרפען אויסנוצען יעדע מעגליכע געלעגענהייט צו מאַכען די אידעע וועגען אַ נאַציאָנאַלע קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג פּאָפּולער צווישען דעם פאָלק. ניט פאַרלירענדיג איין מאָמענט, דאַרפען מיר לאָזען אין גאַנג יעדער

טעכנישען מיטעל און אַלע אונזערע קרעפטען פון פּראָפּאגאנדא וואָס מיר פארמאָגען. פּראָקלאַמאַציעס און רעדעס, בילדונגס קרייזען און מאַס-פארזאמלונגען דארפען ברייט פארשפרייט ווערען, אום איבערצוגעבען און ערקלערען די פאָדערונג וועגען א קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג. עס טאָר ניט זיין קיין איין מענש אין א שטאָדט, וועלכער זאָל ניט וויסען אַז זיין פאָדערונג איז: א נאַציאָנאַלע קאָנסטיטואירענדע פארזאמלונג.

די פּויערים דארפען גערופען ווערען צו פארזאמלען זיך אין דעם טאָג פון דעם פּאָליטישען סטרייק און אָנצונעמען רעזאָלוציאָנען וועגען רופען א קאָנסטיטואירענדע פארזאמלונג. די פּויערים פון די פאָר־שטעדט דארפען גערופען ווערען אין די שטעדט צו באטייליגען זיך אין די גאסען באוועגונגען פון די מאסען, פארזאמעלט אונטער דער פאָהן פון א קאָנסטיטואירענדע פארזאמלונג. אַלע געזעלשאפטען און אָרגאניזאציאָנען, פּראָפעסיאָנעלע און בילדונגס־פאראיינען, די צייטונגען און זשורנאַלען, וואָס שטעהען פאר א דעמאָקראטישע רעגירונג, און אויך די אָרגאַנען פון דער אָפּאָזיציאָנס פּרעסע דארפען די ארבייטער פאָראויס לאָזען וויסען, אַז זיי זאָלען זיין גרייט פאר אַן אַל־רוסישען סטרייק, וואָס איז באַשטימט פאר א געוויסען טאָג, צו העלפען צוזאמענרופען א קאָנסטיטואירענדע פארזאמלונג. די ארבייטער דארפען פאָדערען פון אַלע געזעלשאפטען און קאָרפּאָראַציאָנען, אַז אין דעם באַשטימטען טאָג פאר די מאַסען מאַניפעסטאַציעס זאָלען זיי זיך אָנשליסען אָן דער פאָדערונג וועגען: א נאַציאָנאַלע קאָנסטיטואירענדע פארזאמלונג. די ארבייטער דארפען פאָדערען פון דער אָפּאָזיציאָנס פּרעסע, אַז זי זאָל מאכען פּאָפּולער דאָס שלאָג־ווארט, אַז ערב דער דעמאָנסטראציע זאלען זיי דרוקען אַן אפּיעל צו דער באַפעלקערונג אָנצושליסען זיך אָן דער פּראָלעטארישער מאניפעסטאַציע, אונטער דער פאָהן פון א נאַציאנאלער קאָנסטיטואירענדער פאַרזאַמלונג.

מיר דארפען אָנפיהרען אַ היַנכסט קאָנסטרוקטיווע פּראָפּאגאנ־

דאָ אין דער אַרמעע אַזוי, דאָס אין דעם טאָג פון דעם סטרייק זאָל יעדער סאָלדאַט, וואָס וועט געשיקט ווערען צו דערשטיקען די „רע־וואָלטירער”, וויסען אז ער האָט פאר זיך מענשען, וועלכע פאָדערען אַ נאַציאָנאַלע קאָנסטיטואירענדע פארזאמלונג.

די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

אַנמערקונג:

„די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט” איז דאָס וואונדערבאַרסטע שטיק פּאָליטישע ליטעראַטור, וואָס די רעוואָלוציע האָט געשאַפן. געשריבען אין אַנפאַנג פון 1906, נאָך די גרויסע געשעהעניסען פון 1905, ווען די רוסישע רעוואָלוציאָן איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ, און די אויטאָקראַטיע איז געקומען צו זיך און שטייפער פאַרצויגען דעם שטריק איבער'ן האַלז פון דער באַפעלקערונג, האָבען די אַרטיקלען וועגען דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט דאַמאַלס אַרויסגערופען מעהר ערשטוינונג, ווי באַגייסמערונג. די אַרטיקלען האָבען דאַמאַלס אויסגעזעהן ניט אַם פּלאַץ. זיי האָבען איגנאָרירט די ליבעראַלע פּרעסע. זיי האָבען איגנאָרירט די גרינדונג פון דער דומא, אויף וועלכער די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען האָבען געלעגט אַזוי פיעל האָפנונג אַלס אויף אַ פּלאַץ, וואו די דעמאָקראַטיע וועט קעמפען פאַר די רעכטע פון פאָלק און וועט געווינען. זיי האָבען איגנאָרירט דעם פאַקט, וואָס דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע — דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט — איז געווען באַזיעגט, דיסאָרגאַניזירט, ענטמוטיגט, אויסגעמאַטערט.

די אַרטיקלען האָבען אַרויסגערופען אַן אָפּאָזיציע צווישען די פיהרער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דענקער, סאַי צווישען באָלשעוויקעס, סאַי צווישען מענשעוויקעס. די אַרטיקלען האָבען אויסגעזעהן צו זיין מעהר אַן אויסדרוק פון טראָצקי'ס רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג, פון זיין שטאַרקען גלויבען אין דער צוקונפט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער פּאָליטישער ווירקליכקייט. מען האָט געוואוסט, אַז ער האָט די אַרטיקלען געשריבען אונטער די גראַטעס פון טורמע. איז דער פאַקט אַליין וואָס ער איז געווען אַרעסטירט ניט געווען גענוג איהם צו איבערצייגען, אַז דאָס בילד וועגען דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט וואָס ער האָט געמאָלען, איז בלויז געווען א חלום?

די געשיכטע האָט געצייגט, אַז דאָס איז קיין חלום ניט געווען..די רעוואָלוציע פון 1917 ווייזט, אַז אַלעס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג, ווי טראָצקי האָט פאָראויסגעזאָגט. מיר האָבען יעצט אין רוסלאַנד די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. די ליבעראַלע און ראַדיקאַלע פּאַרטייען האָבען פאַרלאָרען דעם איינפלוס. די אַרבייטער־באַוועגונג האָט אַוועקגע־

שטעלט אויפ'ן טאָגעס־אָרדנונג — קאָמוניסטישע אייגענטום און קאָמו־ניסטישע פארוואלטונג פון אינדוסטריעס. די אַרבייטער־באַוועגונג האָט ניט געצווייפעלט און ערקלערט, אַז רוסלאנד איז גרייט פאַר אַ סאָציא־ליסטישע רעוואָלוציע. זי איז געווען געצוואונגען דאָס צו טאָן אונטער דעם דרוק פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע מאַסען. די רוסישע ארמעע איז פאנאנדערגעלאָזט געוואָרען און אויף טראָצקי'ס גורל איז אויסגעפאַלען צו ווערען אַליין דער קריעגס־מיניסטער פון רוסלאנד, צו באוואפנען דאָס פאָלק, צו אָרגאַניזירען די „רויטע ארמעע", אום צו באַשי־צען די רעוואָלוציע.

ווען מען לעזט די ארטיקלען, פארגעסט מען, אַז זיי זיינען געשרי־בען געוואָרען אין 1906 (אַלס אַ טייל פון טראָצקי'ס בוך : „אונזער רעוואָלוציאָן"), מיט דרייצעהן יאָהר צוריק, נאָר ס'דוכט זיך, אַז זיי פּאַרהאנדלען וועגען פראַגען פון היינטיגען טאָג. דאָס ציינגט, אַז די רע־וואָלוציע פון 1917 איז געווען אַ פאָרטזעצונג פון דער רעוואָלוציע פון 1905. די פּאָליטישע פיהרער און די סאָציאַלע קרעפטען זיינען איןביידע רעוואָלוציעס געווען דיזעלבע. די אידעאלאגיע פון די פארשי־דענע גרופּען און פּארטייען האָט זיך אין דער רעוואָלוציע פון 1917 כמעט ווי ניט געביטען. געענדערט האָט זיך בלויז די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע. אָבער טראָצקי האָט נאָך דאמאלס פאָראויסגעזעהען די מעג־ליכקייט פון אַ וועלט־מלחמה און די רעזולטאַטען וואָס אַזאַ מלחמה קען ברענגען.

מיט דרייצעהן יאָהר צוריק האָבען די אַרטיקלען געשילדערט אַ וועלט פון אילוזיעס. ווען מען לעזט היינט די ארטיקלען, דוכט זיך, אַז מען לעזט די היסטאָריע פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

1

די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

1789—1848—1905

די געשיכטע ווערט ניט איבערג'חזר'ט. איהר קענט פאַר־גלייכען די רוסישע רעוואָלוציאָן מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, אָבער דאָס וועט די ערשטע ניט מאַכען עהנליך צו דער צווייטער. דער נייַנצעהנטער יאהרהונדערט איז ניט געווען פרוכטלאָז.

אפילו דאָס יאָהר 1848 איז געווען גאַנץ אַנדערש פון דעם יאָהר 1789. אין פארגלייך מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רע־וואָלוציאָן זעהען אויס די רעוואָלוציאָנען אין פּרייסען אָדער עסט־רייך ערשטוינענד קליין. פון איין שטאַנדפּונקט זיינען די רעוואָ־לוציעס פון 1848 געקומען צו פריה; פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט זיינען זיי געקומען צו שפּעט. די געוואַלדיגע אָנשטרענגונג פון מאַכט, וואָס איז נויטיג פאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אָפּ־צורעכענען זיך פּאָלשטענדיג מיט די בעלי הבתים פון דער פאַר־גאַנגענהייט, קען ערגרייכט ווערען אָדער דורך אַ מעכטיגער פ א ר־א י י נ י ג ו נ ג פ ו ן א ג א נ צ ע ר נ א צ י א ן וואָס שטעהט אויף געגען דעם פעאָדאַלען דעספּאָטיזם, אָדער דורך אַ מעכטיגער ענטוויקלונג פון דעם ק ל א ס ע ן ק א מ פ ף אין אַ נאַציאָן, וואָס שטרעבט צו פרייהייט. אין דעם ערשטען פאַל — וואו די יאָהרען 1789—1793 זיינען אַ קלאַסישערביישפּיעל — איז די נאַציאָנאַלע ענערגיע, צוזאַמענגעדריקט פון דעם שרעקליכען ווידער־

שטאנד פון דעם אַלטען רעזשים, פארשווענדעט געוואָרען אין גאַנ־צען אין דעם קאמפּף געגען דער רעאקציע. אין דעם צווייטען פאַל — וואָס איז קיינמאָל אין דער געשיכטע נאָך ניט פאָרגעקומען און וואָס ווערט דאָ באטראכט אלס אַ השערה — ווערט די ווירק־ליכע ענערגיע, וואָס איז נויטיג פאר אַ זיעג איבער די שווארצע כחות פון דער געשיכטע, ענטוויקעלט אין דער בורזשואזער נאַ־ציאָן דורך אַ „בירגער קריעג" צווישען קלאסען.

דער צווייטער פאַל איז כאַראַקטעריסטיש דורך די שרעקליכע אינערליכע רייבונגען. אַן אונגעהויערע מאַסע ענערגיע ווערט פאר־שלונגען, די בורזשואזיע ווערט צוריקגעהאַלטען פון שפּיעלען די הויפּט ראָלע, דער פּראָלעטאריאט ווערט געשטופּט צום פראָנט, די ארבייטער קריגען אין אַ מאָנאַט ערפאַהרונג פון צעהנדליגע יאָהרען, זיי ווערען די צענטראַלע פיגור אין פּאָליטישען קאַמפּף, זיי קריגען אריין די לייצעס אין זייערע הענד. שטאַרק, ענטשלאָ־סען, ניט יויסענדיג פון צווייפעל, גיט דער פּראָלעטאריאט אַ מעכ־טיגען שטויס די פּאַסירונגען.

עס בלייבט אָדער—אָדער. אָדער אַ נאַציאָן פאראייניגט זיך אין איין גאַנצען בונד, ווי אַ לייב גרייט אָנצופאַלען; אָדער אַ נאַציאָן איז פּאָלשטענדיג צוטיילט אין דעם פּראָצעס פון אינער־ליכען קאַמפּף, אַ נאַציאָן, וועלכע האָט זיך באפרייט פון איהר בעסטער טייל פאר אַ ציעל, וואס זי האָט פאראייניגט ניט געקענט פארווירקליכען. דאָס זיינען די צוויי פארשיעדענע טיפּען, וועמעס ריינע פאָרמען מען קען געפינען בלויז אין דער לאָגישער ענטגעגענ־שטעלונג.

דאָ, ווי אין פיעלע אַנדערע פעלע, איז דאָס ערגסטע דער מיטעל־וועג. דאָס איז אויך געווען דער פאַל אין 1848.

אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן זעהען מיר אַן אקטיווע, אויפגעקלערטע בורזשואזיע, וועלכע באגרייפט נאָך ניט דעם ווי־דערשפּרוך פון איהר לאַגע; וועלכע איז אָנפּאַרטרויט פון דער גע־

שיכטע מיט דער אויפגאבע פון פיהרער אין דעם קאמפף פאר א נייער אָרדנונג; וועלכע קעמפפט ניט בלויז געגען די פארעלטערטע אינסטיטוציעס פון פראנקרייך, נאָר אויך געגען די רעאקציאָנערע כחות איבער גאנץ אייראָפא. די בורזשואזיע, דורך איהרע פאר־שיעדענע פראקציאָנען, נעהמט באוואוסטזיניג איבער די פיהרער־שאפט פון דער נאציאָן, זי ציהט אריין די מאסען אין קאמפף, זי שאפט שלאג־ווערטער, זי דיקטירט א רעוואָלוציאָנערע טאקטיק. רעמאָקראטיע פאראייניגט די נאציאָן אין איין פאָליטישען אידעען־גאנג. דאָס פאָלק — קליין־בעל מלאָכות, קליין־הענדלער, פויערים און אַרבייטער — ערוועהלט די בורזשואזיע אלס זיינע פארטרע־טער; די פאָלמאכט פון די געמיינדעס ווערט אויסגעדריקט אין דער שפראך פון דער בורזשואזיע, וועלכע הויבט אָן באגרייפען איהר ראָלע פון א משיח. געגנערשאפטען ווערען געשאפען אין פארלויף פון דער רעוואָלוציאָן, אָבער די מעכטיגע טרייב־קראפט פון דער רעוואָלוציאָן באזייטיגט די העכסט אונענטשפרעכענדע עלעמענטען פון דער בורזשואזיע איינע נאָך די אַנדערע. יערע נעזעלשאפטליכע שיכט ווערט אָפגעריסען, אָבער ניט פריהער, ווי זי האָט איבערגעגעבען איהר גאנצע ענערגיע צו דעם נאָכפאָלגער. דאָס פאָלק, אלס א גאנצעס, פיהרט ווייטער אָן דעם קאמפף מיט אלץ מעהר עקשנות און ענטשלאָסענהייט. ווען די העכערע שיכ־טען פון דער בורזשואזיע רייסען זיך אָפ פון דעם הויפט קערפער פון דער נאציאָן צו גרינדען א פארבאנד מיט לואיס דעם 16טען, ווערען די דעמאָקראטישע פאָדערונגען פון פאָלק פארוואנדעלט געגען דער טייל פון דער בורזשואזיע, פיהרען צו אלגעמיינע און גלייכע רעכטע און א רעפובליקאנער רעגיערונג, אלס לאָגיש אויסגעהאלטענע פאָרמען פון דעמאָקראטיע.

די גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציאָן איז אָן אמת נאציאָ־נאלע רעוואָלוציע. זי איז מעהר ווי דאָס. זי איז א קלאסישע מאניפעסטאציע, אויף א נאציאָנאלען מאסשטאב, פון דעם וועלט־ברייטען קאמפף וואָס די בורזשואזיע פיהרט אָן פאר אויבערמאכט,

פאר שטארקייט, פאר ניט געמילדערטען טריומף. אין 1848 איז די בורזשואזיע מעהר ניט געווען פעהיג צו אזא ראָלע. זי האָט ניט געוואָלט, זי האָט ניט געוואגט צו נעהמען אויף זיך די פאר־אנטוואָרטליכקייט פאר א רעוואָלוציאָנערע ליקווידאציע פון א פּאָליטישער אָרדנונג, וואָס איז איהר געשטאנען אין וועג. די אורזאכע איז קלאָר. די אויפגאבע פון דער בורזשואזיע — וועגען וועלכער זי האָט געהאט א פּאָלשטענדיגען באגריף — איז ניט געווען צו פארזיכערען איהר א י י נ ע נ ע פּאָליטישע אויבער־מאכט, זאָנדערן צו פארזיכערען פאר זיך א ח ל ק אין דער פּאָלי־טישער מאכט פון דעם אלטען רעזשים. די בורזשואזיע פון 1848, מיט דער גייציגער קלוגשאפט וואָס זי האָט געהאט פון דער ערפאה־רונג פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע, איז געווען פארדאָרבען פון איהר פאלשקייט, דערשראָקען פון איהר דורכפאַל. זי האָט ניט געפיהרט די מאסען צו שטורמען די ציטאדעלען פון דער אב־סאָלוטיסטישער אָרדנונג. פארקעהרט, מיט איהר רוקען געגען דער אבסאָלוטיסטישער אָרדנונג האָט זי געגעבען א ווידערשטאנד דעם אָנגריף פון די מאסען, וועלכע האָבען זי געשטויסען פאָרווערטס.

די פראנצויזישע בורזשואזיע האָט די רעוואָלוציאָן געמאכט גרויס. איהר באוואוסטזיניגקייט איז געווען די באוואוסטזיניג־קייט פון דעם פאָלק, און קיין אידעע האָט ניט געפונען איהר אויסדרוק אין אינסטיטוציעס, ניט דורכגעהענדיג איהר באוואוסט־זיין אלס א סוף, אלס א ציעל פון פּאָליטישער באדייטונג. זי האָט זיך אָפט געמוזט נעהמען צו טעאטראַלע פּאָזעס, כדי צו בא־האַלטען פון זיך אַליין די באגרענעצונגען פון דער בורזשואזער וועלט, — דאָך האָט זי מארשירט פאָרווערטס.

די דייטשע בורזשואזיע, ווידער, האָט ניט געטאָן די רעוואָלו־ציאָנערע ארבייט; זי האָט „אוועקגעמאכט" די רעוואָלוציאָן באַלד פון אָנפאנג. איהר באוואוסטזיניגקייט האָט רעוואָלטירט געגען דעם אָביעקטיווען צושטאנד פון איהר אויבערמאכט. די רעוואָ־לוציאָן האָט געקענט פארווירקליכט ווערען ניט דורך דער בור־

זשואזיע, נאר געגען איהר. די דעמאקראטישע אינסטיטוציאנען האבען אין דעם געדאנק פון דייטשען בורזשואַ ניט אויסגעזעהן ווי א ציעל פאר זיין קאמפף, נאר ווי א געפאהר פאר זיין זיכערקייט.

אן אנדער קלאס האט זיך געפאדערט אין 1848, א קלאס, וואס איז פעהיג צו פיהרען די רעוואלוציאן אויסער דער בור־זשואזיע און ניט אכטענדיג אויף איהר, א קלאס, וואס איז ניט נאר גרייט און פעהיג צו שטופען די בורזשואזיע פארווערטס, נאר וואס קען אריבערטרעטען דעם פאליטישען קערפער פון דער בור־זשואזיע, אויב די ערשיינונגען זאלען דאס פאדערען. קיינער פון די אנדערע קלאסען איז אבער דערצו ניט גרייט געווען.

דער מיטעל־קלאס איז געווען פיינדליך ניט בלויז צו דער פארגאנגענהייט, נאר אויך צו דער צוקונפט. זיי זיינען נאך געווען ארומגערינגעלט אין דער נעץ פון די באציהונגען, וואס זיינען געשאפען געווארען אין דעם מיטעל־אלטער און זיינען געווען אונפעהיג ווידערצושטעהן דעם דראנג פון דער „פרייער" אינדוס־טריע; זייער גייסט האט זיך נאך אלץ אפגעשפיעגעלט אין די שטעדט און זיי האבען שוין געמאכט פלאץ פאר דעם איינפלוס פון גרויס קאפיטאל. פארזונקען אין אבערגלויבען, ערשטוינט פון די שרייענדע ערשיינונגען, עקספלואטירענדיג און ווערענדיג עקס־פלוטירט, גייציג און הילפלאז אין זייער גייציגקייט, האבען זיי ניט געקענט ווערען קיין פיהרער אין וויכטיגע וועלט־ברייטע פראַ־נען. נאך ווייניגער פעהיג זיינען געווען די פויערים פאר פאליטישער איניציאטיווע. פארנאנדערגעווארפען איבער'ן לאנד, ווייט פון דעם נערוועזען צענטער פון פאליטיק און קולטור, בא־שרענקט אין זייערע אנשויאונגען, האבען די פויערים ניט געקענט נעהמען קיין גרויסען אנטייל אין דעם קאמפף פאר א נייער אָרד־נונג. די דעמאקראטישע אינטעליגענץ האט ניט פארמאגט קיין געזעלשאפטליכע געוויכט; אדער זיי האבען זיך נאכגעשלעפט נאך זייער עלטערער שוועסטער, די ליבעראלע בורזשואזיע, ווי א פאַ־ליטישער עק, אדער זיי האבען זיך אין קריטישע מאמענטען אפ־

געטיילט פון דער בורזשואזיע, בלויז אום צו צייגען זייער שוואכקייט.

די אינדוסטריעלע ארבייטער זיינען געווען צו שוואך, ניט אָרגאניזירט, בארויבט פון וויסענשאפט און ערפאהרונג. די קאפיטאליסטישע ענטוויקלונג איז געגאנגען ווייט גענוג צו מאכען באפעהלענד דאָס אָפּשאפען פון די אלטע פעאָדאלע באציהונגען, דאָך איז זי ניט געגאנגען גענוג ווייט צו מאכען דעם ארבייטער קלאס, דעם פּראָדוקט פון די נייע עקאָנאָמישע באציהונגען, אַן ענטשיעדענע פּאָליטישע ערשיינונג. די געגנערשאפט צווישען דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאריאט, אפילו אין די נאציאָנאַלע גרענעצען פון דייטשלאנד, איז געווען גענוג שארף אָפּצוהאלטען די בורזשואזיע פון ארויסטרעטען צום פראָנט און איבערנעהמען די נאציאָנאַלע הערשאפט אין דער רעוואָלוציאָן, דאָך איז זי ניט געווען שארף גענוג צו געבען דעם פּראָלעטאריאט א מעגליכקייט צו ווערען א נאציאָנאַלער פיהרער. אמת, די אינערליכע רייבונגען פון דער רעוואָלוציאָן האבען צוגעגרייט די ארבייטער פאר פּאָליטישער אונאָפּהענגיגקייט, פונדעסטוועגען האָבען זיי אָפּגעשוואכט די ענערגיע און גאנצקייט פון דער רעוואָלוציאָן און האָבען פאראורזאכט א גרויסע פארשווענדונג פון כחות. דער רעזולטאט איז געווען, דאָס נאָך די ערשטע ערפאָלגרייכע שריט האָט די רעוואָלוציאָן זיך אָנגעפאנגען שלעפּען אין שמערצליכער אונזיכערהייט און נאָך די ערשטע קלעפּ פון דער רעאקציע האָט זי זיך גענומען ריקווערטס. עסטרייך האָט געגעבען דעם קלאָרסטען און העכסט טראגישען ביישפּיעל פון אונפארענדיגטע און אונבאשטימטע באציהונגען אין א רעוואָלוציאָנערען פּעריאָד. די סיטואַציאָן איז דאָס געווען, וואָס האָט געגעבען לאסאל'ן א מעגליכקייט צו באהויפּטען, אז פון היינט אָן און ווייטער וועלען רעוואָלוציעס קאָנען געפינען אונטערשטיצונג בלויז אין דעם קלאסען־קאמף פון פּראָלעטאריאט. אין א בריעף צו מארקס'ן, געשריבען דעם 24טען אָקטאָבער, 1849, זאָגט ער: „די ערפאהרונגען פון עסטרייך, אונ־

גארן און דייטשלאַנד אין 1848 און 1849 האָבען מיך געפיהרט צו דעם פעסטען באשלוס, אַז אין אייראָפּאַ קאָן קיין קאמפף ניט זיין ערפאָלגרייך, אויסער ווען דאָס ווערט באלד פון אנפאנג ערקלערט אלס אַ ריין־סאָציאליסטישער קאמפף. עס קען ניט האָבען קיין ערפאָלג קיין קאמפף, אין וועלכען די סאָציאלע פּראָבלעמען שיינען צו זיין נעבעלהאפטע עלעמענטען וואָס ווערען פארשטויסען אין הינטערגרונד, אין דער צייט, ווען אין דער עפענטליכקייט ווערט דער קאמפף געפיהרט אונטער דעם לאָזונג פון נאַציאָנאלער אויפּלעבונג פון דער בורזשואזער רעפּובליק“.

מיר וועלען ניט פּרובירען קריטיקירען די דרייסטע ענטשיידונג. איין זאך איז דייטליך, נעמליך, דאָס שוין אין מיטען פון נייצעהנטען יאהרהונדערט האָט די נאַציאָנאלע אויפגאבע וועגען פּאָליטישער גלייכבארעכטיגונג ניט געקאָנט פארפאָלקאָמט ווערען דורך אן איינשטימיגען געפלאנעוועטען אנגריף פון דעם גאנצען פאָלק. בלויז די אונאבהענגיגע טאַקטיק פון פּראָלעטאריאט, וועלכע קריגט ניט זיינע קרעפטען פון קיין אנדערע קוועלען, ווי פון דער פּאָזיציע וואָס זיין אייגענער קלאַס פארנעהמט, האָט געקאָנט פארזיכערען אַ זיעג פון דער רעוואָלוציאָן.

דער רוסישער ארבייטער קלאַס פון 1906 איז גאנץ פארשיידען פון דעם וויענער ארבייטער קלאַס פון 1848. דער בעסטער באווייז דערצו איז — דער אל־רוסישער ראַט פון ארבייטער און סאָלדאטען־דעפּוטאטען (די סאָוויעטען). דאָס זיינען ניט קיין קאָנספּיראטיווע ארגאניזאציאָנען, וואָס זיינען פריהער צוגעגרייט געוואָרען, כדי ארויסצוטרעטען אין צייטען פון אונרוהען און פארכאפּען די הערשאפט איבער'ן ארבייטער־קלאַס. דאָס זיינען אָרגאנען, געשאַפען באוואוסטזיניג פון די מאַסען אליין, צו פאראייניגען זייער רעוואָלוציאָנערען קאמפף. די סאָוויעטען, ערוועהלט פון די מאַסען און פאראנטוואָרטליך צו זיי, זיינען דורכאויס דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס, וואָס האלטען זיך ביי די העכסט ענטשיידענע קלאַסען־פּאָליטיק אין דעם גייסט פון רעוואָלוציאָנערען סאָציאליזם.

דער אונטערשיעד אין דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן ציִיגט זיך קלאָר ארויס אין דער פראגע וועגען באוואפנען דאָס פאָלק.

די מיליץ (נאציאָנאַלע זעלבסטשוץ) איז געווען דער ערשטער לאָזונג און די ערשטע זאך וואָס עס האָבען עררייכט די רעוואָלוציאָנען פון 1789 און 1848 אין פאריז, אין אַלע איטאַליענישע שטאַאטען, און אין וויען און בערלין. אין 1846 איז די פאָדערונג פון נאציאָנאַלער זעלבסטשוץ (דאָס הייסט, צו באוואפנען די קלאסען פון אייגענטימער און די „אינטעליגענץ״) ארויסגעשטעלט געוואָרען פון דער גאנצער בורזשואזער אָפּאָזיציע, אריינרעכענענדיג די סאמע מעסיגע פראקציאָנען. אין רוסלאנד האָט די פאָדערונג פון נאציאָנאַלער זעלבסטשוץ ניט געפונען קיין סימפאטיע ביי די בורזשואזע פארטייען. דאָס איז ניט דערפאר, ווייל די ליבעראַלען פארשטעהן ניט די וויכטיגקייט פון באוואפנען דאָס פאָלק: דער אבסאָלוטיזם האָט זיי אין דעם פאַל געגעבען מעהר ווי איין ביישפיעל געגען דעם. די אורזאכע, ווארום די ליבעראַלען געפעלט ניט די אידעע פון נאציאָנאַלער זעלבסטשוץ איז, ווייל זיי באגרייפען פאָלשטענדיג די אונמעגליכקייט פון שאפען אין רוסלאנד א באוואפנעטע רעוואָלוציאָנערע מאכט אויסערהאלב דעם פראָלעטאריאט און געגען דעם פראָלעטאריאט. זיי זיינען גרייט זיך צו ענטזאגען פון דער פאָדערונג, ווי זיי זיינען גרייט זיך צו ענטזאגען פון פיעל אנדערע פאָדערונגען, פונקט ווי די פראנצויזישע בורזשואזיע, געפיהרט פון טיערס, האָט בעסער געוואָלט אָפּגעבען פאריז און פראנקרייך צו ביסמארק'ן, איידער צו באוואפנען דעם ארבייטער קלאַס.

די פּראָבלעם פון א באוואפנעטער רעוואָלוציאָן אין רוסלאנד ווערט הויפּטזעכליך א פּראָבלעם פון פּראָלעטאריאט, נאציאָנאַלע מיליץ, — די קלאַסישע פאָדערונג פון דער בורזשואזיע אין 1848,— ציִינט זיך ארויס אין רוסלאנד באַלד פון אָנפאנג צו זיין א פאָדערונג

צו באוואפנען דאָס פאָלק און פריהער פון אַלץ דעם ארבייטער־קלאַס. דערמיט ווערט אם קלאָרסטען דעמאָנסטרירט דער שיקזאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן.

2

די סאָציאַלע קרעפטען אין דער רעוואָלוציאָן.

א רעוואָלוציאָן איז אַן אָפענער קאמפף פון סאָציאַלע קרעפ־טען אין זייער שטרעבונג פאר פּאָליטישע מאכט.

דער שטאאט איז ניט קיין ציעל אַן און פאר זיך. דאָס איז בלויז אַן ארבייטס־מאשין אין די הענד פון די סאָציאַלע קרעפטען וואָס זיינען אין מאכט. ווי יעדער מאשין, אזוי האט דער שטאאט זיין אפּאראט, די טרייב־קראפט, און די ארבייטער, וואָס טרייבען די מאשין. זיין הויפּט־קראפט איז דער קלאסען־אינטערעס; זיין אפּאראט באשטעהט פון פּראָפּאגאנדא, פּרעסע, איינפלוס פון דער שול, אוניווערזיטעטען און קירכע, פּאָליטישע פּארטייען, עפענט־ליכע מיטינגען, פּעטיציעס, אויפשטענדע; די טרייב־קראפט באַ־שטעהט פון געזעצגעבענדע קערפּערשאפטען וואָס ארבייטען אין די אינטערעסען פון א דינאסטיע אָדער קלאַס, אונטער דער מאסקע פון געטליכען אָדער נאציאָנאלען ווילען (אבסאָלוטיזם אָדער פּאר־לאמענטאריזם); זיינע ארבייטער זיינען אַלע די, וואָס שטעהען ארום דער אדמיניסטראציע — פּאָליציי, געריכטען, טורמעס און די ארמעע.

דער שטאאט איז ניט קיין ציעל אַן און פאר זיך. פונדעסט־וועגען איז ער דער גרעסטער מיטעל צו אָרגאניזירען, דיזאָרגאני־זירען און רעאָרגאניזירען סאָציאַלע באציהונגען.

עס ווענדעט זיך אַן דעם ווער עס פיהרט די מאשינערי פון'ם שטאאט, — דער שטאאט קאָן ווערען גרינגליך **איבערגעמאכט**, אָדער א מיטעל פון **אָרגאניזירטען שטילשטאנד**.

יעדע פּאָליטישע פּארטיי, וועלכע איז ווערט דעם נאָמען וואָס זי טראָגט, שטרעבט צו פארכאַפּען די פּאָליטישע מאכט און אויף אַזאַ אופן ווירקען, אז דער שטאַאַט זאָל דיענען די אינטערעסען פון דעם קלאַס, וועמען די פּארטיי רעפּרעזענטירט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַלס די פּארטיי פון פּראָלעטאַריאַט, שטרעבט נאַטירליך צו דער פּאָליטישער אויבערמאַכט פון ארבייטער־קלאַס.

מיט דעם וואוקס פון קאַפּיטאַליזם וואַקסט און ווערט שטאַרקער דער פּראָלעטאַריאַט. פון דעם שטאַנדפּונקט, הייסט עס, אז די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז אויך די ענטוויקלונג פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער דער טאָג און די שטונדע, ווען די פּאָליטישע מאַכט זאָל איבערגעהן אין די הענד פון דעם ארבייטער־קלאַס, ווערט ניט באַשטימט דירעקט פון דער שטופע פון קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג פון עקאָנאָמישע קרעפטען, נאָר פון די באַציהונגען פון קלאַסען־קאַמפּף, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, פון אַ צאָהל אנדערע עלעמענטען, — ווי טראַדיציע, איניציאַטיוו, זיין גרייט צום קאַמפּף. א. ד. גל.

ס'איז דארום ניט אויסגעשלאָסען, אז אין אַן אָפּגעשטאַנענע לאַנד מיט אַ נידריגער שטופע פון קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג, זאָל דער פּראָלעטאַריאַט גיכער קומען צו פּאָליטישער אויבערמאַכט, ווי אין אַ הויך־ענטוויקעלטען קאַפּיטאַליסטישען שטאַאַט. אַזוי זעהן מיר, אז אין פּאַריז, וועמעס באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון מיטעל־קלאַס, האָט דער פּראָלעטאַריאַט באַוואוסטזיניג אריינגענומען אין זיינע הענד די פּארוואַלטונג פון געזעלשאַפטליכע אנגעלעגענהייטען אין 1871. עס איז אמת, אז די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט האָט געדויערט בלויז צוויי מאָנאַטען, אָבער ס'איז מערקווירדיג פונדעסטוועגען וואָס אין פיעל מעהר ענטוויקעלטע קאַפּיטאַליסטישע צענטערס פון ענגלאַנד און אַמעריקאַ איז דער פּראָלעטאַריאַט קיינמאָל ניט געווען אין מאַכט אפילו פאַר איין טאָג. זיך פאָרצושטעלען, אז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז אויטאָמאַטיש אָפּהענגיג פון די טעכנישע און פּראָדוקטיווע קוועלען פון

א לאנד, הייסט פארשטעהן די עקאָנאָמישע לעהרע אויף א זעהר פרימיטיווען אופן. אזא באגריף וואָלט גאָר ניט געהאט צו טאָן מיט'ן מארקסיזם.

מיר זיינען מיט דער מיינונג, אז די רוסישע רעוואָלוציע שאפט אומשטענדען, דורך וועלכע די פּאָליטישע מאכט קאָן (און אין פאל פון א זיעגרייכער רעוואָלוציע, מ ו ז) איבערגעהן אין די הענד פון דעם פּראָלעטאריאט איידער די פּאָליטיקער פון דער ליבעראַ־לער בורזשואזיע וועלען האָבען א געלעגענהייט צו געבען זייער פּאָליטישער געניאַליטעט דעם פולען שוואונג.

מאכענדיג דעם סך הכל פון די רעזולטאטען פון דער רעוואָ־לוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע אין 1848 און 1849, האָט קארל מארקס געשריבען אין זיין קאָרעספּאָנדענץ צו דער „נויאָרק טרי־ביון“ : „דער ארבייטער־קלאַס אין דייטשלאנד איז אין זיין סאָ־ציאַלער און פּאָליטישער ענטוויקלונג אזוי ווייט הינטערשטעליג פון דעם ארבייטער־קלאַס אין ענגלאנד און פראנקרייך, ווי די דייט־שע בורזשואזיע איז הינטערשטעליג פון דער בורזשואזיע אין יענע לענדער. ווי דער בעל הבית, אזוי איז דער ארבייטער. די עוואָ־לוציאָן פון די אומשטענדען פון עקזיסטענץ פאר א גרויסען, שטאר־קען, קאָנצענטרירטען און אינטעליגענטען פּראָלעטאריאט געהט האנד אין האנד מיט דער ענטוויקלונג פון די אומשטענדען פון עקזיסטענץ פאר א גרויסען, רייכען, קאָנצענטרירטען מעכטיגען מי־טעל־קלאַס. די ארבייטער־באוועגונג אליין איז קיינמאָל ניט אונ־אָפּהענגיג, האָט קיינמאָל ניט א דורכאויס פּראָלעטארישען כאראק־טער, ביז אלע פארשידענע טיילען פון מיטעל־קלאַס, און הויפּט־זעכליך זיין פּראָגרעסיווסטער טייל, — די גרויסע פאבריקאנטען, — האָבען פארכאפּט די פּאָליטישע מאכט און צוגעפּאסט דעם שטאַאט צו זייערע באדערפניסע. דאמאָלס ווערט ארויסגערוקט דער אונ־פארמיידליכער קאמפּף צווישען ארבייטס־געבער און ארבייטער, און ער קאָן מעהר ניט אָפּגעלעגט ווערען“. די ציטאַטע דארף זיין באַ־קאַנט דעם לעזער, ווייל זי איז לעצטענס זעהר פיעל מיסברויכט גע־

וואָרען פון די פּלפּול'דיגע מארקסיסטען. די ציטאַטע איז גע־ברויכט געוואָרען אלס א שטארקער ארגומענט געגען דער אידעע פון אן ארבייטער־רעגירונג אין רוסלאנד. די פראגע איז געווען: אויב די רוסישע קאפיטאליסטישע בורזשואזיע איז ניט גענוג שטארק צו נעהמען די רעגירונגס־מאכט אין איהרע הענד, ווי איז דאָס מעגליך צו דענקען וועגען אן אינדוסטריעלער דעמאָקראטיע, דאָס הייסט, וועגען א פּאָליטישער אויבערמאכט פון פּראָלעטאריאט?

לאָמיר נעהמען באטראכטען די אויסזעצונג.

דער מארקסיזם איז הויפּטזעכליך א מעטאָדע פון אנאליזירען, — ניט דאָס אנאליזירען פון טעקסט־ביכער, נאָר דאָס אנאליזירען פון סאָציאלע באציהונגען. איז דאָס אמת, — ווען מען רעדט וועגען רוסלאנד, — אז די שוואכקייט פון דעם קאפּיטאליסטישען ליבעראליזם מיינט די שוואכקייט פון דעם ארבייטער־קלאַס? איז דאָס אמת, — ניט אין אבסטראקט, נאָר אין באציהונג צו רוס־לאנד, — אז אן אונאפּהענגיגע פּראָלעטארישע באוועגונג איז אונ־מעגליך, איידער די בורזשואזיע נעמט איבער די פּאָליטישע מאכט? ס'איז גענוג צו פאָרמולירען די פראגען, אום צו פארשטעהן, וואָסער האָפנונגסלאָזע לאָגישע פאָרמולע עס ליגט באהאלטען אין דעם פארזוך צו פארוואנדלען קארל מארקס'עס היסטאָריש־פארגלייכענדע באמערקונג אין אן אויבער־היסטאָרישען גרונדפּרינציפּ.

אונזער אינדוסטריעלע ענטוויקלונג, אבוואָהל זי טראָגט די סימנים פון דער אויפבליהונגס־צייט און האָט אן „אמעריקאַנער“ באראקטער, איז אין דער ווירקליכקייט געוואלדיג קליין אין פאר־גלייך מיט דער אינדוסטריע פון די פאראייניגטע שטאאטען. פינף מיליאָן מענשען, וועלכע שטעלען צוזאמען 16.6 פּראָצענט פון דער באפעלקערונג וואָס איז באשעפטיגט אין עקאָנאָמישע אונטערנעה־מונגען, ארבייטען אין די פארשידענע אינדוסטריעס אין רוסלאנד; זעקס מיליאָן, אָדער 22.2 פּראָצענט זיינען די פארגלייכונגס־צי־פערען פאר די פאראייניגטע שטאאטען. צו האָבען א קלאָרען בא־

גריף וועגען דעם, ווי גרויס עס איז ווירקליך די אינדוסטריע אין דיביידע לענדער, מוז מען געדענקען, אַז די באַפעלקערונג פון רוס־לאַנד איז צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי די באַפעלקערונג פון די פאַר־אייניגטע שטאַאטען און אַז די אַמעריקאַנער אינדוסטריעס האָבען אין 1900 געשאַפען פּראָדוקטען אויף דער סומע פון 25 ביליאָן רובעל, אין דער צייט, ווען די רוסישע אינדוסטריעס האָבען אין דעם זעלבען יאָהר געשאַפען פּראָדוקטען פאר קנאַפּע 2 און אַ האַלב ביליאָן.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז די צאָהל פון פּראָלעטאַריאַט, די שטו־פע פון זיין קאָנצענטראַציע, זיין קולטורעלער צושטאַנד און זיין פּאָליטישע וויכטיגקייט איז אַפּהענגיג פון דער שטופע פון אינדוס־טריעלער ענטוויקלונג אין יעדען לאַנד.

פונדעסטוועגען, איז די אַפּהענגיגקייט ניט קיין דירעקטע. צווישען די פּראָדוקטיווע קרעפטען פון אַ לאַנד אויף איין זייט און דער פּאָליטישער מאַכט פון די געזעלשאַפטליכע קלאַסען אויף דער אַנדערער זייט, איז צו יעדען באַשטימטען מאָמענט פאַראַן אַ שטראָם און אַ געגען־שטראָם פון פאַרשידענע סאָציאַל־פּאָליטישע ערשיינונגען פון אַ נאַציאָנאַלען און אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַק־טער, וואָס ענדערען און גיבען מאַנכעס מאָל אַ פאָלשטענדיגען גע־גענזאַץ צו דעם פּאָליטישען אויסדרוק פון עקאָנאָמישע באַציהונגען. די אינדוסטריע פון די פאַראייניגטע שטאַאטען איז אַ סך מעהר ענטוויקעלט, ווי די אינדוסטריע אין רוסלאַנד, אָבער די פּאָליטישע ראָלע פון די רוסישע ארבייטער, זייער איינפלוס אויף דעם פּאָלי־טישען לעבען פון זייער לאַנד, די מעגליכקייט פון זייער איינפלוס אויף וועלט־פּאָליטיק אין דער נאָהענטער צוקונפט, זיינען און־פאַרהעלטניסמעסיג גרעסער, ווי די פּאָליטישע ראָלע און דער איינ־פלוס פון דעם אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט.

אין זיין לעצטער ווערק וועגען דעם אַמעריקאַנער ארבייטער קומט קאַוטסקי צום שלוס, אַז ס'איז ניטאָ קיין באַלדיגע און דירעקטע

אפהענגיגקייט צווישען דער פּאָליטישער מאכט פון דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאריאט פון א לאנד אויף איין זייט און דער אינ־דוסטריעלער ענטוויקלונג אויף דער צווייטער זייט. „אָט זיינען צווי לענדער", — שרייבט ער, — „וואָס זיינען ענטגעגענגעזעצט איינס געגען צווייטען: אין איינעם פון די לענדער איז איינער פון די עלעמענטען פון מאָדערנער אינדוסטריע ענטוויקעלט אויסער פּראָפּאָרציע, דאָס הייסט, ער האָט אריבערגעוואקסען די שטופע פון קאפּיטאליסטישער ענטוויקלונג; אין דעם צווייטען לאנד איז דאָס יער פּאל מיט'ן אנדערען עלעמענט; אין אמעריקא איז מעהר ענטוויקעלט דער קלאס פון קאפּיטאליסטען; אין רוסלאנד איז מעהר ענטוויקעלט דער ארבייטער קלאס. אין אמעריקא איז דאָ מעהר גרונד, ווי אירגענד וואו, צו ריידען וועגען דער דיקטאטור פון קאפּיטאל, אין דער צייט, ווען די ארבייטער האָבען אין ערגיץ ניט געוואונען אזוי פיעל איינפלוס, ווי אין רוסלאנד, און דער איינ־פלוס האָט א מעגליכקייט צו וואקסען, ווייל רוסלאנד האָט ערשט לעצטענס אריינגעטראָטען אין דעם פּעריאָד פון מאָדערנעם קלאסען־קאמפּף. קאוטסקי ערקלערט דאָן, אז דייטשלאנד קאָן ביז א געווי־סען גראד שטודירען איהר צוקונפט פון דעם יעצטיגען צושטאנד אין רוסלאנד און ער זאָגט: „עס איז מאָדנע צו דענקען, אז דאָס איז דער רוסישער פּראָלעטאריאט, וועלכער צייגט אונז אונזער צו־קונפט, אויף וויפיעל דאָס איז שייך, ניט צו אָרגאניזירונג פון קאַ־פּיטאל, נאָר צום פּראָטעסט פון ארבייטער קלאס. רוסלאנד איז דאָס העכסט־צוריקשטעהענדע פון אָלע גרויסע לענדער פון דער קאַ־פּיטאליסטישער וועלט. דאָס קאָן אויסזעהן צו זיין א ווידער־שפּרוך צו דער עקאָנאָמישער אויפפאסונג פון געשיכטע, וועלכע באטראכט די עקאָנאָמישע מאכט אלס דעם באזיס פון פּאָליטישער ענטוויקלונג. דאָס איז אָבער ניט אמת. דאָס ווידערשפּרעכט בלויז יענעם סאָרט עקאָנאָמישע אויפפאסונג פון געשיכטע, וואָס ווערט געמאָלען פון אונזערע געגנער און קריטיקער, וועלכע זעהן דערין ניט א מ ע ט אָ ד ע צ ו א נ א ל י ז י ר ע ן, נ א ר

אַ גרייטען ביישפּיעל".*) די ציטאַטען דאַרפען רעקאָמענדירט ווערען צו יענע מאַרקסיסטען, וועלכע פאַרבייטען אַן אונאָפּהענגיגען אַנאַליז פון סאָציאַלע באַציהונגען אויף אַן אויסצוג פון פראַזען, וואָס קאָנען ווערען צוגעפּאַסט צו יעדען לעבענס־צופאַל. קיינער קאָן ניט אויס'פּשט'לען דעם מאַרקסיזם אַזוי אונפאַרשעהמט, ווי דאָס טוען די ביוראָקראַטען פון מאַרקסיזם.

לויט קאַוטסקי'ס אָפּשאַצונג, איז רוסלאַנד כאַראַקטעריזירט, עקאָנאָמיש, אַלס אויף אַ פאַרהעלטניסמעסיג נידעריגער שטופע פון קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג; פּאָליטיש, אַלס אַ לאַנד מיט אַ שוואַכער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע און מיט אַ מעכטיגען אַרבייטער־קלאַס. דאָס ברענגט אַרויס דעם פאַקט, אַז דער קאַמפּף פאַר די אינטערעסען פון רוסלאַנד אַלס אַ גאַנצע, איז געוואָרען די אויפגאַבע פון דעם איינציגען מעכטיגען קלאַס אין רוסלאַנד, פון דער אינדוסטריעלער אַרבייטערשאַפט. דאָס איז די אורזאַכע, וואַרום די אַרבייטער האָבען געוואונען אַזאַ אונגעהייערען פּאָליטישען איינפלוס. דאָס איז די אורזאַכע, וואַרום דער קאַמפּף פון רוסלאַנד געגען אַבסאָלוטיזם, וועלכער דערשטיקט דאָס לאַנד, איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאַמפּף פון אַבסאָלוטיזם געגען דער אינדוסטריעלער אַרבייטערשאַפט, אין אַ קאַמפּף, וואו די פּויערים קאָנען זיין אַ באַדייטענדע הילף, אָבוואָהל זיי קאָנען קיין פיהרענדע ראָלע ניט שפּיעלען.

קאָן מען דען ניט ציהען דערפון קיין שלוס, אַז די „אַרבייטער“ וועלען גיכער געווינען פּאָליטישע אויבערמאַכט אין רוסלאַנד איידער זייערע „בעלי הבתים“?

פּאָליטישער אָפּטימיזם באַשטעהט פון צוויי סאָרטען. איינער איבערשעצט די מעלות און די מאַכט פון דער רעוואָלוציאָן און

---

*) ק. קאַוטסקי, „דער אַמעריקאַנער און רוסישער אַרבייטער“.

שטרעבט צו אזא ציעל, וואס איז אונעררייכבאר אונטער די באַ־שטימטע אומשטענדען. דער צווייטער באשרענקט באוואוסטזיניג די אויפגאבע פון דער רעוואלוציאן און ציהט א ליניע, וועלכע די לאגיק אליין פון דער סיטואציע וועט איהם צווינגען אריבערצו־טרעטען.

איהר קענט מאכען באשרענקונגען צו אלע פראבלעמען פון דער רעוואלוציאן דורך דעם וואס איהר וועט באהויפטען, אז דאס איז א בורזשואזע רעוואלוציע אין איהרע הויפט ציעלען און אונ־פארמיידליכע רעזולטאטען, און איהר קענט פארמאכען אייערע אויגען צו דעם פאקט, אז די הויפט פיגור אין דער רעוואלוציע איז דער ארבייטער־קלאס, וועלכער שפרייזט צו פאליטישער אויבער־מאכט דורך דעם גאנג פון ערשיינונגען.

איהר קאנט זיך אליין פארזיכערען, דורך דעם וואס איהר וועט זאגען, אז אין פארלויף פון א בורזשואזע רעוואלוציאן קאן די פאַ־ליטישע אויבערמאכט פון ארבייטער־קלאס זיין בלויז א פארביי־געהענדער עפיזאד, און איהר קאנט פארגעסען, אז אויב דער ארביי־טער־קלאס וועט נאר איין מאל זיין אין מאכט, וועט ער געבען א פארצווייפעלטען ווידערשטאנד און וועט זיך ענטזאגען אונטערצוגע־בען, אויסער ווען ער וועט זיין געצוואונגען פון א באוואפענטער מאכט.

איהר קאנט זיך אליין פארזיכערען, דורך דעם וואס איהר וועט זאגען, אז די סאציאלע באדינגונגען אין רוסלאנד זיינען נאך ניט רייף פאר א סאציאליסטישער ארדנונג, און איהר קאנט פארזעהן דעם פאקט, אז אויב ער וועט נאר איין מאל זיין דער בעל הבית פון דער סיטואציע, וועט דער ארבייטער־קלאס זיין געצוואונגען, א דאנק דער לאגיק פון די אומשטענדען, צו ארגאניזירען די נאַ־ציאנאלעווירטשאפט אונטער דער אויפזיכט פון שטאאט.

דאס ווארט בורזשואזע רעוואלוציאן, אן

אַלגעמיינע סאָציאָלאָגישע דעפיניציאָן, גיט ניט קיין לייזונג פאר די פיעלע פּאָליטישע און טאקטישע פּראָבלעמען, ווידערשפּרעכונגען און שוועריגקייטען, וואָס ווערען געשאַפען דורך דעם מעכאַניזם פון אַ באַשטימטער בורזשואזער רעוואָלוציאָן.

צום סוף פון 18טען יאהרהונדערט, אין די גרענעצען פון א בורזשואזע רעוואָלוציאָן, וועמעס ציעל איז געווען — די פּאָליטישע איבערמאכט פון קאפּיטאל — איז די דיקטאטור פון די ס א נ־ ק ו ל אָ ט ע ן פּארוואנדעלט געוואָרען אין א פאקט. די דיקטאטור איז ניט געווען קיין פארבייגעהענדער עפּיזאָד, זי האָט געלעגט אַ שטעמפּעל אויף דעם גאנצען קומענדען יאהרהונדערט נאָך דער רעוואָלוציאָן, אָבוואָהל זי איז באלד דערשטיקט געוואָרען דורך די באַגרענצונגען פון דער רעוואָלוציאָן.

אין אנפאנג פון 20טען יאהרהונדערט, אין די גרענעצען פון א רעוואָלוציאָן, וועלכע איז אויך אַ בורזשואזע אין איהרע באלדיגע אָביעקטיווע ציעלען, שיינט צו זיין אַן אויסזיכט פאר אַן אונפאר־ מיידליכער, אָדער אם ווענינגסטענס פאר א מעגליכער, איבער־ מאכט פון ארבייטער קלאַס אין דער נאָהענטער צוקונפט. אז די איבערמאכט זאָל ניט פארוואנדעלט ווערען אין א פארבייגעהענדען עפּיזאָד, ווי עס האָפען פיעלע רעאַליסטישע פיליסטער, איז אַן אויפגאבע, וואָס דער ארבייטער קלאס וועט פון אויג ניט ארויס־ לאָזען. ס'איז דאָן אם פּלאַץ צו פרעגען: איז עס אונפארמיידליך, אז די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט זאָל זיך אָנשטויסען אָן די באַגרענצונגען פון א בורזשואזער רעוואָלוציע און פּלאצען, אָדער איז עס ניט מעגליך, אז אונטער געוויסע א י נ ט ע ר נ א צ י אָ־ נ א ל ע א ו מ ש ט ע נ ד ע ן זאָל געפינען ווערען אַ וועג פאר אַן ענדליכען זיעג דורך דעם וואָס מען זאָל אונטערדריקען דיזעלבע באַגרענצונגען? דאָן שווימט ארויף א טאקטישע פּראָב־ לעם: זאָלען מיר באוואוסטזיניג שטרעבען צו אַן ארבייטער רע־ גירונג, ווייל די ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָן וועט אונז ברענ־

נען נעהנטער צו דער שטופע, אָדער זאָלען מי'ר קוקען אויף פּאָלי־טישער מאכט, ווי אויף אַן אומגליק, וואָס די בורזשואזע רעוואָלו־ציאָן איז גרייט ארויפצוווארפען אויף די ארבייטער, און וואָס איז בעסער אויסצומיידען ?

3

דער פּראָלעטאַריאַט אין מאַכט און דאָס פּויערטום

אין פאַל פון אַן ערפאָלגרייכער רעוואָלוציאָן גײט די פּאָליטישע מאַכט איבער אין די הענד פון דעם קלאַס, וואָס האָט געשפּיעלט אַ הערשענדע ראָלע, אין אנדערע ווערטער, די מאַכט גײט אין די הענד פון אַרבייטער־קלאַס. פאַרשטענדליך, אַז רעוואָלוציאָנערע פאַרטרעטער פון ניט־פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטליכע גרופּען מעגען ניט אויסגעשלאָסען ווערען פון דער רעגירונג; גוטע פּאָליטיק פאָדערט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל איינלאַדען אין דער רעגירונג איינפלוסרייכע פיהרער פון דעם מיטעל־קלאַס, פון דער אינטעליגענץ און פון די פּויערים. די פּראָבלעם באַשטעהט אין דעם, ווער ווערט געבען דעם עיקר אין דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, ווער ווערט דאָרט צוזאַמענשטעלען אַ גלייכאַרטיגע מעהרהייט? ווען די רעגירונג באַשטעהט פון אַן אַרבייטער מעהרהייט, אַן וועלכער עס קאָנען זיך אָנשליסען פאַרטרעטער פון אנדערע דעמאָקראַטישע פאָלקס־גרופּען, איז איין זאַך; אַן אַנדער זאַך איז, ווען די רעגירונג טראָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם בורזשואַ־דעמאָקראַטישען כאַראַקטער און אַרבייטער־פאַרטרעטער ווערט ערלויבט זיך צו באַטייליגען אין דער פאָרם פון כעהר אָדער ווייניגער עהרענהאַפטע משכנות.

די פּאָליטיק פון דער ליבעראַלער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע, ניט אַכטענדיג דאַרויף, וואָס זי איז וואַקעלדיג, וואָס זי ציהט זיך צוריק און איז פאַלש, האָט דאָך אַ באַשטימטען כאַראַקטער. די פּאָליטיק פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך אַ מעהר

באַשטימטען, אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער. אָבער די פּאָליטיק פון דער אינטעליגענץ איז דער רעזולטאַט פון דער מיטעלמעסיגער סאָציאַלער פּאָזיציע און פּאָליטישער וויכטיגקייט פון דער גרופּע; די פּאָליטיק פון די פּויערים איז אַ רעזולטאַט פון דער סאָציאַלער פאַרשידענאַרטיגקייט, פון דער מיטעלמעסיגער פּאָזיציע און פון דעם פּרימיטיווען כאַראַקטער פון דעם קלאַס; די פּאָליטיק פון דעם מיטעל־קלאַס איז אַ רעזולטאַט פון שוואַך־קעפּיגקייט, פון מיטעלמעסיגקייט און פון דעם פּאָלשטענדיגען פאַרלאַנג אָנצוהאַלטען די פּאָליטישע טראַדיציעס, — אַזאַ פּאָליטיק קאָן קיינמאָל ניט זיין קלאָר, אויסגעשפּראָכען און פעסט, און מוז זיין אונטערוואַרפען אונטער יעדער אונזיכערהייט, איבעררעשונג און קאָן אונערוואַרטעט אָננעהמען אַ נייע ווענדונג.

זיך פּאָרצושטעלען אַ רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטישע רעגירונג אָהן ארבייטער־פּאַרטרעטער, הייסט צו זעהן דעם אונזין פון אַזאַ סיטואַציע. ווען די אַרבייטערשאַפט זאָל זיך ענטזאַגען צו באַטייליגען אין אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וואָלט דאָס געמאַכט אונמעגליך די עקזיסטענץ פון דער רעגירונג און דאָס וואָלט געווען גלייך ווי פאַרראַטען די זאַך פון דער רעוואָלוציאָן. דאָס באַטייליגען זיך פון דער אַרבייטערשאַפט אין אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג איז ערלויבט סיי פון שטאַנדפּונקט פון אָביעקטיווע מעגליכקייטען, סיי פון שטאַנדפּונקט וואָס איז סוביעקטיוו ווינשענסווערט, בלויז אין דער ראָלע פון אַ פיהרענדער, הערשענדער מאַכט. פאַרשטעהט זיך, אַז איהר קאָנט רופען אַזאַ רעגירונג, „די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום“, „די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, פון די פּויערען און פון דער אינטעליגענץ“, אָדער „אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פון די אַרבייטער און פון די נידריגע שיכטען פון מיטעל־קלאַס“. די פראַגע וועט אָבער אַלץ בלייבען: ווער האָט די אויבערהערשאַפט אין דער רעגירונג און דורך דער רעגירונג איבער'ן לאַנד? ווען מי'ר ריידען וועגען אַן אַרבייטער־

רעגירונג, מיינען מיר, אז די אויבערהערשאפט באלאנגט צום ארבייטער־קלאס.

דער פראָלעטאַריאט וועט זיין אימשטאנד אָנצוהאַלטען די פּאָזיציע בלויז אונטער איין אומשטאנד: אויב ער וועט מאַכען ברייטער דעם באַזיס פון דער רעוואָלוציאָן.

פיעלע עלעמענטען פון דעם ארבייטער־קלאַס, הויפּטזעכליך די פּראָווינציעלע באַפעלקערונג, וועלען אריינגעצויגען ווערען אין דער רעוואָלוציאָן און קריגען זייער פּאָליטישע ערציהונג בלויז נאָך דעם ערשטען זיעג פון דער רעוואָלוציאָן, ווען דער רעוואָלוציאָנערער־אוואנגארד — דער שטאָדטישער פּראָלעטאַריאט — וועט האָבען פארכאפּט די רעגירונגס־מאַכט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען וועט די ארבייט פון פּראָפּאַגאנדא און אָרגאַניזאַציאָן ווערען געפיהרט דורך אגענטורען פון שטאַאַט. די געזעצגעבונגס־ארבייט אַליין וועט ווערען אַ מעכטיגער מיטעל צו רעוואָלוציאָניזירען די מאַסען. די משא, וואָס איז געפאַלען אויף די פּלייצעס פון אַרבייטער קלאַס דורך די אומשטענדען פון אונזער סאָציאַלער און היסטאָרישער ענטוויקלונג, די משא, וואָס ליגט אויף׳ן וועג צו פאַרפּאָלקאָמען אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע דורך מיטלען פון ארבייטער־קאמפּף, וועט שטעלען דעם פּראָלעטאַריאט פּנים אל פּנים מיט אונגעהייערע שוועריגקייטען; פון דער צווייטער זייט, וועט דאָס געבען דעם אַרבייטער־קלאַס, — אָם וועניגסטען אין ערשטען פּעריאָד, — אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייטען. דאָס וועט זיך ארויסזעהן אין די באַציהונגען צווישען דעם פּראָלעטאַריאט און די פּויערים.

אין די רעוואָלוציעס פון 1789—93 און 1848 איז די רעגירונגס מאַכט איבערגעגאַנגען פון אַבסאָלוטיזם אין די הענד פון מעסיגע בורזשואַזע עלעמענטען, וועלכע האָבען באַפרייט די פּויערים, איידער די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע האָט געהאַט צייט

אָדער אפילו געמאכט א פארזוך איבערצוגעהמען די מאכט. דאָס באַפרייטע פויערטום האָט דאַן פאַרלאָרען דעם אינטערעס אין די פּאָליטישע אונטערנעהמונגען פון דער שטאָרטישער באַפעלקערונג, דאָס הייסט, אין דעם ווייטערדיגען גאנג פון דער רעוואָלוציאָן; זיי האָבען מיט זיך געשאפען די נויטיגע געוויכט פאר „אָרדנונג", דעם פונדאמענט פאר יעדער געזעלשאפטליכע „דויערהאפטיגקייט", פאַרראטענדיג די רעוואָלוציאָן, גרייט צו אונטערשטיצען די העכסט־אבסאָלוטע רעאקציע.

די רוסישע רעוואָלוציאָן איז געגען א בורזשואזע קאָנסטיטו־ציאָנעלע אָרדנונג, וואָס וואָלט געווען אימשטאנד צו לייזען די פּרימיטיווסטע פּראָבלעמען פון דעמאָקראַטיע. די רוסישע רע־וואָלוציאָן וועט זיין געגען דעם פאר א לאנגען קומענדען פּעריאָד. רעפאָרמערס פון ביוראָקראַטישען חדר, אזעלכע ווי וויטע און סטא־ליפּין, קאָנען גאר ניט טאָן פאר די פויערים, ווייל זייער „אויפקלע־רונגס ־ ארבייט" ווערט כסדר פארניכטעט אין זייער אייגענעם קאמפּף פאר עקזיסטענץ. דער גורל פון די עלעמענטארסטע אינ־טערעסען פון פויערטום — דער גאנצער פויערטום אלס א קלאָס — איז דארום ענג פארבונדען מיט דעם גורל פון דער רעוואָלוציאָן, דאָס הייסט, מיט דעם גורל פון פּראָלעטאַריאַט.

אויב זיי וועלען נאר איינמאל זיין אין מאכט, וועט דער פּראָלע־טאריאט ערשיינען פאר דעם פויער־טום אלס זיין באפרייער.

פּראָלעטארישע הערשאפט וועט מיינען ניט בלויז דעמאָקראַ־טישע גלייכהייט, פרייע זעלבסט־רעגירונג, ארויפווארפען די משא פון שטייערען אויף די אייגענטום־קלאסען, פארנאנדערלאָזען די ארמעע צווישען דעם רעוואָלוציאָנערען פאָלק, אָפּשאפען די צוואַנג־צאהלונגען פאר דער קירכע, נאָר אויך אנערקענען אלע רעוואָלוציאָ־נערע ענדערונגען, וואָס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פון די פויע־רים אין אגראר באציהונגען (פארנעהמען לאנד א. ד. גל). די

עגרערונגען וועלען באטראכט ווערען פון פראָלעטאריאט אלס אן אנ־פאנג פאר ווייטערדיגע געזעצגעבונג אין אגריקולטור. אונטער אזעלכע אומשטענדען וועט דער רוסישער פויער זיין פאראינטערע־סירט אויפצוהאלטען די פראָלעטארישע הערשאפט (די „ארבייטער דעמאָקראטיע“), אַם וועניגסטען אין דעם ערשטען, העכסט שווע־רען פעריאָד, ניט וועניגער ווי די פראנצויזישע פויערים זיינען גע־ווען פאראינטערעסירט אויפצוהאלטען די מיליטערישע הערשאפט פון נאפּאָלעאָן באָנאפּארט, וועלכער האָט דורך געוואלד גאראנטירט די נייע אייגענטימער די גאנצקייט פון זייער חלק לאנד.

אָבער איז דען ניט מעגליך, אז די פויערים זאָלען ארויסשטו־פען די ארבייטער פון זייערע פּאָזיציעס און פארנעהמען זייערע פּלעצער? ניין, דאָס קאָן קיינמאָל ניט געשעהן. דאָס וואָלט גע־ווען א ווידערשפּרוך צו אַלע היסטאָרישע ערפאהרונגען. די געשיכטע האָט איבערצייגט, אז דאָס פויערטום איז אונפעהיג צו שפּיעלען אן אונאפּהענגיגע פּאָליטישע ראָלע.

די געשיכטע פון קאפּיטאליזם איז די געשיכטע פון דער אונ־טערוואָרפענקייט פון דאָרף אונטער דער שטאָדט. די אינדוסטריע־לע ענטוויקלונג האָט געמאכט אונמעגליך די ווייטערדיגע פעאָדאלע באציהונגען אין אגריקולטור. דאָך האָט דאָס פויערטום ניט גע־שאפען קיין קלאַס, וועלכער וואָלט זיך געקאָנט ערהויבען צו דער רעוואָלוציאָנערער אויפגאבע פון פארניכטען דעם פעאָדאליזם. די שטאָדט איז דאָס געווען, וואָס האָט געמאכט די דאָרפישע באפעל־קערונג אפּהענגיג פון קאפּיטאל, וואָס האָט געשאפען רעוואָלוציאָ־נערע קרעפטען איבערצונעהמען די פּאָליטישע הערשאפט איבער'ן דאָרף, דאָרט צו פארפּאָלקאָמען די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין די בירגערליכע און פּאָליטישע באציהונגען. אין פארלויף פון ווייטערדיגער ענטוויקלונג ווערט דאָס דאָרף אין גאנצען פאר־שקלאַפט צו קאפּיטאל, און די דאָרפישע באפעלקערונג צו קאפּי־טאַליסטישע פּארטייען, וועלכע לעבען אויף דעם פעאָדאליזם אין פּארלאָמענטאַרישע פּאָליטיק, מאכענדיג דאָס פויערטום פּאר זייער

פּאָליטישען געביעט, דעם גרונד פאר זייער וואהל־יאָגעניש. דאָס מאָדערנע פויערטום ווערט געטריבען פון דער קאזיאָנע און מילי־טעריסטישער סיסטעם פון שטאאט אין די לאַפּעס פון פּראָצענט־ניק׳ס קאפּיטאל, און די שטאאט־קירכע, שטאאט־שולען און קאזאר־מע פארדאָרבענהייט טרייבען איהם אין די לאַפּעס פון פּראָצענט־ניק׳ס פּאָליטיק.

די רוסישע רעוואָלוציאָן האָט אָפּגעגעבען אַלע רעוואָלוציאָנע־רע פּאָזיציעס צום רוסישען פּראלעטאריאט. זי וועט אויך דארפען אָפּגעבען די רעוואָלוציאָנערע אויבערהערשאפט איבער די פויערים. ווען דער פּראָלעטאַריאט וועט נאָך איין מאָל ווערען דער בעל הבית פון דער סיטואציאָן, וועלען די אומשטענדען טרייבען די פויערים אָנצוהאלטען די פּאָליטיק פון אַן ארבייטער דעמאָקראטיע. זיי מעגען דערביי אָנווענדען ניט מעהר פּאליטישע פארשטענדניס, ווי זיי ווענדען אָן אויפצוהאלטען א בורזשואזע אָרדנונג. דער אונ־טערשיעד איז, וואָס יעדע בורזשואזע פּארטיי, וועלכע האָט די שטימען פון די פויערים, ניצט אויס איהר מאכט צו בארויבען די פויערים, צו פאררעטען זייער צוטרוי און ניט צו ערפילען זייערע ערוואַרטונגען, אין ערגסטען פאל, צו מאכען פּלאַץ פאר אַן אנדער קאפּיטאליסטישע פּארטיי, — דער ארבייטער קלאס, געשטיצט פון פויערטום, וועט ברענגען אין באוועגונג אלע כחות צו ערהויבען דעם קולטורעלען צושטאנד פון דאָרף און צו מאכען ברייטער די פּאָלי־טישע באגריפע פון די פויערים.

אונזער שטעלונג צו דער אידעע וועגען א „דיקטאטור פון דעם פּראָלעטאריאט און דעם פויערטום“ איז יעצט גאנץ קלאָר.

4

פּראָלעטאַרישע הערשאַפט.

דער פּראָלעטאַריאַט קאָן אַריין אין מאַכט בלויז אין מאָמענט פון אַ נאַציאָנאַלען אויפשטאנד, אין אַ מאָמענט פון גרויסען נאַציאָנאַלען ענטוזיאזם. דער פּראָלעטאַריאַט נעהמט איבער די מאַכט אַלס אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרטרעטער פון פאָלק, אַלס אַן אַנערקענטער פיהרער אין דעם קאמפּף געגען אַבסאָלוטיזם און באַרבאַרישען פעאָדאַליזם. אָבער נאכדעם, ווי ער וועט האָבען איבערגענומען די מאַכט, וועט דער פּראָלעטאַריאַט אָנפאנגען אַ נייע צייט, אַ צייט פון פּאָזיטיווער געזעצגעבונג, פון רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק, און דאָס איז דער פונקט, וואו זיין פּאָליטישע אויבערמאכט, אַלס אַן עפענטליכער וואָרטפיהרער פון פאָלק, קאָן זיין אין געפאהר.

די ערשטע מיטלען פון פּראָלעטאַריאַט — אָפּצורייניגען דעם פּלאַץ פון אַלטען רעזשים און אַרויסצוטרייבען זיינע איינוואָהנער — וועלען געפינען אַ וואַרימע אונטערשטיצונג ביי דער גאנצער נאַציאָן. וואָס די ליבעראַלע אויסוואורפע זאָלען אונז ניט זאָגען וועגען דער קראפט פון מאנכע פּאָראורטיילע צווישען די מאַסען. די אַרבייט פון פּאָליטישער אָפּריינעגונג וועט געהן האנד אין האנד מיט דער דעמאָקראַטישער רעאָרגאַניזירונג פון אַלע געזעלשאפטליכע און פּאָליטישע באַציהונגען. די אַרבייטער רעגירונג, געטריבען פון באַלדיגע באַדירפניסע און פאַרלאנגען, וועט זיך מוזען אַריינטראַכטען אין אַלערליי באַציהונגען און אין יעדער אקטיוויטעט צווישען דעם פאָלק. זי וועט דארפען אַרויסוואַרפען פון דער אַרמעע און פון דער אַדמיניסטראַציע אַלע יעניגע, וועלכע האָבען

פארפלעקט זייערע הענד מיט דעם בלוט פון פאָלק; זי וועט דאר־פען אויפלעזען אלע ארמעע־רעגימענטען, וואָס זיינען אָנגעזאפט געוואָרען מיט פארברעכענס געגען דעם פאָלק. די ארבייט וועט מוזען געטאָן ווערען באלד, א סך פריהער, איידער ס'וועט געגרינ־דעט ווערען אָן ערוועהלטע, פאראנטוואָרטליכע פאָלקס־פארוואל־טונג און א סך פריהער, איידער ס'וועט אָרגאניזירט ווערען אָן אלגעמיינע מיליץ. דאָס וועט זיין בלויז אָן אנפאנג. די אר־בייטער דעמאָקראטיע וועט באלד שטעהן פנים אל פנים מיט די פּראָבלעמען פון א נאָרמאלען ארבייטער טאָג, אגראר באציהונגען און ארבייטסלאָזיגקייט. די געזעצגעבענדע לעזונג פון די פּראָבלע־מען וועט צייגען דעם קלאסען־כאראקטער פון דער ארבייטער רעגירונג. זי וועט געהן אין דער ריכטונג אָפּצושאפען דעם רעוואָלוציאָנערען צוזאמענבונד צווישען דעם פּראָלעטאריאט און דעם פאָלק; זי וועט געבען אַ פּאָליטישען אויסדרוק צו די עקאָנאָמישע אונטערשיידונגען צווישען די פויערים. די געגנער־שאפט צווישען די פארשידענע טיילען פון פאָלק וועט וואקסען שריט ביי שריט, צוזאמען מיט דעם ווי די פּאָליטיק פון דער ארבייטער רעגירונג וועט ווערען מעהר אויסגעשפּראָכען, וועט פארלירען איהר אלגעמיין דעמאָקראטישען כאראקטער און וועט אָננעהמען א קלאסען־פּאָליטיק.

דער מאנגעל אין אינדיווידועלע בורזשואזע טראדיציעס און פּאָראורטיילע געגען פּראָלעטאריאט צווישען די פויערים און דער אינטעליגענץ וועט העלפען דעם פּראָלעטאריאט איבערנעהמען די מאכט. מען דארף, פונדעסטוועגען, ניט פארגעסען, אז דער מאנ־געל אין פּאָראורטיילע איז געשטיצט ניט אויף פּאָליטישע באגריפע, נאָר אויף פּאָליטישען בארבאריזם, אויף געזעלשאפטליכע פּאָרמלאָ־זיגקייט, אויף א פּרימיטיווען באָדען און אויף מאנגעל אין כאראק־טער. דאָס זיינען אלץ אזעלכע מעלות, וואָס קאָנען ניט גאראנ־טירען קיין אונטערשטיצונג פאר אן אקטיווער, אויסגעהאלטענער, פּראָלעטארישער הערשאפט.

דאָס אָפּשאַפּען פון דעם איבערבלייבעכץ פון פעאָדאַליזם אין אַגראַר באַציהונגען וועט אונטערשטיצט ווערען פון אַלע פּויערים, וועלכע זיינען יעצט אונטערדריקט פון די לאַנד־אייגענטימער. א פּראָגרעסיווער איינקונפט־שטייער וועט אונטערשטיצט ווערען פון א גרויסער מאַיאָריטעט פון די פּויערים. אבער געזעצגעבענדע מיטלען צו באַשיצען דעם דאָרפישען פּראָלעטאַריאַט (פאַרם־אַרביי־טער) וועלען ניט קריגען קיין אַקטיווע אונטערשטיצונג צווישען דער מעהרהייט און וועלען האָבען אַן אַקטיווע אָפּאָזיציע ביי א מינ־דערהייט פון די פּויערים.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין געצוואונגען איינצופיהרען דעם קלאַסען־קאַמפּף אין דאָרף און אויף אַזא אופן פאַרניכטען די שוואַ־כע געמיינשאַפטליכקייט פון אינטערעסען, וועלכע פאַראייניגט אָהן ספק די פּויעוים אַלס א גאַנצעס. אין זיין נעכסטען שריט וועט דער פּראָלעטאַריאַט מוזען זוכען אונטערשטיצונג דורך דעם, וואָס ער וועט העלפען דער אָרימער דאָרפישער באַפעלקערונג געגען די רייכע, דעם דאָרפישען פּראָלעטאַריאַט געגען דער לאַנד בורזשואַזיע. דאָס וועט פאַרפּרעמידען די מעהרהייט פון די פּויערים פון דער אַר־בייטער דעמאָקראַטיע. די באַציהונגען צווישען דאָרף און שטאָדט וועלען ווערען אָנגעשטרענגט. דאָס פּויערטום אַלס א גאַנצעס וועט ווערען פּאָליטיש גלייכגילטיג. די פּויערשע מינאָריטעט וועט זיין ענטשיעדען געגען פּראָלעטאַרישער הערשאַפט. דאָס וועט באַ־איינפלוסען א טייל פון דער אינטעליגענץ און דעם מיטעל־קלאַס פון דער שטאָדט.

צוויי שטרעמונגען פון פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק האָבען א מעגליכקייט זיך אָנצושטויסען אָן דער אָפּאָזיציע פון די בונדעס־גענאָסען פון ארבייט: ק אָ ל ע ק ט י װ י ז ם און א י נ־ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם. די פּויערים'ס שטאַרקע אנהענגער־שאַפט פון פּריוואַט אייגענטום, זייערע פּרימיטיווע פּאָליטישע באַ־גריפע, די באַשרענקטקייט פון דאָרפישען האָריזאָנט, זיין ווייטקייט פון וועלט־ברייטע פּאָליטישע פאַרבינדונגען, זיינען א שרעקליכע

שטערונג אויף דעם וועג פון רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטארישער הערשאפט.

זיך פאָרצושטעלען, אז די סאָציאל־דעמאָקראטיע באטייליגט זיך אין דער צייטווייליגער רעגירונג, שפּיעלענדיג א פיהרענדע ראָלע אין דעם פעריאָד פון רעוואָלוציאָנערער, דעמאָקראטישער איבערבויאונג, פאָדערנדיג די ראדיקאלסטע רעפאָרמען און האָבענדיג די גאנצע צייט די הילף און שטיצע פון דעם אָרגאניזירטען פּראָלעטאריאט, — בלויז אום אָפּצוטרעטען אָן א זייט, ווען דער דעמאָקראטישער פּראָגראם האלט אין דורכגעפיהרט ווערען, צו לאָזען די פארענדיגטע געביידע אויף דעם שיקזאל פון די בורזשואזע פארטייען און אויף אזא אופן שאפען א נייע צייט פאר פארלאמענטארישע פּאָליטיק, וואו די סאָציאל־דעמאָקראטיע שטעלט מיט זיך פאָר בלויז אַן אָפּאָזיציאָנס־פּארטיי, — זיך פאָרצושטעלען דאָס, וואָלט געהייסען צו מאכען א קאָמפּראָמיס מיט דער גאנצער אידעע וועגען אַן ארבייטער רעגירונג, אזעלכעס איז שווער זיך פאָרצושטעלען, ניט ווייל ס'איז „געגען פרינציפּען“ — אזא אבסטראקטער ארט דענקען האָט ניט קיין אינהאלט — נאָר ווייל ס'איז ג י ט ר י כ ט י ג, ווייל ס'איז דער ערגסטער סאָרט אוטאָפּיזם, דער רעוואָלוציאָנערער אוטאָפּיזם פון קליינבירגער.

דער אונטערשיעד וואָס מיר מאכען צווישען א מינימום און מאקסימום פּראָגראם האָט א גרויסע און וויכטיגע באדייטונג בלויז אונטער א בורזשואזע הערשאפט. די בורזשואזע הערשאפט אליין מאכט צו נאָר נישט אלע פאָדערונגען פון אונזער מינימום פּראָגראם, דורך דער קאָנקורענץ פון פריוואט־אייגענטום אויף פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די פאָדערונגען זיינען דער תמצית פון א סאָציאליסטישער רעוואָלוציאָן און זיי פיהרען צו א דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט. דעם מאָמענט אָבער, ווען א רעוואָלוציאָנערע רעגירונג ווערט באהערשט פון א סאָציאליסטישער מאיאָריטעט פארשווינדעט דער אונטערשיעד צווישען מינימום און מאקסימום פּראָגראם סאַי אלס פרינציפּיעלע פראגע סאַי אין פּראקטישע פּאָליטיק.

אַ פּראָלעטאַרישע רעגירונג וועט אונ־ טער קיינע אומשטענדען זיך ניט קאָנען האַלטען אין די גרעניצען פון אַזאַ אונטערשיעד.

לאָמיר נעהמען דעם פאַל פון אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. ס'איז אַ באַשטימטער פאַקט, אַז אַן אַכט־שטונדיגער אַרבייטס־טאָג ווידערשפּרעכט ניט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג; ס'איז דאַ־ רום אין די גרענעצען פון דעם סאָציאַליסטישען מינימום פּראָ־ גראַם. שטעלט זיך אָבער פאָר די איינפיהרונג פון אַן אַכט־שטונדי־ גען אַרבייטס־טאָג אין אַ רעוואָלוציאָנערער צייט, ווען אַלע סאָציאַ־ לע ליידענשאַפטען זיינען אויפגעקאָכט. דער געזעץ פאַר אַן אַכט־ שטונדיגען אַרבייטס־טאָג וואָלט זיך אָנגעשטויסען אָן אַן איינגע־ שפּאַרטע און אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע מצד פון די קאַפּיטאַליסטען, — לאָמיר זאָגען, אין דעם פאָרם פון לאָק־אויטס און צומאַכען די פאַבריקען. הונדערטע טויזענדע אַרבייטער וואָלטען אַרויסגע־ וואָרפען געוואָרען אויף די גאַסען. וואָס דאַרף טאָן אַ רעוואָלו־ ציאָנערע רעגירונג? אַ בורזשואַזע רעגירונג, ווי ראַדיקאַל זי זאָל ניט זיין, וואָלט קיינמאָל ניט ערלויבט צו לאָזען אַ זאַך געהן אַזוי ווייט. זי וואָלט געווען מאַכטלאָז געגען דעם צומאַכען פון פאַברי־ קען. זי וואָלט געווען געצוואונגען צו מאַכען קאָמפּראָמיסען. דער אַכט־שטונדיגער אַרבייטס־טאָג וואָלט ניט איינגעפיהרט געוואָרען; דער אויפשטאַנד פון די אַרבייטער וואָלט אונטערדריקט געוואָרען דורך דער מאַכט פון געוועהר...

אונטער דער פּאָליטישער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט מוז דאָס איינפיהרען פון אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג האָבען גאַנץ אַנדערע קאָנסעקווענצען. דאָס צומאַכען פון פאַבריקען קאָן ניט דיענען אַלס אורזאַכע צו פאַרגרעסערען די אַרבייטס־שטונדען אין אַ רעגיערונג, וועלכע פאַרטרעט ניט קאַפּיטאַל, נאָר אַרבייט, און וועלכע ענטזאַגט זיך צו זיין אַן „אונפּאַרטייאישער“ פאַרמיטלער, ווי דאָס טוט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. אַן אַרבייטער רעגי־

רונג וואָלט געהאט בלויז איין אויסוועג, — צו עקספּראָפּריאירען די צוגעמאכטע פאבריקען און צו אָרגאַניזירען זייער ארבייט אויף א געזעלשאפטליכען באזיס.

אָדער לאָמיר נעהמען אן אנדער ביישפּיעל. א פראָלעטאַרישע רעגירונג מוז דורכאויס אָננעהמען ענטשלאָסענע מיטלען צו לייזען די פּראָבלעם פון ארבייטסלאָזיגקייט. ארבייטער פארטרעטער אין א רעוואָלוציאָנערער רעגיערונג קאָנען פאר קיין פאל ניט אוועקמאכען אונטער'ן האנד די פאָדערונגען פון ארבייטסלאָזיגקייט דערמיט וואָס זיי וועלען זאָגען, אז דאָס איז א בורזשואַזע רעוואָלוציאָן. אויב דער שטאַאט פּרובירט נאָר איין מאָל אָפּצושאפען ארבייטסלאָזיגקייט — עס מאכט ניט אויס ווי אזוי — ווערט פארווירקליכט אן אונגעהייערער געווינס אין דער עקאָנאָמישער מאכט פון פּראָלעטאריאט. די קאפּיטאַליסטען, וועמעס דרוק אויף'ן ארבייטער־קלאַס האָט זיך געשטיצט אויף דער עקזיסטענץ פון א גרויסער ארבייטסלאָזער ארמעע, וועלען שנעל באגרייפען, אז זיי זיינען עקאָנאָמיש מאכטלאָז. עס וועט זיין די אויפגאַבע פון דער רעגירונג צו פאר'משפּט'ן זיי אויך צו פּאָליטישער מאכטלאָזיגקייט.

מיטלען געגען ארבייטסלאָזיגקייט מיינט אויך שאפען מיטלען צו שטיצען סטרייקערס. די רעגירונג וועט דאָס מוזען אונטערנעהמען, אויב זי וויל ניט פארניכטען דעם פונדאמענט פון איהר עקזיסטענץ. פאר די קאפּיטאַליסטען וועט ניט בלייבען קיין אנדערע זאך, ווי צו ערקלערען „לאקאוטס" און צומאכען די פאבריקען. אזוי ווי קאפּיטאַליסטען קאָנען אויסהאלטען לענגער, ווי ארבייטער, ווען די פּראָדוקציאָן ווערט אָפּגעשטעלט, וועט פאר אן ארבייטער רעגירונג בלייבען צו ענטפערן אויף אן אלגעמיינעם „לאקאוט" בלויז מיט עקספּראָפּריאירען די פאבריקען און אין די גרעסערע פון זיי איינפיהרען א פאָרם פון שטאַאט אָדער קאָמוניסטישע פּראָדוקציאָן.

אין אגריקולטור וועלען ארויפשווימען עהנליכע פּראָבלעמען אויף דעם באָדען פון לאנד־עקספּראָפּראציעס. מיר קאָנען זיך ניט

פאַרשטעלען אַ פּראָלעטאַרישע רעגירונג, וואָס זאָל עקספּראָפּריאירען גרויסע פּריוואַטע גיטער מיט אַגריקולטור פּראָדוקציאָן אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב און צושניידען אויף שטיקער און פאַרקויפען צו קליינע אייגענטימער. דער איינציגער אָפענער וועג איז צו אָרגאַניזירען אין אַזעלכע גיטער קאָ־אָפּעראַטיווע פּראָדוקציאָן, אונטער אַ קאָמוניסטישער אָדער שטאַאַט־פּאַרוואַלטונג. אָבער דאָס איז דער וועג צו סאָציאַליזם.

סאָציאַליסטען קאָנען קיינמאָל ניט איבערנעהמען די מאַכט אונטער צווייערליי פאַרפליכטונגען: איינצופיהרען דעם גאַנ־צען מינימום פּראָגראַם צוליעב דעם פּראָלעטאַריאַט, און צו האַלטען זיך שטרענג אין די גרענצען פון דעם פּראָגראַם צוליעב דער בורזשואַזיע. אַזאַ צווייערליי פאַר־פליכטונג קאָן קיינמאָל קיין קיום ניט האָבען. באַטייליגענדיג זיך אין דער רעגירונג ניט אַלס אַ מאַכטלאָזע משכנות, נאָר אַלס אַ פיהרענדע קראַפט, מוזען די' אַרבייטער פאַרטרעטער צוברעכען די ליניע צווישען דעם מינימום און מאַקסימום פּראָגראַם. קאָלעק־טיוויזם ווערט די פראַגע פון טאָג. אויף וועלכען פּונקט דער פּראָלעטאַריאַט וועט אָפּגעשטעלט ווערען אין זיין מאַרש אין דער ריכטונג איז אָפּהענגיג ניט פון דעם אָריגי־נעלען צוועק פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, נאָר פון די קרעפ־טען וואָס וועלען זיין צוזאַמענגעשטעלט.

ס'איז דאַרום לעכערליך צו ריידען וועגען אַ ספּעציע־לען כאַראַקטער פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור (אָדער אַ דיק־טאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום) אין אַ בור־זשואַזער רעוואָלוציאָן, נעמליך, וועגען אַ ריין־דעמאָ־קראַטישער דיקטאַטור. דער אַרבייטער־קלאַס קאָן קיינמאָל ניט פאַרזיכערען דעם דעמאָקראַטישען כאַראַקטער פון זיין דיקטאַ־טור, ניט איבערטרעטענדיג די גרענעצען פון זיין דעמאָקראַטישען פּראָגראַם. אילוזיעס, וואָס זיינען דער געגענטייל פון דעם, קאָנען

ווערען אַ שטערונג. זיי וואָלטען געפיהרט די סאָציאַל־דעמאָקראַ־
טיע צו קאָמפּראָמיסען באַלד פון אנפאנג.

אַזוי שנעל ווי דער פּראָלעטאַריאט נעהמט איבער די מאַכט,
וועט ער קעמפּפען פאַר איהר ביז'ן סוף. איינער פון די מיטלען צו
קריגען און פאַרשטארקען זיין מאכט וועט זיין פּראָפּאגאנדא און
אָרגאַניזאַציאָן, הויפּטזעכליך אין דאָרף; אַן אנדער מיטעל וועט
זיין די פּאָליטיק פון ק אָ ל ע ק ט י װ י ז ם. קאָלעקטיוויזם
ווערט ניט בלויז דיקטירט פון דער פּאָזיציע פון דער סאָציאַל־דע־
מאָקראַטישער פאַרטיי, אַלס אַ פאַרטיי אין מאכט, נאָר דאָס ווערט
נויטווענדיג אַלס אַ מיטעל צו פאַרזיכערען די פּאָזיציע דורך דער
אַקטיווער אונטערשטיצונג פון דעם ארבייטער־קלאַס.

ווען אונזער סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט צום ערשטען מאָל
פּאָרמולירט די אידעע וועגען אַ פּערמאַנענטער רעוואָלוציאָן, וועל־
כע זאָל פיהרען פון דער ליקווידאַציע פון אַבסאָלוטיזמוס און ביר־
גערליכע שקלאַפּעריי צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג דורך אַ רייהע
פון וואַקסענדע געזעלשאַפטליכע קאָנפליקטען, דורך אויפשטענדע
פון אַלץ נייע מאַסען, דורך אונערמידליכע אַטאַקעס פון דעם פּראָ־
לעטאַריאַט אויף די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס פון
די הערשענדע קלאַסען, האָט אונזער „פּראָגרעסיווע“ פּרעסע איינ־
שטימיג אויפגעהויבען אַ שרעקליכען געוואַלד. אָה, זיי האָבען
נענוג געליטען, די הערען פון דער „פּראָגרעסיווער“ פּרעסע ; אַזאַ
אונזין איז פאַר זיי שוין געווען צופיעל. רעוואָלוציאָן, האָבען זיי
געזאָגט, איז ניט אַ זאַך וואָס קאָן געמאַכט ווערען „לעגאַל“. אויי־
סערגעוועהנליכע מיטלען ווערען ערלויבט בלויז אין אויסערגעוועהנ־
ליכע פעלע. דער צוועק פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָ־
בען זיי גע'טענה'ט, איז ניט צו מאַכען די רעוואָלוציאָן אָנגעהן
אייביג, נאָר צו ברענגען זי אַזוי שנעל, ווי מעגליך, אין אַ צושטאַנד
פון ג ע ז ע צ ל י כ ק י י ט, א. ד. גל. די מעהר ראַדיקאַלע
פאַרטרעטער פון דער דעמאָקראַטישער בורזשואַזיע מאַכען ניט קיין
פאַרזוך צו שטעלען זיך גענען דער רעוואָלוציאָן פון דעם שטאַנד־

פונקט פון ערדייכען אַלעס אויף א פּאַלשטענדיג קאָנסטיטוציאָנעלען אופן: ווי באגרענעצט זיי זאָלען ניט זיין, פארשטעהען זיי, אז ס'איז האָפנונגסלאָז צו באקעמפפען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציאָן מיט וואפען פון פארלאמענטארישען אידיאָטיזם אין פּאָר־אויס אײדער דער פארלאמענטאריזם אַליין וועט איינגעפיהרט. זיי קלייבען דארום אויס אַן אנדער וועג. זיי ווארפען אוועק דעם שטאנדפונקט פון געזעץ און נעהמען אָן דעם שטאנדפונקט, וואָס זיי באטראַכטען אַלס פאקטען, — דעם שטאנדפונקט פון היסטאָרישע „מעגליכקייטען", דעם שטאנדפונקט פון פּאָליטישען „רעאַליזם", — אפילו... אפילו דעם שטאנדפונקט פון „מארקסיזם". דאָס איז געוועזען אנטאָניאָ, דער פרומער ווענעציאַנער בורזשוא, וועלכער האָט אמאָל געמאַכט די זעהר גלענצענדע באמערקונג:

„איהר פארשטעהט, באסאניאָ, דער טייפעל קאָן ברייננען פסוקים פון דער ביבעל פאר זיינע צוועקען".

יענע הערדען באטראַכטען ניט בלויז די אידעע פון אַן ארבייטער רעגירונג אין רוסלאנד אַלס פאנטאסטיש, נאָר זיי פארשטויסען יעדע מעגליכקייט פון א סאָציאַלער רעוואָלוציאָן אין אייראָפּא אין דער נאָהנטער היסטאָרישער עפּאָכע. זיי טענה'ן, אז די נויטיגע „פּאָרבערייטונגען" דערצו עקזיסטירען נאָך ניט.

איז דאָס אזוי? ס'איז, פארשטענדליך, ניט אונזער צוועק צו באשטימען א צייט פאר א סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. מיר ווילען אָבער מאַכען א פארזוך אוועקצושטעלען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן אין א ריכטיגען היסטאָרישען אויסזעהן.

5

פאָרבערייטונגען צום סאָציאַליזם.

דער מאַרקסיזם האָט פאַרוואַנדעלט דעם סאָציאַליזם אין אַ וויסענשאַפט. דאָס שטערט ניט מאַנכע „מאַרקסיסטען“ צו פאַרוואַנדלען דעם מאַרקסיזם אין אַן אוטאָפּיאַ.

טראָצקי שטעלט זיך דאַן אָפּ אויף די אַרגומענטען פון נ. ראָשקאָף, אַ רוסישען מאַרקסיסט, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז רוסלאַנד איז נאָך ניט רייף פאַר סאָציאַליזם, אַז איהר אינדוסטריעלע טעכניק און דער קלאַסענבאַוואוסטזיין פון איהרע ארבייטער־מאַסען זיינען ניט גענוג אַנטוויקעלט צו מאַכען מעגליך אַ כאָציאַליסטישע פּראָדוקציאָן, און דאָס פאַרנאַנדערטיילען פון פּראָדוקטען. דאַן קעהרט ער זיך אום צו דעם, וואָס ער רופט „פאָרברייטונגען צום סאָציאַליזם“, וועלכע זיינען לויט זיין מיינונג: 1) די אַנטוויקלונג פון אינדוסטריעלער טעכניק; 2) די קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציאָן; 3) דער סאָציאַלער באַוואוסטזיין פון די מאַסען. אום דער סאָציאַליזם זאָל ווערען מעגליך, — זאָגט ער, — איז נויטיג, אַז יעדע פון די פאָרבערייטונגען זאָל זיין אַנטוויקעלט אויף דער העכסטער לאָגיש־באַגרייפליכער שטופע.

די אַלע פּראָצעסען (די ענטוויקלונג פון טעכניק, קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציאָן, וואוקס פון מאַסען־באַוואוסטזיין) קומען פאָר איינצייטיג, און ניט נאָר העלפען זיי און סטימולירען איינער דעם אַנדערען, נאָר **זיי שטערען און באַגרענעצען** אויך איינער דעם צווייטענס ענטוויקלונג. יעדער פּראָצעס פון אַ העכערער שטופע פאָדערט די ענטוויקלונג פון אַן אַנדער פּראָצעס פון אַ נידריגער שטופע, דאָך קאָן די פאָלשטענדיגע ענטוויקלונג פון איינעם פון די פּראָצעסען ניט זיין אָפּהענגיג פון דער פאָלשטענדיגער ענטוויקלונג פון די איבריגע.

דער לאָגישער גרענעץ פון טעכנישער ענטוויקלונג, איז אָהן

צווייפעל א פּאָלקאָמענער אויטאָמאטישער מעכאניזם, וואָס נעהמט רויהע מאַטעריאַלען פון נאַטור־אוצרות און שאפט פון זיי גרייטע זאכען פאר מענשען צו געברויכען. וואָלט דער קאפּיטאַליזם ניט געווען באגרענעצט דורך באציהונגען צווישען קלאסען און דורך די קאָנזעקווענצען פון די באציהונגען, — דעם קלאסען־קאמפּף, — וואָלט מען געקאָנט רעכטפערטיגען די מיינונג, אז די אינדוסטריעלע טעכניק, נאָך דעם ווי זי דערגרייכט דעם אידעאַל פון א גרויסען אויטאָמאַטישען מעכאַניזם אין די גרענעצען פון קאפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, מוז זי דעם קאפּיטאַליזם אָפּשאפען.

די קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציאָן, וועלכע וואַקסט ארויס פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ, האָט אין זיך א טענדענץ אריינצושלייזדערען די גאנצע באפעלקערונג אין דעם ארבייטער־קלאס. נעהמענדיג די טענדענץ באזונדער פון אַלע אנדערע, קאָן מען גערעכטפערטיגען די מיינונג, אז דער קאפּיטאַליזם וועט ענדליך פאַרוואנדלען די מעהרהייט פון פאָלק אין אַן ארמעע פון אָרימעלייט, פארנאנדערגעוואָרפען אין טורמעס. אָבער דער פּראָצעס ווערט אָפּגעשטעלט דורך רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וואָס זיינען אונפארמיידליך אונטער א געוויסע באציהונג צווישען סאָציאַלע קרעפטען. ער וועט אָפּגעשטעלט ווערען א סך פריהער, איידער ער וועט דערגרייכען זיין לאָגישען ענד־ציעל.

און דאָס זעלבע איז אמת אין באצוג דעם סאָציאַלען מאסען־באוואוסטזיין. דער באוואוסטזיין וואַקסט אָהן ספק צוזאמען מיט דער ערפאהרונג פון אַלטעגליכען קאמפּף און דורך די באוואוסטזיניגע אָנשטרענגונגען פון די סאָציאַליסטישע פּארטייען. ווען מען נעהמט באזונדער דיזען פּראָצעס פון אַלע אנדערע, קאָן מען זיך פאָרשטעלען, ווי ער דערגרייכט א שטופּע, וואו די גרויסע מעהרהייט פון פאָלק איז ארומגערינגעלט מיט פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע אָרגאניזאציעס, פאראייניגט מיט א געפיהל פון סאָלידאַריטעט און פאר אַן איינהייטליכען צוועק. ווען מען זאָל ערלויבען אָט דעם פּראָצעס צו וואַקסען אין קוואַנטיטעט, אָהן ענדערונגען

אין קוואַליטעט, וואָלט דער סאָציאַליזם איינגעפיהרט געוואָרען אויף אַ פריעדליכען אופן, דורך אַן איינשטימיגען אָפּמאַך פון די בירגער פון 21טען אָדער 22טען יאהרהונדערט. אָבער די היסטאָרישע פאָרבערייטונגען צום סאָציאַליזם ענטוויקלען זיך ניט אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע; זיי באַגרענעצען איינע די אַנדערע; דערגרייכענדיג אַ געוויסע שטופע, וועלכע ווערט באַשטימט דורך פיעלע אומשטענדען, אָבער וועלכע איז זעהר ווייט פון זייערע מאַטעמאַטישע גרענעצען, מאַכען זיי דורך אַן ענדערונג אין קוואַליטעט, און אין זייער פאַרוויקעלטער קאָמבינאַציע שאַפען זיי, וואָס מיר רופען אָן, אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

לאָמיר נעהמען דעם לעצטען דערמאָנטען פּראָצעס, דעם וואוקס פון סאָציאַלען מאַסען־באַוואוסטזיין. דער וואוקס קומט פאָר ניט אין אַקאַדעמיעס, נאָר אין דעם לעבען אַליין פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אויף דעם באָדען פון אונאויפהערליכען קלאַסען־קאַמפף. דער וואוקס פון פּראָלעטאַרישען קלאַסען־באַוואוסטזיין מאַכט דעם קלאַסען־באַוואוסטזיין דורכגעהן אַ טראַנספאָרמאַציאָן; ער מאַכט איהם טיעפער; ער שאַפט הינטער איהם אַ פּרינציפּיעלען פונדאַמענט, אַרויסרופענדיג אויף אַזאַ אופן אַן עהנליכע רעאַקציאָן מצד פון די הערשענדע קלאַסען. דער קאַמפף צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע האָט זיך זיין אייגענע לאָגיק; ער מוז ווערען אַלץ שאַרפער און שאַרפער און ברענגען זאַכען צו אַ העכסטער שטופע אַ סך פריהער, איידער די קאָנצענטרירונג פון פּראָדוקציאָן ווערט אַ הערשענדער פאַקטאָר אין עקאָנאָמישען לעבען. ס'איז אויך קלאָר, אַז דער וואוקס פון פּאָליטישען באַוואוסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט איז ענג פאַרבונדען מיט זיין גרויסקייט אין צאָהל; די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט פאָדערט גרויסע מחנות פון אַרבייטער, שטאַרק גענוג בייצושטעהן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזער קאָנטער־רעוואָלוציאָן. דאָס אָבער הייסט ניט, אַז די גרויסע מעהרהייט פון פאָלק מוז באַשטעהן פון פּראָלעטאַריער, אָדער אַז די גרויסע מעהרהייט פון פּראָלעטאַ־

ריאַט מוז באַשטעהן פון איבערצייגטע סאָציאַליסטען. פאַרשטענד־ליך, אז די קעמפפענדע רעוואָלוציאָנערע ארמעע פון פּראָלעטאַריאַט מוז אונטער אַלע אומשטענדען זיין שטאַרקער, ווי די קעמפפענדע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ארמעע פון קאַפּיטאַל; דאָך קאָן צווישען די ביידע לאַגערען זיין אַ גרויסע צאָהל צווייפעלהאַפטע אָדער גלייכ־גילטיגע עלעמענטען, וואָס העלפען ניט אַקטיוו דער רעוואָלוציאָן, אָבער וואָס זיינען גיכער געניינט צו ווינשען, אז די רעוואָלוציאָן זאָל ענדליך זיעגען. די פּאָליטיק פון פּראָלעטאַריאַט מוז דאָס אַלעס נעהמען אין אַנבעטראַכט.

דאָס איז בלויז מעגליך, וואו די אינדוסטריע הערשט איבער דער אַגריקולטור און די שטאָדט הערשט איבער'ן דאָרף.

לאָמיר ווארפען אַן איבערבליק אויף די פאָרבערייטונגען צום סאָציאַליזם:

1) סאָציאַליזם איז ניט בלויז אַ פּראָבלעם פון פאַרנאַנדער־טיילען גלייך די פּראָדוקטען, נאָר אויך אַ פּראָבלעם פון אָרגאַניזי־רען גוט די פּראָדוקציאָן. סאָציאַליסטישע, דאָס הייסט, קאָ־אָפּע־ראַטיווע פּראָדוקציאָן אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב איז מעגליך בלויז דאָרט, וואו דער עקאָנאָמישער פּראָגרעס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס יעדער גרויסע אונטערנעמונג זאָל זיין מעהר פּראָדוקטיוו, ווי אַ קליינע. וואָס גרעסער עס זיינען די מעלות פון אַ גרויסער ביז אַ קליינער אונטערנעמונג, ד. ה., וואָס העכער עס איז די אינדוס־טריעלע ענטוויקלונג, אַלץ גרעסער מוזען זיין די עקאָנאָמישע מעלות פון אַ סאָציאַליזירטער פּראָדוקציאָן, אַלץ העכער מוז אויך זיין די קולטורעלע שטופע פון פאָלק צו קענען געניסען דאָס גלייכע פאַרנאַנדערטיילען פון פּראָדוקטען, געשטיצט אויף אַ גוט אָרגאַ־ניזירטער פּראָדוקציאָן.

די ערשטע פאָרבערייטונג צום סאָציאַליזם האָט עקזיסטירט פיעלע יאָהרען. זייט ס'איז איינגעפיהרט געוואָרען די פאַרנאַנ־דערטיילונג פון ארבייט אין פאַבריקען; זייט דעם פּלאַץ פון ווערקשטאַטען האָבען פאַרנומען פאַבריקען, און ס'איז איינגעפיהרט

געוואָרען א סיסטעם פון מאשינען, — האָבען גרויסע אונטערנעה־מונגען אָנגעפאנגען אריינברענגען מעהר און מעהר פּראָפיט און פּאָלגליך וואָלט זייער סאָציאַליזירונג געבראכט דאָס פּאָלק אין א מעהר בליהענדען צושטאנד. עס וואָלט ניט געווען קיין גרויסער געווינס, ווען מען וואָלט מיט יאָהרען צוריק געווען געמאכט, אז אַלע ווערקשטאַטען זאָלען באַלאנגען צו די בעלי מלאכות; אין דער צייט אָבער, ווען אַלע געדונגענע ארבייטער זאָלען היינט פאַרנעה־מען די פאבריקען, אָדער ווען דאָס פּאָלק זאָל יעצט פארנעהמען אַלע מאָדערנע פּראָדוקציאָנס מיטלען, וואָלט דאָס זיכער פארבעסערט זייער עקאָנאָמישע לאַגע — אין א גרעסערער מאָס דאָרט, וואו דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישער קאָנצענטראציע איז מעהר ענטוויקעלט.

ביי דער יעצטיגער צייט, האָט די סאָציאַלע פאַרנאנדערטיי־לונג פון אַרבייט פון איין זייט און די מאשין־פּראָדוקציאָן פון דער אנדערער זייט דערגרייכט אַזאַ שטופע, וואו דער שטאאט איז די איינציגע קאָ־אָפּעראַטיווע אָרגאַניזאציאָן, וואָס קאָן אויסנוצען גענוי די מעלות פון קאָלעקטיווער עקאָנאָמיע. מען קאָן זיך קוים פאָר־שטעלען, אז סאָציאַליסטישע פּראָדוקציאָן זאָל זיך באַנוגענען מיט דעם אָרט, וואָס דער שטאַאַט פאַרנעהמט. עקאָנאָמישע און פּאָ־ליטישע מאָטיוען וואָלטען זי נויטווענדיגערווייזע געצוואונגען ארוי־בערצושפרייזען די גרענעצען פון אינדיווידועלע שטאַאטען.

די וועלט האָט פאַר די לעצטע הונדערט אָדער צוויי הונדערט יאָהר געהאט אין איהר באַזיס טעכנישע ענטוויקלונגען פאַר קאָלעק־טיווער פראָדוקציאָן — אין דער אָדער יענער פאָרם. ט ע כ נ י ש איז דער סאָציאַליזם פּראָפּיטירבאַר ניט בלויז אויף א נאַציאָנאַלען, נאָר אויך אין א גרויסער מאָס אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען מאָס־שטאַב. ווארום זשע האָט יעדער פאַרזוך צו אָרגאַניזירען סאָציאַ־ליסטישע געזעלשאפטען געהאט א דורכפאַל? ווארום האָט די קאָנצענטרירונג פון פּראָדוקציאָן אַרויסגעצייגט איהרע מעלות אין משך פון אכצעהנטען און נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט ניט אין סאָ־ציאַליסטישע, נאָר אין קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען? דער ענטפער

איז, — ווייל ס'איז ניט געווען קיין סאָציאַלע קראַפט, וואָס זאָל זיין גרייט און פעהיג איינצופיהרען דעם סאָציאַליזם.

2) יעצט געהען מיר איבער פון דער פאָרבערייטונג פון אינדוסטריעלער טעכניק צו די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאָרבערייטונגען, וועלכע זיינען וועניגער אַלגעמיין און מעהר קאָמפּליצירט. ווען אונזער געזעלשאַפט וואָלט ניט געווען אַן אַנטאַגאָניסטישע געזעלשאַפט וואָס באַשטעהט פון קלאַסען, נאָר אַן איינהייטליכער שותפות פון מענשען וואָס קלייבען פאַר זיך אויס באַוואוסטזיניג די בעסטע עקאָנאָמישע סיסטעם, וואָלט געווען גענוג פּשוט אויסצורעכנען די מעלות פון סאָציאַליזם, אום צו מאַכען, אַז מענשען זאָלען אַנפאַנגען איבערבויען די' געזעלשאַפט אויף סאַציאַליסטישע יסודות. אָבער אונזער געזעלשאַפט באַשטעהט פון ווידערשפּרעכענדע אינטערעסען. וואָס איז גוט פאַר איין קלאַס, איז שלעכט פאַר אַן אַנדערען. קלאַס־עגאָאיזם שטערט אַלעמענס אינטערעסען. צו מאַכען סאָציאַליזם מעגליך, דאַרף ווערען אַ סאָציאַלע מאַכט אין מיטען פון די אַנטאַגאָניסטישע קלאַסען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַ מאַכט וואָס זאָל זיך געפינען אין אַ פּאָזיציע צו זיין פאַראינטערעסירט אין דעם איינפיהרען פון סאָציאַליזם, און צו דער זעלבער צייט זיין שטאַרק גענוג בייצוקומען אַלע ווידערשפּרעכענדע אינטערעסען און יעדען פיינדליכען ווידערשטאַנד. איינע פון די הויפּט פאַרדינסטען פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם באַשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט ענטדעקט אַזאַ סאָציאַלע מאַכט אין דער פערזאָן פון פּראָלעטאַריאַט און וואָס ער האָט געצייגט, אַז דער קלאַס, וואַקסענדיג צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון קאַפּיטאַליזם, קען געפינען זיין ליזונג בלויז אין סאָציאַליזם ; אַז ער ווערט געטריבען צום סאָציאַליזם דורך דער פּאָזיציע וואָס ער פאַרנעמט, און אַז די לעהרע פון סאָציאַליזם אין דער געגענוואַרט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מוז נויטוועגדיגערווייזע ווערען די אידעאָלאָגיע פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

ווי ווייט, אַלזאָ, דאַרף געהן די סאָציאַלע פאַרנאַנדערטיילונג,

כדי צו רעכטפערטיגען די באהויפּטונג, אַז די צווייטע פאַרבערייטונג איז א פארווירקליכטער פאקט? מיט אנדערע ווערטער: ווי גרויס אין צאָהל דארף זיין די מאכט פון פּראָלעטאריאט? דארפען זיי האָבען א העלפּט, צוויי־דריטעל, אָדער ניין־צעהנטעל פון פאָלק? ס'איז גאנץ נוצלאָז צו מאכען א פארזוך צו פארמולירען אויף אַן אריפּמעטישען אופן די צווייטע פאַרבערייטונג צום סאָציאַליזם. א פארזוך אויסצודריקען די מאכט פון פּראָלעטאריאט בלויז אין ציפערען, וואָלט געווען פארבונדען מיט פיעלע שוועריגקייען, שוין ניט רעדענדיג דערפון וואָס דאָס וואָלט ניט געווען מעהר ווי א פּלאַן. ווענען זאָלען מיר באטראכטען אלס א פּראָלעטאריער? איז א האלב־פּאַראָרימטער פויער א פּראָלעטאריער? זאָלען מיר צורעכענען צום פּראָלעטאריאט יענע מעגגע פון שטאָדטישען רעזערוו, וועלכע — פון איין זייט, — זיינען אין די רייהען פון פאראזיטישען פּראָלעטאריאט פון בעטלער און גנבים און — פון דער אנדערער זייט — פּילען אָן די גאסען אלס אָרימע קליין־הענדלער, ד. ה., אלס פאראזיטען אויף דעם עקאָנאָמישען קערפּער, אלס א גאנצעס? אויף די פראגען איז ניט לייכט צו ענטפערען.

די וויכטיגקייט פון פּראָלעטאריאט באשטעהט ניט בלויז אין זיין צאָהל, נאָר הויפּטזעכליך אין זיין ראָלע אין דער אינדוסטריע. די פּאָליטישע איבערמאכט פון דער בורזשואזיע איז געשטיצט אויף עקאָנאָמישער מאכט. איידער די בורזשואזיע נעמט איבער די אויטאָריטעט איבער'ן שטאאט, קאָנצענטרירט זי אין איהרע הענד די נאציאָנאלע מיטלען פון פּראָדוקציאָן; פון דאנען שטאמט איהר באדייטענדער געוויכט. דער פּראָלעטאריאט וועט ניט האָבען קיין אייגענע פּראָדוקציאָנס מיטלען פאר דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. זיין סאציאלע מאכט איז אפּהענגיג פון די אומשטענדען, וואָס די פּראָדוקציאָנס מיטלען, אין באזיץ פון דער בורזשואזיע, קענען געבראכט ווערען אין באוועגונג בלויז דורך די הענד פון דעם פּראָלעטאריאט. פון בורזשואזען שטאנדפונקט איז דער פּראָלעטאריאט אויך איינער פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען

און פאַרמירט צוזאמען מיט די אנדערע א גאנצען מעכאניזם. אָבער דער פראָלעטאריאט איז דער איינציגער ניט אויטאָמאטישער טייל פון דעם מעכאניזם, און ער קען קיינמאָל ניט פארוואנדעלט ווערען אין אַן אויטאָמאט, ניט אַכטענדיג אויף אַלע אנשטרענגונגען. דאָס שטעלט אוועק דעם פּראלעטאראיט אין א פּאָזיציע אפּצושטעלען דאָס פונקציאנירען פון דעם נאציאנאלען און עקאָנאָמישען קערפּער — טיילווייז אָדער אין גאנצען — דורך טיילווייזע אָדער אַלגעמיינע סטרייקס.

ס'איז דארום קלאָר, אז די מאכט פון פּראָלעטאריאט באַשטעהט ניט בלויז אין צאָהל, זיין באדייטונג איז פּראפּארציאנעל צו דער מאסע פון פּראָדוקציאָנס מיטלען, וואָס ער ברענגט אין באוועגונג; דער פּראָלעטאריער פון א גרויסער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג האָט א גרעסערע סאָציאַלע באדייטונג, ווי אַן ארבייטער אין א קליינעם ווערקשטאַט; א שטאָדטישער ארבייטער האָט א גרעסערע באדייטונג, ווי א פּראָלעטאריער אין דאָרף. מיט אנדערע ווערטער, די פּאָליטישע ראָלע פון פּראָלעטאריאט איז גרעסער אין אזא פּראָפּאָרציע, וואָס מעהר גרויסע אינדוסטריעס הערשען איבער קליינע אינדוסטריעס —די אינדוסטריע הערשט איבער אַגריקולטור און די שטאָדט הערשט איבער'ן דאָרף.

אין א געוויסען פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דייטשלאנד אָדער ענגלאנד, ווען דער פּראָלעטאריאט פון יענע לענדער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם זעלבען פּראָצענט פון דער באפעלקערונג, ווי דער פּראָלעטאריאט שטעלט היינט מיט זיך פאָר אין רוסלאנד, האָבען זיי ניט געהאט דעם זעלבען סאָציאַלען געוויכט, וואָס דער רוסישער פּראָלעטאריאט האָט יעצט. זיי האָבען דאָס ניט געקענט האָבען, ווייל זייער אביעקטיווע וויכטיגקייט אין עקאָנאָמישען לעבען איז געווען פארהעלטניסמעסיג קלענער. די זעלבע ערשיינונג געפינט מען אויף אין דעם סאָציאַלען געוויכט פון די שטעדט. אין דער צייט, ווען די שטאָדטישע באפעלקערונג פון דייטשלאנד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט בלויז 15 פּראָצענט פון דער גאנצער

באַפעלקערונג פון לאַנד, ווי דאָס איז היינט דער פאַל אין רוסלאַנד, האָבען די דייטשע שטעדט ווייט זיך ניט געקענט פאַרגלייכען מיט אונזערע שטעדט אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער וויכטיגקייט. דאָס קאָנצענטרירען פון גרויסע אינדוסטריעס און האַנדעלס־אונטערנעמונגען אין די שטעדט און דאָס באַשאַפען פון ענגערע באַציהונגען צווישען שטאָדט און דאָרף דורך אַ סיסטעם פון אייזענבאַנען, האָט די מאָדערנע שטעדט צוגעגעבען אַ וויכטיגקייט, וואָס שטייגט אַריבער די באַדייטונג פון זייער גרויסע באַפעלקערונג. נאָך מעהר, דער וואוקס פון זייער וויכטיגקייט שטייגט אַריבער דעם וואוקס פון זייער באַפעלקערונג, און די באַדייטונג פון דעם וואוקס פון דער שטאָדטישער באַפעלקערונג שטייגט אַריבער דעם נאַטירליכען וואוקס פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד. אין 1848 איז די צאָהל אַרבייטער אין איטאַליען געווען 15 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד, דער זעלבער פּראָצענט פון פּראָלעטאַריאַט, איינשליסענדיג בעל־מלאכות און קליינע ווערק־שטאַטען, אין היינטיגען רוסלאַנד. זיי האָבען אָבער געהאַט אַ סך אַ קלענערע באַדייטונג פון דעם אינדוסטריעלען רוסישען פּראָ־לעטאַריאַט.

די פראַגע איז ניט, ווי שטאַרק דער פּראָלעטאַריאַט איז אין צאָהל, נאָר וואָס איז זיין פּאָזיציע אין אַלגעמיינעם עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד.

אין די הויפּט אייראָפּעאישע לענדער האָט די שטאָדטישע באַפעלקערונג, אין צאָהל, די אויבערמאַכט איבער דער דאָרפישער באַפעלקערונג. אַ סך גרעסער איז זיין אויבערמאַכט, אַ דאַנק די אָנגעזאַמעלטע פּראָדוקציאָנס מיטלען, וועלכע ער רעפּרעזענטירט און אַ דאַנק די מעלות פון זיין מענשען־מאַטעריאַל, ווייל די שטאָדט ציהט צו די סאַמע ענערגישע, פעהיגע און אינטעליגענטע עלעמענ־טען פון דאָרף.

מיר קומען דאַרום צום שלוס, אַז די עקאָנאָמישע עוואָלוציאָן — דער וואוקס פון אינדוסטריע, דער וואוקס פון גרויסע אונטער־

געמונגען, דער וואוקס פון גרויסע שטערט, דער וואוקס פון פּראָ־לעטאריאט, באזאָנדערס דער וואוקס פון אינדוסטריעלען פּראָלע־טאריאט — האָט שוין צוגעגרייט דעם באָדען ניט בלויז פאר דעם ק א מ פ ף פון פּראָלעטאריאט פאר פּאָליטישער מאכט, נאָר פאר דעם ז י ע ג פון דער מאכט.

3) דאָ קומען מיר צו דער דריטער פארברייטונג, צום סאָציאַליזם, — ד י ד י ק ט א ט ו ר פ ו ן ד ע ם פ ר אָ־ל ע ט א ר י א ט. פּאָליטיק איז דער באָדען, וואו אָביעקטיווע און סוביעקטיווע פארברייטונגען קומען אין צוזאַמענשטויס. אויף דעם גרונד פון געוויסע טעכנישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומ־שטענדען שטעלט א געוויסער קלאַס זיך א באשטימטען ציעל — צו פארכאַפּען די מאכט. שטרעבענדיג צו דעם ציעל, פאראייניגט ער זיינע קרעפטען, מעסט ער די כחות פון דעם שונא און וועגט די אומשטענדען. פונדעסטוועגען איז דער פּראָלעטאריאט אפילו דאָ ניט אין גאנצען פריי: א חוץ די סוביעקטיווע מאָמענטען, ווי פארשטענדניס, פארברייטונג, איניציאטיווע וואָס האָט איהר אייגענע לאָגיק, איז פאראן א צאָהל פון אָביעקטיווע מאָמענטען, וואָס שטערען די פּאָליטיק פון פּראָלעטאריאט, — דאָס איז די פּאָליטיק פון די הערשענדע קלאַסען, די אינסטיטוציעס פון שטאאט, (די ארמעע, די שול, די קירכע), אינטערנאציאָנאַלע באציהונגען, א. ד. גל.

לאָמיר פריהער ווענדען אונזער אויפמערקזאמקייט צו דעם סוביעקטיווען מאָמענט; לאָמיר פרעגען: א י ז ד ע ר פּ ר אָ ל ע ט א ר י א ט ג ר י י ט פ א ר א ס אָ צ י א־ל י ס ט י ש ע ע נ ד ע ר ו נ ג? עס איז ניט גענוג, אז די ענטוויקלונג פון טעכניק זאָל מאכען סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיע פּראָפיטבאר פון דעם שטאנדפּונקט פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון נאציאָנאַלער ארבייט; עס איז ניט גענוג, אז א סאָציאַלער אונטערשיעד, געשטיצט אויף טעכנישען פּראָגרעס, זאָל שאפען דעם פּראָלעטאריאט, אלס א קלאַס, וועלכער איז אָביעקטיוו

פאַראינטערעסירט אין סאָציאַליזם. ס'איז זעהר וויכטיג, אַז דער קלאַס זאָל פ א ר ש ט ע ה ן זיינע אָביעקטיווע אינטערעסען. ס'איז נויטווענדיג, אז דער קלאַס זאָל ז ע ה ן אין סאָציאַליזם דעם איינציגען וועג צו זיין באפרייאונג. עס איז נויטווענדיג, אז ער זאָל זיך פאַראייניגען אין אַן ארמעע, שטארק גענוג צו פארכאַ־פּען די רעגירונגס מאכט אין אַן אָפענעם קאמפף.

עס וואָלט געווען אַ נאַרישקייט צו פאַרלייקענען די נויטווענ־דיגקייט פאר דעם פּראָלעטאַריאַט זיך פארצובערייטען. בלויז די אַלטע בלאַנקיסטען האָבען געקענט לעגען אַלע זייערע האָפנונגען אויף דער געזונדער איניציאַטיווע פון אַן אָרגאַניזאַציע פון קאָנספּי־ראטאָרס, וואָס איז נעגרינדעט אונאָפּהענגיג פון די מאַסען. בלויז די אַנאַרכיסטען האָבען געקענט בויען זייער סיסטעם אויף אַן אונעהוואַרטעטען, מעסיגען אויסברוך פון די מאַסען, ניט קענענדיג פאָראויסזעהען די רעזולטאטען פון אַזא אויסברוך. ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע רעדט וועגען פארכאַפּען די מאכט, רעכנט זי וועגען אַ ב אַ ש ט י מ ט ע ן ט אַ ט פ ו ן אַ ר ע ו ו אָ־ל ו צ י אָ נ ע ר ע ן ק ל אַ ס.

ס'זיינען פּאַראַן סאָציאַליסטען־אידעאָלאָגיסטען (אידעאָלאָ־גיסטען אין פאַלשען זין פון וואָרט, וועלכע שטעלען אַלץ מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף), וועלכע ריידען וועגען פארברייטען דעם פּראָלעטאַריאַט צום סאָציאַליזם אלס אַ פּראָבלעם פון מאָראַלען ווידערגעבורט. דער פּראָלעטאַריאַט, זאָגען זיי, און אפילו די „מענשהייט" אין אַלגעמיין, מוז זיך פריהער באַפרייען פון דער אַלטער עגאָאיסטישער נאַטור; אלטרואיסטישע מאָטיווען מוזען פריהער הערשען אין געזעלשאַפטליכען לעבען. אַזוי־ווי מיר זיינען נאָך ווייט פון דעם אידעאַל, טענה'ען זיי, און אַזוי־ווי די מענש־ליכע נאַטור ענדערט זיך זעהר לאַנגזאַם, וועט דער סאָציאַליזם אויס צו זיין אַ פּראָבלעם פון גאַנץ ווייטע דורות. די אנשויאונג שיינט צו זיין זעהר רעאַליסטיש, עוואָלוציאָניסטיש, א. ד. גל.

אין דער ווירקליכקייט איז דאָס א צוזאמענמישעכץ פון אנשויאונגען פון גערונגענע מאָראל־פּרעדיגער.

יענע „אידעאָלאָגיסטען“ שטעלען זיך פאָר, אז א סאָציאליס־טישע פסיכאָלאָגיע קען זיך אויסארבייטען איידער דער סאָציאליזם ווערט איינגעפיהרט; אז אין א וועלט, וואָס ווערט געהערשט פון קאפּיטאליזם, קענען די מאסען זיין דורכגעדרונגען מיט א סאָציא־ליסטישער פּסיכאָלאָגיע. סאָציאליסטישע פסיכאָלאָגיע, ווי זי ווערט דאָ פארשטאנען, איז ניט דאָס זעלבע, וואָס סאָציאליסטישע שטרעבונגען.

סאָציאליסטישע פּסיכאָלאָגיע מיינט די אבוועזענהייט פון עגאָאיסטישע מאָטיווען אין עקאָנאָמישען לעבען, און סאָציאליס־טישע שטרעבונגען זיינען דער רעזולטאט פון דער קלאסען־פּסיכאָ־לאָגיע פון פּראָלעטאריאט. קלאס־פּסיכאָלאָגיע און סאָציאליסטישע פּסיכאָלאָגיע, אין א געזעלשאפט וואס איז צוטיילט אויף קלא־סען, קען האָבען אלגעמיינע שטריכען, דאָך זיינען זיי גאנץ פאר־שידען.

די קאָאָפּעראציאָן אין דעם קאמפּף פון פּראָלעטאריאט געגען עקספּלואטאציע האָט אין דער נשמה פון די ארבייטער ענטוויקעלט העךליכע שפּראָצונגען פון אידעאליזם, ברידערליכע סאָלידאריטעט, א נייסט פון זעלבסט־אָפּפער. דאָך קענען די שפּראָצונגען ניט וואקסען און בליהען פריי אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט: דער אינדיווידועלער קאמפּף פאר עקזיסטענץ, דער אָפענער אפּגרונד פון אָרימקייט, דער אונטערשיעד צווישען ארבייטער אליין, דער פארדארבענער איינפלוס פון די בורזשואזע פארטייען, — דאָס אלעס שטערט דעם וואוקס פון אידעאליזם צווישען די מאסען.

פונדעסטוועגען, איז עס א פאקט, אז כאָטש ער בלייבט עגאָאיסטיש, ווי אירגענד וועלכער פון די נידעריגע שיכטען פון מיטעל־קלאס, כאָטש ער שטעהט ניט העכער פון דעם דורכשניט־ליכען פארטרעטער פון די בורזשואזע קלאסען אין דעם „מענשלי־כען“ ווערט פון זיין פּערזענליכקייט, לערענט דער דורכשניטליכער

אַרבייטער אין דער שול פון לעבענס־ערפאַרונג, אַז זיין העכסטער פרימיטיווער וואונש און זיין העכסטע נאַטירליכער פאַרלאַנג קען באַפרידיגט ווערען בלויז אויף די חורבות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

ווען סאָציאַליזם זאָל מאַכען אַ פאַרזוך צו שאַפען אַ נייע מענשליכע נאַטור אין די ראַהמען פון דער אַלטער וועלט, וואָלט דאָס בלויז געווען אַ נייע אויסגאַבע פון די אַלטע מאָראַליסטישע אוטאָפּיעס. די אויפגאַבע פון סאָציאַליזם איז ניט צו שאַפען אַ סאָציאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע אַלס אַ פאָרבעדינגונג צום סאָציאַליזם, נאָר צו שאַפען סאָציאַליסטישע באַדינגונגען פאַר'ן מענשליכען לעבען אַלס אַ פאָרבערייטונג צו אַ סאָציאַליסטישער פּסיכאָלאָגיע.

6

אַן ארבייטער רעגירונג אין רוסלאַנד און סאָציאַליזם

די אָביעקטיווע נויטיגע באדינגונגען פאר א סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווי מיר האָבען שוין אויבען באַוויזען, זיינען געשאפען געוואָרען דורך דעם עקאָנאָמישען פראָגרעס פון די פאָרטגעשריטענע קאפיטאַליסטישע לענדער. אָבער וואָס איז מכח רוסלאנד ? איז דאָס מעגליך צו דענקען, אז ווען דער רוסישער פּראָלעטאריאט וועט פארכאפען די מאכט, וועט דאָס זיין אַן אָנהויב פון א סאָציאַליסטישען איבערבוי פון אונזער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע ?

מיט א יאָהר צוריק האָבען מיר אויף דער דאָזיגער פראַגע געענטפערט אין אַן ארטיקעל, וואָס איז אָהן רחמנות קריטיקירט געוואָרען אין די צייטונגען פון אונזערע ביידע פראַקציעס. מיר האָבען דאַן געשריבען אזוי :

„די ארבייטער פון פּאריז, זאָגט מארקס, האָבען ניט ערווארטעט קיין נסים פון דער קאָמונע. מיר קענען איצטער אויך ניט ערווארטען קיין נסים פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. רעגיערונגס מאכט איז ניט אלמעכטיג. עס איז אַן אונזין צו דענקען, אז אזוי שנעל ווי דער פּראָלעטאריאט וועט פארכאפען די מאכט, וועט ער שוין אָפּשאפען דעם קאפּיטאַליזם און דורך עטליכע באפעהלען גלייך איינפיהרען דעם סאָציאַליזם. די עקאָנאָמישע אָרדנונג איז ניט דער פּראָדוקט פון מלוכה־טעטיגקייט. וואָס דער פּראָלעטאריאט וועט יא קענען טאָן איז צו מאכען שנעלער די עקאָנאָמישע עוואָלוציאָן אויפ׳ן וועג צום קאָלעקטיוויזם דורך א גאַנצער רייהע פון ענערגישע שטאאטס־מיטלען.

„די התחלה וועט געמאכט ווערען מיט די רעפארמען, וואס ווערען אויסגערעכענט אין אונזער אזוי גערופענעם מינימום פראגראם, אבער די סיטואציע גופא וועט צווינגען דעם פראלעטא־ריאט צו געהן ווייטער אויפ׳ן וועג פון קאלעקטיוויסטישער פראקטיק.

„עס וועט זיין פארהעלטניסמעסיג גרינג איינצופיהרען דעם אכט שטונדיגען ארבייטס־טאג און א פראגרעסיווען שטייער, כאטש אפילו אין אט דעם פאל איז די הויפט שוועריגקייט ניט אין דעם ארויסלאזען דעם „באפעהל”, נאר אין דעם ווי מען וועט איהם אנווענדען אין דער פראקטיק. עס וועט דאך זיין שווער, — און דא קומען מיר צום קאלעקטיוויזם — צו ארגאניזירען די פראדוקציאן אונטער מלוכה פארוואלטונג אין אזעלכע פאבריקען און ווערקשטאטען, וואס וועלען געשלאסען ווערען פון זייערע אייגענ־טימער אויס פראטעסט נעגען דעם נייעם געזעץ.

„עס וועט זיין פארהעלטניסמעסיג לייכט ארויסצוגעבען א געזעץ אפצושאפען דאס רעכט פון ירושות און עס דורכפיהרען אין דער פראקטיק. ירושות אין דער פארמע פון געלד־קאפיטאל וועלען דעם פראלעטאריאט ניט שטערען און אין זיין עקאנאמיע וועלען זיי זיך ניט אריינמישען. צו זיין דער יורש פון א קאפיטאל, וואס איז אריינגעלעגט אין לאנד אין אינדוסטריע וועט פאר אן ארבייטער רעגיערונג מיינען צו ארגאניזירען דאס עקאנא־מישע לעבען אויף א קהל׳שען יסוד.

„דיזעלבע ערשיינונג, אבער נאך אויף א גרעסערען מאסשטאב, וועט זיין ביי דער פראגע וועגען עקספראפריאירען (ערד) מיט אדער אהן באלוינונג. עקספראפריאירען מיט באלוינונג איז פאליטיש ניט שווער, דערפאר איז דאס אבער שווער פינאנציעל; עקספרא־פריאירען אהן באלוינונג איז ניט שווער פינאנציעל, דערפאר איז דאס אבער שווער פאליטיש. און גרעסער פון אלע אנדערע שווע־ריגקייטען, וועלען זיין יענע, וואס טראגען אן עקאנאמישען כאראק־טער, די שוועריגקייטען פון ארגאניזירען.

„און מיר ווידערהאָלען : אַן ארבייטער רעגיערונג מיינט ניט א רעגיערונג פון גסים.

„קהל'שע פארוואלטונג וועט זיך אָנהויבען אין יענע צווייגען, וואו די שוועריגקייטען זיינען ניט אזוי גרוים. די אונטערנעמונגען וואָס וועלען פארוואלטעט ווערען אויף א קהל'שען אופן, וועלען זיין א מין אָאזיס, א מין פרוכטבארער ווינקעל אין דער מדבר פון פריוואטע אונטערנעמונגען. וואָס גרעסער עס וועט ווערען דאָס פעלד פון אונטערנעמונגען, וואָס ווערען פארוואלטעט אויף א קהל'שען אופן, וואָס באריהמטער זיי וועלען ווערען, אלץ פעסטער וועט ווערען די פּאָזיציע פון'ם נייעם פּאָליטישען רעזשים, און אלץ ענטשלאָסענער וועט ווערען די' ווייטערדיגע עקאָנאָמישע מיטלען פון'ם פּראָלעטאריאט. און די מיטלען וועט דער פּראָלעטאריאט אוועקשטעלען ניט בלויז אויף די נאציאָנאַלע פּראָדוקטיווע כחות, נאָר אויך אויף אינטערנאציאָנאַלע טעכניק, פּונקט אזוי ווי ער שטעלט אוועק זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט ניט בלויז אויף דער ערפארונג פון'ם נאציאָנאַלען קלאס, נאָר אויך אויף דער גאנצער היסטאָרישער ערפאהרונג פון'ם אינטערנאציאָנאַלען פּראָלעטאריאט".

פּאָליטישע איבערמאכט פון'ם פּראָלעטאריאט שטימט ניט מיט עקאָנאָמישער שקלאפעריי. אונטער וואָס פאר א פאָהן דער פּראָלעטאריאט זאָל זיך ניט געפינען בעת ער וועט באזיצען די מאכט, וועט ער מוזען געהן אויפ'ן וועג פון'ם סאָציאַליזם. עס איז די גרעסטע אוטאָפּיע צו דענקען, אז דער פּראָלעטאריאט, געבראכט אויף א הויכער מדרגה פון די מאכערס פון דער בורזשואזי־נער רעוואָלוציע, וועט קענען, אפילו ווען ער זאָל וועלען, באגרע־נעצען זיין מיסיאָן שאפענדיג א רעפּובליקאנער דעמאָקראטישע סביבה פאר דער סאָציאַלער איבערמאכט פון דער בורזשואזיע. די פּאָליטישע איבערמאכט פון'ם פּראָלעטאריאט, אפילו ווען זי זאָל זיין בלויז צייטווייליג, וועט שטארק אָפּשוואכען דעם ווידער־שטאנד פון קאפּיטאל, וועלכער קען זיך ניט באגעהען אָהן דער

הילף פון'ם שטאאט, און וועט שאפען זעהר וויכטיגע באקוועמ־ליכקייטען פאר דעם עקאָנאָמישען קאמפף פון'ם פראָלעטאריאט.

א פראָלעטארישער רעזשים וועט גלייך אויפנעמען די אגראר פראגע, אין וועלכער דער שיקזאל פון א סך מיליאָנען פון'ם רוסי־שען פאָלק איז פארבונדען. לייזענדיג די דאָזיגע פראגע, אזוי גוט ווי אנדערע פראגען, וועט דער פראָלעטאריאט האָבען אין זינען די הויפט טענדענץ פון זיין עקאָנאָמישער שטעלונג: באזי־צען ווי ווייט מעגליך א ברייטער פעלד פאר דער אָרגאניזאציע פון דער סאָציאליסטישער עקאָנאָמיע. די פאָרמע און דער גאנג פון דער דאָזיגער שטעלונג אין דער אגראר פראגע וועלען באשטימט ווערען אי דורך די מאטעריעלע קוועלען, וואָס דער פראָלעטאריאט וועט זיין אומשטאנד אריינצוקריגען, אי דורך דער נויטווענדיגקייט צוצופאסען זיינע האנדלונגען אזוי, אז די מעגליכע פריינד זאָלען ניט נעטריבען ווערען אין די רייהען פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע.

עס איז קלאָר, אז די אגראר פראגע, ד. ה. די פראגע וועגען דער דאָרפישער ווירטשאפט אין איהרע סאָציאלע באציהונגען, איז ניט נעדעקט מיט דער ערד פראגע, וועלכע איז נוגע די פאָרמען פון לאנד־באזיץ. עס איז אָבער קלאָר ווי דער טאָג, אז די לייזונג פון דער ערד־פראגע, אפילו אויב זי ענטשיידעט ניט די צוקונפט פון דער אגראר ענטוויקלונג, וועט אָהן צווייפעל ענטשיידען די צוקונפט פון דער אגראר פאָליטיק פון'ם פראָלעטאריאט. מיט אנדערע ווערטער, די נוצען, וואָס דער פראָלעטאריאט וועט מאכען פון דער ערד מוזען זיין אין איינקלאנג מיט זיין אלגעמיינער שטעלונג צום גאנג און צו די פאָדערונגען פון דער אגראַרער ענטוויקלונג. די ערד פראגע וועט דאריבער זיין איינע פון די ערשטע פראגען, וואָס וועלען אינטערעסירען די ארבייטער־רעגירונג.

איינע פון די לייזונגען, וואָס איז נעוואָרען פאָפולער דורך די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, איז די **סאָציאליזאציע פון ערד**. באפרייט פון דער אייראָפעאישער

אויסארבייטונג, מיינט דאָס פּשוט א „גלייכע פּארטיילונג“ פון ערד. די דאָזיגע פּראָגראם פאָדערט, אז מען זאָל עקספּראָפּרי־אירען די גאנצע ערד, סאַי ס׳איז א פּראגע פון פּריצים, וואָס האָבען ערד, סאַי פּויערים, וואָס האָבען ערד און סאַי דאָרפישע „אָבשטשינעס“ וואָס באזיצען שטיקער ערד. און עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז אזא מין עקספּראָפּריאציע, זייענדיג איינע פון די ערשטע מיטלען וואָס די נייע רעגיערונג וועט אָנהויבען איינפיהרען אין א צייט ווען דער קאַפּיטאליסטישער אויסבייט איז נאָך אין פולען גאנג, וועט ברענגען רערצו, אז די פּויערים זאָלען אָנהויבען גלויבען, אז זיי זיינען „די קרבנות פון די רעפאָר־מען“. מען דארף ניט פארגעסען, אז די פּויערים האָבען צעהנדלי־גער יאָהרען געצאָהלט אויסקויף־געלד, כדי די ערד זאָל ווערען זייער אייגענטום; א סך פארמעגליכע פּויערים האָבען זעהר א סך געצאָפּפערט צו פארזיכערען גרויסע שטיקער ערד אלס זייער פּריוואט אייגענטום. און ווען אָט די גאנצע ערד זאָל ווערען דאָס אייגענטום פון׳ם שטאאט, וועלען די מיטגליעדער פון די דאָרפישע „אָבשטשינעס“ ארויסווייזען א ביטערען ווידערשטאנד, און דאָס זעלבע וועלען אויך טאָן די פּריוואט אייגענטימער פון ערד. ארויס־קומענדיג מיט אזא מין רעפאָרמע, וועט זיך די רעגיערונג מאכען ניט פּאָפּולער צווישען די פּויערים.

און פאר וואָס זאָל מען טאַקע קאָנפיסקירען די ערד פון די דאָרפישע „אָבשטשינעס“ און די ערד פון פּריוואט אייגענטימער? לויט דעם פּראָגראם פון די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, איז די איינציגע נוץ, וואָס דער שטאאט דארף מאכען פון דער ערד, — זי אוועקגעבען צו אלע פּויערים און ערד־ארבייטער אויף דעם גרונד פון גלייכער פּארטיילונג. דאָס וואָלט געמיינט, אז די קאָנפיס־קירטע ערד פון די „אָבשטשינעס“ און קליינע אייגענטימער וואָלט סאַי ווי סאַי אָפּגעגעבען געוואָרען צוריק צו איינצעלנע, אז זיי זאָלען זי אליין באארבייטען. פאָלגליך, וואָלט ניט געווען קיין עקאָנאָמישער געווינס אין אזא מין קאָנפיסקאציע

און אין אַזא מין פארטיילונג. פּ אָ ל י ט י ש וואָלט דאָס געווען א גרויסער טעות מצד דער ארבייטער רעגיערונג, מחמת דורך דעם וואָלטען די פויערים־מאַסען געוואָרען פיינדליך געשטימט געגען דעם וואָס דער פראָלעטאריאַט פיהרט אָן די רעוואָלוציע.

ענג פאַרבונדען מיט דער דאָזיגער פראַגע איז די פראַגע וועגען געדונגענע ערד־ארבייטער. גלייכע פארטיילונג שליסט איין דעם פארבאָט זיך צו באַנוצען מיט געדונגענע ארבייטער אויף די פארמס (גיטער). דאָס קען אָבער בלויז זיין א רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע רעפאָרמען, דערמיט וואָס מען לאָזט בלויז ארויס אן „אוקאַז" געגען דעם, קען מען דאָס ניט אויספיהרען. עס איז ניט גענוג צו פארבאָטען א גרויסען לאנד באַזיצער צו דינגען ארביי־טער; וואָרים קודם כל מוז מען דאָך זעהען, אַז די ערד־ארביי־טער גופא זאָלען האָבען פון וואָס צו לעבען; נאָך מעהר, דאָס לעבען פון די ערד־ארבייטער מוז זיין בשפע פון דעם שטאַנדפונקט פון סאָציאַלער עקאָנאָמיע. ערקלערען א גלייכע פארטיילונג פון ערד און פארבאָטען געדונגענע ארבייט, וואָלט געמיינט צווינגען דעם אַגריקולטורעלען פראָלעטאריאט זיך צו באַזעצען אויף קליינע שטיקלאך ערד און פארפליכטען דעם שטאַאט זיי צו פאַרזאָרגען מיט מאַטעריאַלען פאַר זייער פּראָדוקציאָן, וואָס ברענגט קיין ריוח ניט.

עס איז קלאָר, אַז די אריינמישונג פון'ם פראָלעטאַריאַט אין דער פארוואַלטונג פון אַגריקולטור, מוז זיך אויסדריקען ניט אין באַזעצען איינצעלנע ארבייטער אויף איינצעלנע שטיקער ערד, נאָר אין אָרגאַניזירען א שטאַאטליכע, אָדער א קאָמו־נאַלע פארוואַלטונג פון גרויסע אימע־ניעס (גיטער). און שפּעטער, ווען די סאָציאַליזירטע פּראָ־דוקציאָן, וועט זיך שוין האָבען גוט באַפעסטיגט, וועט געמאַכט ווערען א שריט ווייטער אין דער סאָציאַליזאַציע דורך דעם וואָס מען וועט פארבאָטען געדונגענע ארבייט. דאָס וועט אפּשאַפען קליינע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען אין דער אַגריקולטור;

עס וועט אבער לאָזען ניט באלעסטיגט יענע פּריוואַט אייגענטימער, וועלכע באַארבייטען זייער ערד אין גאנצען, אָדער אין אַ גרויסער מאָס דורך זייערע אייגענע פאַמיליעס. עקספּראָפּריאירען דאָס לאַנד ביי אַזעלכע אייגענטימער קען בשום אופן ניט זיין דער וואונש פון'ם סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט.

דער פּראָלעטאַריאַט קען קיינמאָל ניט געבען זיין הסכמה אויף אַ פּראָגראַם פון אַזאַ מין „גלייכער פארטיילונג", וועלכע פאָדערט פון איין זייט אַ נוצלאָזע, בלויז פאָרמעלע עקספּראָפּריאַציע פון קליינע אייגענטימער, און פון דער צווייטער זייט — אַווירקליכע פאַרטיילונג פון גרויסע גיטער אויף קליינע חלקים ערד. דאָס וואָלט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע ארבייט, דאָס וואָלט גלאט געהייסען בלינד נאָכגעהן נאָך אַ רעאַקציאָנערען און אוטאָפּיסטישען פּלאַן, דאָס וואָלט געווען אַ פּאָליטישער שאדען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

אָבער ווי ווייט קען דאָך געהן די סאָציאַליסטישע פּאָליטיק פון'ם ארבייטער־קלאַס אין דער עקאָנאָמישער סביבה פון רוס־לאַנד? איין זאַך קענען מיר זאָגען זיכער: זי וועט באַגעגענען פּאָליטישע שטערונגען נאָך איידער זי וועט איינגעצוימט ווערען דורך דער טעכנישער צוריקגעשטאַנענקייט פון לאַנד. *אָהן דער דירעקטער פּאָליטישער הילף פון'ם אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט, וועט דער ארבייטער קלאַס פון רוסלאַנד ניט זיין אימשטאַנד אָנצוהאַלטען זיין מאַכט און ברענגען דערצו, אַז זיין צייטווייליגע איבערמאַכט זאָל ווערען אַ שטענדיגע סאָציאַליסטישע דיקטאַטור.* אין דעם קענען מיר ניט צווייפלען אפילו א מאָמענט. פון דער אנדערער זייט ווידער, איז גאָר קיין ספק ניט, *אַז אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין מערב וועט אונז געבען די*

מעגליכקייט צו ברענגען דערצו, אז
די צייטווייליגע אויבערמאכט פון'ם
ארבייטער קלאס זאל יא ווערען א
סאציאליסטישע דיקטאטור.

7

אייראָפּאַ און די רעוואָלוציע.

אין מאָנאַט יוני, 1905, האָבען מיר נעשריבען:

„פון 1848טען יאָהר אָן איז שוין אַוועק מעהר ווי אַ האַלבער יאָהרהונדערט פון קאַפּיטאַליסטישע נצחונות אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבען צו זיך קיין גלייכען ניט. אַ האַלבער יאָהרהונדערט פון „אָרגאַנישער“ געמיינזאַמער צופּאַסונג פון די כוחות פון דער בורזשואַזיע און אויך די כוחות פון דער פעאָדאַלער רעאַקציע. אַ האַלבער יאָהרהונדערט, אין וועלכען די בורזשואַזיע האָט אַרויסגעוויזען איהרע משוגענע אַפּעטיטען פאַר מאכט אין איהר בערייטקייט צו קעמפּפען דערפאַר מיט אַלע כוחות!

„ווי אַ געאיבטער מעכאַניקער זוכט אַלץ נייע און נייע מיטלען בייצוקומען אַלע שטערונגען כדי די מאַשין זאָל שטענדיג אונגע־שטערט קענען אַרבייטען, אַזוי האָט די בורזשואַזיע אַלע מאָל געביטען און איבערגעבויט דעם אַפּאַראַט פון איהר אויבערמאַכט אויסמיידענדיג געזעצליכע קאָנפליקטען מיט די פיינדליכע כוחות. און פונקט ווי דער מעכאַניקער פאַלט סוף כל סוף דורך ווען ער קומט צו דער שטערונג, וואָס ער קען ניט בייקומען — די קאָנסער־וואַציאָן פון ענערגיע, — אַזוי האָט די בורזשואַזיע געמוזט דורכ־פאַלען ווען זי האָט זיך באַגעגענט מיט דער שטערונג, וואָס מען קען ניט בייקומען — דעם קלאַסען־אַנטאַגאַניזם.

„אַרויפצווינגענדיג זיין עקאָנאָמישע אָרדנונג און סאָציאַלע באַציהונגען אין יעדען לאַנד, האָט דער קאַפּיטאַליזם פאַרוואַנדעלט די גאַנצע וועלט אין איין עקאָנאָמישען און פּאָליטישען אָרגאַניזם. די ווירקונג פון דעם מאָדערנעם קרעדיט סיסטעם, מיט די וועקסלען

וואָס ווערען ארויסגעגעבען צווישען די טוויזענדטער לייה־אונטער־געמוננגען, מיט דער אונגעהייערער באוועגליכקייט, וואָס ס׳ווערט אריינגעלעגט אין קאפיטאל, האָט געדארפט אָפשאפען די לאָקאלע און טיילווייזע קריזיסען, אָבער א שטופ טאָן שנעל פאָראויס די אלגעמיינע עקאָנאָמישע קאָנוואולסיעס, אזוי האָט די גאנצע עקאָנאָמישע און פאָליטישע טעטיגקייט פון׳ם קאפיטאליזם, מיט זיין וועלט־האנדעל, מיט זיין סיסטעם פון ריזיגע אויסלענדישע חובות, מיט זיין פאָליטישער גרופירונג פון שטאאטען, וואָס האָט אריינגע־צויגען אלע רעאקציאָנערע כוחות אין איין וועלט־שותפות, ניט דערלאָזט קיין לאָקאלע פאָליטישע קריזיסען, אָבער דערפאר צוגע־גרייט א באָדען פאר א סאָציאלען קריזיס, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין זיין גרויס. אָנפיהרענדיג א שעדליכע פאָליטיק אינעווייניג, אויסמיידענדיג שוועריגקייטען, פארגלעטענדיג די טיפע פראגען פון נאציאָנאלער און אינטערנאציאָנאלער פאָליטיק, צופּר־צענדיג אלע געגענזאצען, האָט די בורזשואזיע פאררוקט אָן א זייט דעם קלימאקס, אָבער אין דער זעלבער צייט צוגעגרייט א ראדיקא־לען באנקראָט פון איהר מאכט אויף דער גאנצער וועלט. זי האָט זיך צוגעקלעפּט צו אלע רעאקציאָנערע כוחות, עס מאכט ניט ווער זיי זיינען און וואָס זיי זיינען. זי איז געוואָרען חבר־לאפ מיט׳ן סולטאן. זי האָט זיך ניט פארבונדען מיט׳ן כינעזישען הערשער, ניט דערפאר, וואָס דער יחוס איז איהר ניט אָנגעשטאנען, נאָר דערפאר, וואָס ער האָט קיין מאכט ניט: עס האָט זיך דער בורזשואזיע מעהר געלוינט דעם כינעזישען הערשער צו בארויבען איידער איהם מאכען פאר א וועלט־זשאנדאר און איהם דערפאר באצאָהלען פון איהר קאסע. אויף אזא׳ן אופן איז די פעסטקייט פון דער בורזשואזיע׳ס פאָליטישער סיסטעם געווארען אפהענגיג אָן דער פעסטקייט פון די פרא - קאפּיטאליסטישע זיילען פון רעאקציאָן.

„דאָס גיט די פאסירונגען א אינטערנאציאָנאלען באראקטער

און עפּענט א וואונדערבאַרע פּערספּעקטיווע ; פּאָליטישע באַפריי־אונג, אַנגעפיהרט פון׳ם ארבייטער־קלאַס אין רוסלאנד, וועט דער־הויבען דעם אָנפיהרער צו אזא הויכער מדרגה, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע, דאָס וועט געבען דעם רוסישען פּראָלעטאריאט א ריזיגע מאכט און איהם מאכען אלס דעם איני־ציאַטאָר פון א וועלטליכער ליקווידאציע פון׳ם קאַפּיטאליזם, צו וואָס די אָביעקטיווע נויטיגע באַדינגונגען זיינען געשאַפען געוואָ־רען פון דער געשיכטע“.

עס איז ניט נויטיג ארויסצוזאָגען השערות ווי אזוי די רוסישע רעוואָלוציע וועט געפינען א וועג צו דער אַלטער קאַפּיטאליסטישער אייראָפּא. עס אז זעהר מעגליך, אז דער וועג זאָל בכלל זיין אַן איבערראַשונג. כדי צו אילוסטרירען אונזער געדאנק איידער זאָגען נביאות, וועלען מיר דערמאָנען פוילען אלס דאָס מעגליכע קייטעלע, וואָס וועט פאַרבינדען דעם רעוואלוציאנערען מזרח מיט דעם רעוואָ־לוציאָנערען מערב.

און א רעוואָלוציאָנערע פוילען איז ניט דער איינציגער יסוד, ניט די איינציגע התחלה פאַר א אייראָפּעאישער רעוואָלוציאָן. די סיסטעם פון׳ם באַוואַפּאַנטען פרידען, וואָס איז אָנגענומען געוואָ־רען אין איירָאפּא נאָך דער פראנצויזיש־פּרייסישער קריעג, איז אויסגעשטעלט געוואָרען אויף דעם סיסטעם פון אייראָפּעאישען גלייכגעוויכט. די דאָזיגע גלייכגעוויכט האָט אָנגענומען פאַר א גוטער מטבע ניט נאָר די גאנצקייט פון טערקיי, די צוברעקעלטקייט פון פוילען און די שמירה פון עסטרייך, וואָס האָט א פּנים אויף דער ערד, ווי יענער פּורים־שפּיעלער, וואָס האָט אָנגעקלעפּט אויף זיך שמאַטקעלאך פון פאַרשידענערליי קאָלירען, נאָר אויך די עקזיס־טענץ פון׳ם רוסישען דעספּאָטיזם אין דער ראָלע פון א זשאנדארם איבער דער אייראָפּעאישער רעאקציע, וואָס איז באַוואַפּענט פון׳ם קאָפּ ביז די פיס. די רוסיש־יאַפּאַנעזישע מלחמה האָט דערלאנגט א טויט־קלאַפּ דער דאָזיגער געקינצעלטער סיסטעם, אין וועלכער דער אַבסאָלוטיזם איז געווען די הערשענדע פיגור. אויף אַן אונבאַ־

שטימטער צייט איז רוסלאנד ארויס פון די רעלסען און ניט נעקענט מעהר פאררעכענט ווערען אלס אן ערשט־קלאסיגע מאכט. דאָס גלייכגעוויכט איז צושטערט געווארען. פון דער צווייטער זייט ווידער, האָט דער ערפאָלג פון יאפאן נאָך מעהר פארגרעסערט די רויבערישע אינסטינקטען פון דער קאפיטאליסטישער בורזשואזיע, ספעציעל פון דער סטאק עקסטשענדזש, וועלכע שפיעלט א גרויסע ראָלע אין דער מאָדערנער פּאָליטיק. די מעגליכקייט פאר א מלחמה אויפ'ן אייראָפּעאישען באָדען האָבען זיך צעוואקסען אלץ גרעסער און גרעסער. סכסוכים ברעכען אויס דאָ און דאָרטען; לעת עתה פארגלעט מען זיי אויף א דיפּלאָמאטי־שען שטייגער, אָבער קיינער קען ניט גאראנטירען פאר דער נאָהענ־טער צוקונפט. אָבער אן אייראָפּעאישע מלחמה מיינט א אייראָפּעאישע רעוואָלוציע.

אפילו אָהן דעם דרוק פון אזעלכע ערשיינונגען ווי א מלחמה אָדער א באנקראָט, וועט א רעוואָלוציע אפשר אויסברעכען אין דער נאָהענטער צוקונפט אין איינער פון די אייראָפּעאישע לענדער, אלס א רעזולטאט פון דעם שארפען קלאסען־קאמפף. מיר ווילען ניט טרעפען אין וועלכען לאנד די רעוואָלוציע וועט זיך אריינכאפּען די ערשטע; עס שיינט אָבער, אז דער קלאסען אנטאָגאניזם איז פאר די לעצטע פאָר יאָהר געוואָרען זעהר שטארק אין אלע אייראָ־פּעאישע לענדער.

דער איינפלוס פון דער רוסישער רעוואָלוציע אויף דעם אייראָ־פּעאישען פּראָלעטאריאט איז זעהר גרויס. די רוסישע רעוואָלוציע צושטערט, ניט נאָר דעם פעטערבורגער אבסאָלוטיזם, די הויפט מאכט פון דער אייראָפּעאישער רעאקציע; נאָר זי פילט אויך אָן די מוחות און הערצער פונ'ם אייראפּעאישען פּראלעטאריאט מיט רעוואָלוציאָנערער דרייסטקייט.

דער אבזיכט פון יעדער סאָציאליסטישער פּארטיי איז צו רעוואָלוציאָניזירען די מוחות פונ'ם ארבייטער קלאס אויף דעם

זעלבען אופן ווי די ענטוויקלונג פון'ם קאַפּיטאַליזם האָט רעוואָלוציאָניזירט די סאָציאַלע באַציהונגען. אָבער די פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך איהר אייגענעם גאַנג. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּא — הויפּטזעכליך די שטאַרקסטע צווישען זיי, די דייטשע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — האָבען אויסגעאַרבייט אַן אייגענעם קאָנסערוואַטיזם, וואָס וואַקסט אין דער פּראָפּאָרציע ווי דער סאָציאַליזם נעמט אַרום גרעסערע מאַסען און אָרגאַניזאַציעס און די דיסציפּלין ווערט גרעסער. פאַרקערפּערענדיג די פּאָליטישע ערפאַהרונג פון'ם פּראָלעטאַריאַט, קען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַריבער, ביי א געוויסער געלעגענהייט, ווערען א באַלדיגע שטערונג אויפ'ן וועג פון אַן אָפּענעם פּראָלעטאַרישען צוזאַמענשטויס מיט דער בורזשואַזנער רעאַקציע. מיט אַנדערע ווערטער, דער פּראָפּאַגאַנדא־קאָנסערוואַטיזם פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי קען, אין א געוויסען מאָמענט, שטערען דעם דירעקטען קאַמפּף וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פיהרט אָן צו קריגען די מאַכט. דער ריזיגער איינפלוס פון דער רוסישער רעוואָלוציע ווייזט זיך אַרויס אין דעם וואָס ער צושטערט דעם שימעל פון דער פּאַרטיי און דעם סאָציאַליסטישען קאָנסערוואַטיזם, מאַכענדיג אויף אַזאַ'ן אופן א ריינעם קאַמפּף פון די פּראָלעטאַרישע כוחות נעגען דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע א פראַגע פון טאָג. דער קאַמפּף פאַר אַלגעמיינער שטימרעכט אין עסטרייך, זאַקסען און פּרייסען איז געוואָרען מעהר ענטשלאָסען אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון דעם אָקטאָבער סטרייק אין רוסלאַנד. א רעוואָלוציאָן אין מזרח שטעקט אָן דעם פּראָלעטאַריאַט אין מערב מיט רעוואָלוציאָנערען אידעאַליזם און מאַכט שטאַרקער זיין ווילען צו ריידען צו זיינע שונאים „פּאָ רוסקי“.

ווען דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט וועט האָבען די מאַכט אין זיינע הענד, אויב דאָס זאָל אַפילו זיין א פאַרביילויפענדע קאָמבינאַציע פון כוחות אין דער רוסישער בורזשואַזנער רעוואָלוציע, וועט

ער באַנגענען אָן אָרגאַניזירטען ווידערשטאַנד מצד דער וועלט־רעאַקציע, און די באַרייטקייט פֿאַר אַן אָרגאַניזירטער שטיצע מצד דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. אויב מען וועט דעם רוסישען אַרביי־טער־קלאַס איבערלאָזען אַליין, וועט ער מוזען דערשטיקט ווערען אין דעם מאָמענט ווען ער וועט פֿאַרלירען די שטיצע פֿון די פּויערים. עס בלייבט פֿאַר איהם נאָר אָנצוהענגען דעם שיקזאַל פֿון זיין פּאָלי־טישער איבערמאַכט און דעם שיקזאַל פֿון דער רוסישער רעוואָ־לוציע אין׳ם שיקזאַל פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין אייראפּא. די וויכטיגע אויטאָריטעט און די פּאָליטישע מאַכט וואָס דער פּראָלעטאַריאַט וועט קריגען דורך אַ קאָמבינאַציע פֿון כוחות אין דער רוסישער בורזשואַזנער רעוואָלוציע, וועט צוגעבען מעהר געוויכט דעם קלאַסען־קאַמפּף פֿון דער גאַנצער קאַפּיטאַליס־טישער וועלט. פֿאַרזאָרגט מיט רעגירונגס מאַכט, האָבענדיג אַ קאָנטר־רעוואָלוציע הינטער די פּלייצעס און אַ אייראפּעאישע רעאַקציע אין פֿראָנט, וועלען די רוסישע אַרבייטער אַרויסלאָזען פֿאַר די אַרבייטער פֿון דער גאַנצער וועלט דעם אַלטען קאַמפּפס־רוף, וואָס וועט ווערען דער רוף פֿון דער לעצטער אַטאַקע:

פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניגט זיך!

דער סאָוויעט און די רעוואָלוציאָן.

אנמערקונג :

דער ערשטער ראַט פון אַרבייטער דעפּוטאַטען איז געגרינדעט געוואָרען אין פּעטערבורג, דעם 13טען אָקטאָבער 1905, אין דער צייט פון דעם גרויסען אלגעמיינעם אָקטאָבער סטרייק, וועלכער האָט געצוואונגען ניקאָלאַי ראָמאנאָף צו פארשפּרעכען אַ קאָנסטיטוציע. דער ראָט פון ארבייטער דעפּוטאַטען האָט רעפּרעזענטירט איינצעלנע פאבריקען, ארבייטער פאראיינען און האָט אויך געהאט דעלעגאטען פון די סאָציאַליסטישע פּארטייען. דיזע קערפּערשאפט האָט זיך באטראכט אַלס דעם צענטער פון דער רעוואָלוציע און אַלס דעם פונדאַמענט פאר אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער־רעגיערונג. עהנליכע ראָטען פון אַרבייטער־דעפּוטאטען זיינען געגרינדעט געוואָרען אין פיעלע אנדערע אינדוסטריעלע צענטערס. דער פּעטערבורגער ראַט איז אַרעסטירט געוואָרען דעם 3טען דעצעמבער 1905 און האָט אויף אַזאַ אופן עקזיסטירט בלויז פופציג טעג. די מיטגלידער פון ראָט זיינען גע׳משפּט געוואָרען פון דער צאַרישער רעגירונג און פאַרשיקט געוואָרען אין סיביר.

אַרום צוויי יאָהר נאַכדעם, ווי דער ערשטער סאָוויעט איז אַרעסטירט געוואָרען, האָט כרוסטאלאָף נאָסאַר, דער ערשטער פּאָרזיצענדער פון סאָוויעט, זיך געטראָפען אין אויסלאַנד מיט לעאָן טראָצקי, וועלכער איז געווען דער צווייטער פּאָרזיצענדער פון סאָוויעט. (זיי זיינען ביידע אנטלאָפען פון סיביר). און דאמאלס האָבען זיי באשלאָסען צו מאַכען אַ סך הכל פון זייער ערפאַהרונג מיט דעם סאָוויעט און האָבען אָנגעשריבען אַ בוך : „די געשיכטע פון דעם ראט פון ארבייטער־דעפּוטאטען”. דאָס בוך איז ערשינען אין פּעטערבורג אין 1908 און איז באַלד אונטערדריקט געוואָרען. „דער סאָוויעט און די רעוואָלוציע” איז א קאַפּיטעל פון יענעם בוך.

אין דער טעטיגקייט פון׳ם סאָוויעט בנוגע דער פּאָסט, דעם טעלעגראַף און די אייזענבאַהן סטרייקס זעהט טראָצקי, אין זיין פאָרשטעלונגסקראפט, דעם אנפאנג פון אַ סאָוויעט קאָנטראָל איבער דער גאנצער אינדוסטריע פון לאַנד און איבער דער גאנצער רעגירונגס מאַשין. ס׳איז וויכטיג אָנצודייטען, אַז אין דיעם קאַפּיטעל באַהויפּטעט טראָצקי, דאָס „די ערשטע נייע כוואַליע פון דער רעוואָלוציע וועט פיהרען צו דער גרינדונג פון סאָוויעטען איבער׳ן גאַנצען לאַנד”. אַזוי האָט ווירקליך פּאַסירט. זיין נביאות וועגען דער גרינדונג פון אַן אַל־רוסישען סאָוויעט און וועגען דעם פּראָגראם וואָס די סאָוויעטען וועלען אָננעמען, איז מקוים געוואָרען אין פאַרלויף פון דער רעוואָלוציאָן.

דער סאָוויעט און די רעוואָלוציאָן

.1

די געשיכטע פון דעם סאָוויעט איז די' געשיכטע פון פופציג טעג. דער סאָוויעט איז געגרינדעט געוואָרען דעם 31טען אָקטאָבער; זיין לעצטע זיצונג איז פארנאנדערגעטריבען געוואָרען דורך מיליטער דעם 3טען דעצעמבער. צווישען די טעג האָט דער סאָוויעט געלעבט און געקעמפפט.

וואָס איז געווען די אבזיכט פון דער אינסטיטוציאָן? וואָס האָט געמאכט מעגליך דעם סאָוויעט אין אזא קורצער צייט צו פארנעהמען אַן עהרען־פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דעם רוסישען פּראָלעטאריאַט, אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן?

דער סאָוויעט האָט אָרגאניזירט די מאסען, האָט אָנגעפיהרט פּאָליטישע סטרייקס, האָט געפיהרט פּאָליטישע דעמאָנסטראציעס, האָט זיך געסטארעט צו באוואפנען די ארבייטער. אָבער אנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציאָנען האָבען געטאָן די זעלבע ארבייט. דער אינהאלט פון סאָוויעט איז באשטאנען אין זיין אָנשטרענגונג צו ווערען אַן אָרגאַן פון געזעלשאפטליכער אויטאָריטעט. דער פּראָלעטאריאט פון איין זייט און די רעאקציאָנערע פּרעסע פון דער צווייטער זייט האָבען גערופען דעם סאָוויעט „אַן ארבייטער רעגיערונג"; דאָס וואַרפט בלויז אַ ליכט אויף דעם פאקט אַז דער סאָוויעט איז אין דער ווירקליכקייט געווען אַ וואָרצעל פאר אַ רעוואָלוציאָנערער רעגיערונג. אזוי לאנג ווי דער סאָוויעט האָט ווידקליך געהאט די מאכט פון אויטאָריטעט, האָט ער זיך מיט דער מאכט באנוצט; אזוי לאנג ווי די מאכט איז געווען אין די הענד פון דעם מיליטער

און דער ביוראָקראַטישער מאָנאַרכיע, האָט דער סאָוויעט געקעמפפט די מאַכט צו באהערשען. איידער דער סאָוויעט האָט דערזעהן די ליכטיגע וועלט זיינען געווען רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציאָנען צווישען די אינדוסטריעלע ארבייטער, מעהרסטענס סאָציאַל דעמאָקראַטישע. אָבער די אָרגאַניזאַציאָנען זיינען געווען פארשפרייט צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט; זייער באַלדיגער ציעל איז געווען צו בעאיינפלוסען די מאַסען. דער סאָוויעט איז אַן אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט; זיין ציעל איז צו קעמפּפען פאַר רעוואָלוציאָנערע מאַכט.

צו דער זעלבער צייט איז דער סאָוויעט געווען אַן אָרגאַניזירטער אויסדרוק פון דעם ווילען פון פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ קלאַס. אין זיין קאַמפּף פאַר מאַכט האָט דער סאָוויעט אָנגעווענדט אַזעלכע מעטאָדען, וואָס זיינען אויף אַ נאַטירליכען אופן באַשטימט געוואָרען פון דעם כאַראַקטער פון פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ קלאַס; זיין טייל אין דער פּראָדוקציאָן; זיין שטאַרקייט אין צאָהל; זיין געזעלשאַפטליכע איינהייטליכקייט. אין זיין קאַמפּף פאַר מאַכט האָט דער סאָוויעט פאַראייניגט אַלע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען פון דעם ארבייטער קלאַס, אַריינרעכענענדיג אויך די באַשליסע וואָס זיינען נוגע צוזאַמענשטויסע צווישען איינצעלנע פארטרעטער פון קאַפּיטאַל און ארבייט. די פאַראייניגונג איז פאַר קיין פאַל ניט געווען קיין קינסטליכע טאַקטישע פּראָבע: דאָס איז געווען אַ נאַטירליכער רעזולטאַט פון דער סיטואַציע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ קלאַס, וואָס האָט באַוואוסטזיניג ענטוויקעלט און אויסגעשפּרייט זיין קאַמפּף פאַר זיינע באַלדיגע אינטערעסען; דאָס איז געווען אַ ראַנק דעם, וואָס צוליעב דער לאָגיק פון אומשטענדען איז דער פּראָלעטאַריאַט געווען געצוואונגען צו פאַרנעהמען אַ פיהרענדע ראָלע אין דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף פאַר מאַכט.

די הויפּט־וואַפען פון דעם סאָוויעט זיינען געווען — אַ פּאָליטישער סטרייק פון די מאַסען. די מאַכט פון סטרייק ליגט אין

דיזאָרגאַניזירען די מאַכט פון דער רעגיערונג. וואס גרעסער עס איז די „אנארכיע“ וואָס ווערט פון א סטרייק געשאפען, אַלץ נעהנטער איז זיין זיעג. דאָס איז בלויז אמת ווען „אנארכיע“ ווערט ניט געשאפען דורך אנארכיסטישע טאטען. דער קלאָס וואָס מאכט טאָג־איין און טאָג־אויס באוועגען די אינדוסטריעלע מאַשינעריע און אויך די מאַשינעריע פון דער רעגיערונג; דער קלאָס וואָס איז פעהיג, דורך דעם וואָס ער שטעלט פלוצלונג אָפּ די ארבייט און מאשינען, צו פאראַליזירען די אינדוסטריע און די רעגיערונג, דאַרף זיין גענוג אָרגאַניזירט ניט צו פאַלען דער ערשטער קרבן פון דער זעלבער „אנארכיע“ וואָס ער האָט געשאַפען. וואָס שטארקער עס עס איז די ווירקונג פון א סטרייק צו דעזאָרגאַניזירען די רעגיערונג, אַלץ מעהר איז די סטרייק אָרגאניזאציאָן געצוואונגען צו נעהמען אויף זיך די רעגיערונגס־אויפגאַבען.

דער ראַט פון ארבייטער־דעלעגאַטען פיהרט איין א פרייע פרעסע. ער אָרגאַניזירט גאסען־פּאַטראָלען אָפּצוהיטען די זיכער־הייט פון די בירגער. אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס נעהמט ער איבער די פּאָסט, דעם טעלעגראף און די אייזענבאהנען. ער מאַכט אַן אָנשטרענגונג איינצופיהרען דעם אכט־שטונדיגען אר־בייטס־טאָג. פּאַראַליזירענדיג די אויטאָקראַטישע רעגיערונג דורך א סטרייק, ברענגט ער אריין זיין אייגענע דעמאָקראַטישע אָרדנונג אין דעם לעבען פון דער שטאָדטישער ארבייטער־באַפעלקערונג.

2

נאָך דעם 9טען יאנואר האָט די רעוואָלוציאָן ארויסגעצייגט איהר מאַכט איבער די געדאנקען פון די ארבייטער מאַסען. דעם 14טען יאנואר דורך דעם אויפשטאנד פון דער שיף פאטיאָמקין האָט די רעוואָלוציאָן געוויזען אז זי קען ווערען א מאַטעריעלע קראפט. אין דעם סטרייק פון אָקטאָבער האָט זי געצייגט, אז זי האָט געקענט דיסארגאניזירען דעם שונא, פאראַליזירען זיין ווילען און אין גאנצען איהם ערנידעריגען. דורך דעם וואָס עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען ארבייטער־דעפּוטאטען איבער'ן גאנצען לאַנד האָט זי נעצייגט, אז זי איז געוועזן פעהיג צו שאפען א מאַכט פון אויטאָריטעט. רעוואָלוציאָנערע אויטאָריטעט קען זיך ניט שטיצען בלויז אויף אקטיווע רעוואָלוציאָנערע קראפט. וואָס עס זאָל ניט זיין אונזער שטאנדפּונקט וועגען דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן, איז עס אָבער א פאַקט, אז ביז יעצט האָט זיך קיין נעזעלשאפטליכער קלאַס, אויסער דעם פּראָלעטאַריאַט, ניט ארויסגעצייגט צו זיין גרייט אונטערצושטיצען אַ רעוואָלוציאָנערע מאַכט פון אויטאָריטעט. די ערשטע אַרבייט פון דער רעוואָלוציאָן איז געווען א צוזאַמענשטויס אין די גאַסען פון דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער מאָנאַרכיע; דער ערשטער ערנסטער זיעג פון דער רעוואָלוציאָן איז ערריכט געוואָרען פון דעם קלאַסען־געוועהר פון דעם פּראָלעטאַריאַט, דעם פּאָליטישען סטרייק; דאָס ערשטע קערענדעל פון א רעוואָלוציאָנערער רעגיערונג איז געווען א פּראָלעטאַרישע פארטרעטערשאַפט. דער סאָוויעט איז די ערשטע דעמאָקראַטישע מאַכט אין דער מאָ־

דערנער רוסישער געשיכטע. דער סאָוויעט איז די אָרגאַניזירטע מאכט פון די מאַסען אליין איבער די טיילען פון וועלכע זיי ווערען צוזאַמענגעשטעלט. דאָס איז אַן אמת'ע ניט געפעלשטע דעמאָקראַטיע, אָהן א צוויי־הייזער סיסטעם, אָהן א פּראָפעסיאָנעלע ביוראָקראַטיע, מיט די רעכטע פון די בירגער צוריקצורופען זייערען א פאַרטרעטער צו יעדער צייט און צו ערוועהלען א צווייטען אויף זיין פּלאַץ. דורך זיינע מיטגליעדער, דורך די דעפּוטאַטען וואָס זיינען ערוועהלט געוואָרען פון די אַרבייטער, פיהרט דער סאָוויעט אָן די גאַנצע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס א גאַנצען און פון זיינע פאַרשיעדענע טיילען; ער צייכענט אָן די שריטע וואָס דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף נעהמען, ער גיט זיי א לאָזונג און א פאָהן. דאָס אָנפיהרען די טעטיגקייט פון די מאַסען אויף א באַזיס פון אָן אָרגאַניזירטער זעלבסט־רעגיערונג, איז דאָס ערשטע מאָל איינגעפיהרט געוואָרען אין רוסלאַנד. דער אַבסאָלוטיזם האָט געהערשט איבער די מאַסען, אָבער ער האָט זיי ניט געפיהרט. דער אַבסאָלוטיזם האָט אָפּגעצוימט מיט מעכאַנישע גרעניצען די לעבעדיגע שאַפענדע כחות פון די מאַסען, און אין די גרעניצען האָט ער געהאַלטען די אונרוהיגע עלעמענטען פון דעם פאָלק מיט אַן אייזערנער לאַפּע פון אונטערדריקונג. דער איינציגער מאַסען־אַבסאָלוטיזם וואָס איז אַמאָל אָנגעפיהרט געוואָרען איז געווען — די אַרמעע. אָבער דאָס איז ניט געווען געפיהרט, נאָר עס איז בלויז געטאָן געוואָרען דורך באַפעהל. אין די לעצטע יאָהרען האָט אפילו דאָס פיהרען פון דער היפּנאָטיזירטער מיליטערישער מאַסע זיך אויף ארויסגעגליטשט פון די הענד פון אַבסאָלוטיזם. דער ליבעראַליזם האָט קיין מאָל ניט געהאַט גענוג מאכט צו באַפעהלען די מאַסען, אָדער גענוג איניציאַטיווע זיי צו פיהרען. זיין באַציהונג צו מאַסען באַוועגונגען, אָבוואָהל ער האָט געהאָלפען דירעקט דעם ליבעראַליזם, איז געווען דאָס זעלבע ווי צו נאַטור־ערשיינונגען וואָס רופען ארויס שרעק, — ווי צו ערד־ציטערניש אָדער ווי צו אַז אויסברוך פון א פייער־שפייענדען באַרג. דער

פּראָלעטאריאט איז ערשיענען אויף דעם שלאַכטפעלד פון דער רעוואָלוציאָן אלס א פאַרזאַמעלטע מאַסע וואָס פאַרלאָזט זיך אויף איהרע אייגענע קרעפטע, וואָס איז אין גאַנצען אונאָפּהענגיג פון דעם בורזשואַזען ליבעראַליזם.

דער סאָוויעט איז געווען א קלאַס־אָרגאַניזאַציאָן, דאָס איז געווען א קוועלע פאַר זיין קעמפּפענדער מאַכט. ער איז אַנטערדריקט געוואָרען אין דעם ערשטען פּעריאָד פון זיין עקזיס־טענץ ניט צוליעב מאַנגעל אין צוטרויען מצד פון די מאַסען אין די שטעדט, נאָר דורך דער באַגרענצונג פון א ריין דאָרפישער רעוואָ־לוציאָן, דורך דער פארהעלטניסמעסיג גלייכגילטיגער באציהונג פון דעם דאָרף, דורך דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די פויערישע עלעמענ־טען פון דער ארמעע. די לאַגע פון דעם סאָוויעט צווישען דער שטאָדטישער באפעלקערונג איז געווען אזוי שטארק ווי זי האָט נאָר געקענט זיין.

דער סאָוויעט איז געווען אַן אָפיציעלער פארטרעטער פון דעם גאַנצען האלב־מיליאָן פון דער ארבייטער־באפעלקערונג אין פּעטער־בורג; זיין אָרגאַניזאַציאָן האָט ארומגענומען ארום צוויי הונדערט טויזענד, הויפּטזעכליך אינדוסטריעלע ארבייטער; און אָבוואָהל זיין דירעקטער און אינדירעקטער פּאָליטישער איינפלוס האָט גע־האַט א פיעל ברייטערען שוואונג, זיינען דאָך געווען טויזענדע און טויזענדע פּראָלעטאריער (צווישען די בוי־ארבייטער, צווישען הויז־אָנגעשטעלטע, טאָג־ארבייטער), וועלכע זיינען קוים, און פיעלייכט אין גאַנצען, ניט בעאיינפלוסט געוואָרען פון דעם סאָוויעט. ס'איז פינדעסטוועגען קיין ספק ניט אז דער סאָוויעט האָט פארטראָטען די אינטערעסען פון די אַלע פּראָלעטארישע מאַסען. עס זיינען געווען גאַנץ ווייניג אָנהענגער פון דער „שווארצער מאה“ אין די פאַבריקען, און זייער צאָהל איז געוואָרען קלענער פון שטונדע צו שטונדע. די פּראָלעטארישע מאַסען פון פּעטערבורג זיינען גע־שטאַנען פעסט הינטער דעם סאָוויעט. צווישען דער אינטעליגענץ פון פּעטערבורג האָט דער סאָוויעט געהאַט מעהר פריינד ווי שונאים.

טויזענדע סטודענטען האָבען אנערקענט די פּאָליטישע פיהרערשאפט פון דעם סאָוויעט און דורך רעזאָלוציאָנען איהם ווארים אונטערשטיצט. דאָס פּראָפעסיאָנעלע פּעטערבורג איז געווען אין גאנצען אויף דער זייט פון דעם סאָוויעט. די שטיצע וואָס ער האָט ארויסגעצייגט אין דעם סטרייק פון די פּאָסט און טעלעגראף אָנגעשטעלטע, האָט געשאפען דעם סאָוויעט א סימפּאטיע צווישען די קלענערע רעגיערונגס־אָנגעשטעלטע. אלע אונטערדריקטע, אלע אומגליקליכע, אלע עהרליכע עלעמענטען פון דער שטאָדט, די אלע יעניגע וואָס האָבען געשטרעבט צו א בעסערען לעבען, — זיינען אינסטינקטיוו אָדער באוואוסטזיניג געווען אויף דעם צד פון סאָוויעט. דער סאָוויעט איז געווען אין דער ווירקליכקייט א פארטרעטער פון דער גרויסער מעהרהייט פון דער באפעלקערונג. זיינע שונאים אין דער הויפּט־שטאָדט וואָלטען ניט געווען געפעהרליך ווען זיי וואָלטען ניט געווען באשיצט פון דעם אבסאָלוטיזם, וועלכער האָט געשטיצט זיין מאכט אויף די העכסט אָפּגעשטאנענע עלעמענטען פון אן ארמעע וואָס ווערט רעקרוטירט פון פּויערים. די שוואכקייט פון דעם סאָוויעט איז ניט געווען זיין אייגענע שוואכקייט, עס איז געווען די שוואכקייט פון א ריין־שטאָדטישער רעוואָלוציאָן.

די פופציג טעג זיינען געווען דער פּעריאָד פון דער גרעסטער מאכט פון דער רעוואָלוציאָן. *דער סאָוויעט איז געווען דער אָרגאן פון דער רעוואָלוציע אין דעם קאמפּף פאר געזעלשאפטליכער אויטאָריטעט.* דער קלאסען־כאראקטער פון דעם סאָוויעט איז געוואָרען באשטימט דורך דעם קלאסען־אונטערשיעד פון דער שטאָדטישער באפעלקערונג און דורך דער פּאָליטישער געגנערשאפט צווישען דעם פּראָלעטאריאט און דער קאפּיטאליסטישער בורזשואזיע. די געגנערשאפט האָט זיך ארויסגעצייגט אפילו אויף דעם היסטאָריש באגרעניצטען פעלד פון קאמפּף נעגען אבסאָלוטיזם. נאָך דעם אָקטאָבער־סטרייק האָט די קאפּיטאליסטישע

בורזשואזיע באוואוסטזיניג געשטעדט דעם פּראָגרעס פון דער רעוואָלוציאָן; דער מיטעל־קלאַס האָט זיך ארויסגעצייגט צו זיין א נולם, א גאָרנישט, האָט זיך ארויסעצייגט צו זיין אונ־פעהיג צו שפּיעלען א זעלבסטשטענדיגע ראָלע. דער אמת'ער פיהרער פון דער שטאָדטישער רעוואָלוציאָן איז געווען דער פּראָלע־טאריאט. זיין קלאַס־אָרגאַניזאַציאָן איז געווען דער אָרגאַן פון דער רעוואָלוציע און זיין קאמפף פאר מאכט.

.3

דער קאַמפּף פאַר מאַכט, פאַר געזעלשאַפטליכע אויטאָריטעט — דאָס איז געווען דער הויפּט־צוועק פון דער רעוואָלוציאָן. די פופציג טעג וואָס דער סאָוויעט האָט געלעבט און זיין בלוטיגער סוף האָבען געצייגט, אַז די רוסישע שטעדט זיינען אַ צו שמאָלער באָדען פאַר אַזאַ קאַמפּף און אַז אפילו אין די גרעניצען פון דער שטאָדטישער רעוואָלוציאָן קען אַ לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע ניט זיין די צענטראַלע פיגור. פאַר אַ נאַציאָנאַלע אויפגאַבע האָט זיך געפאָדערט אַן אָרגאַניזאַציאָן פון אַ נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. דער פּעטערבורגער סאָוויעט איז געווען אַ לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע, אָבער די נויטווענדיגקייט פון אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציאָן איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער סאָוויעט האָט געמוזט אָננעהמען די פיהרערשאַפט אויף אַ נאַציאָנאַלען באַזיס. ער האָט געטאָן אַלעס וואָס ער האָט געקענט, דאָך איז ער הויפּטזעכליך פאַרבליבען דער פּעטערבורגער ראַט פון אַרבייטער־דעפּוטאַטען. אויף דער דרינגענדער נויטווענדיגקייט פון אַן אַל־רוסישען אַרבייטער־קאָנגרעס, וואָס וואָלט אָהן צווייפעל געהאַט די אויטאָריטעט צו גרינדען אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, איז אָנגעצייגט געוואָרען אפילו אין דער צייט פון דעם ערשטען סאָוויעט. דער רעצעמבער־דורכפאַל האָט געמאַכט אונמעגליך דאָס צו פאַרווירקליכען. די אידעע איז פאַרבליבען, אַ ירושה איז פאַרבליבען פון די פופציג טעג.

די אידעע פון אַ סאָוויעט איז געוואָרען איינגעקריצט אין דעם זאַוואוסטזיין פון די אַרבייטער אַלס די ערשטע נויטווענדיגקייט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערען אַרויסטריט פון די מאַסען. די ערפאַהרונג האָט געצייגט, אַז אַ סאָוויעט איז ניט מעגליך אָדער ניט ווינשענסווערט אונטער אַבי־וועלכע אומשטענדען. דער הויפּט־גרונד

פון דער סאָוויעט־אָרגאַניזאַציע איז צו שאַפען אומשטענדען פאַר דיזאַרגאַניזירען די רעגיערונג, פאַר „אַנאַרכיע", מיט אנדערע ווערטער, פאַר אַ רעוואָלוציאָנערען צוזאַמענשטויס. דער איצטיגער שטילשטאַנד אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דער ווילדער זיעג פון דער רעאַקציע, מאַכען אונמעגליך די עקזיסטענץ פון אַן עפענטליכער וועהלענדער אָרגאַניזאַציאָן פון אויטאָריטעט פון די מאַסען. עס איז פונדעסטוועגען קיין ספק ניט, אַז די ערשטע נייע כוואַליע פון דער רעוואָלוציאָן וועט פיהרען צו דעם אַז עס זאָלען געשאַפען ווערען סאָוויעטען איבער'ן גאַנצען לאַנד. אַן אַל־רוסישער סאָוויעט, אָרגאַניזירט דורך אַן אַל־רוסישען ארבייטער קאָנגרעס, וועט איבערנעהמען די פיהרערשאַפט פון די לאָקאַלע וועהלענדע אָרגאַניזאַציעס פון דעם פּראָלעטאַריאַט. נעמען זיינען, פאַרשטענדליך, ניט וויכטיג; אויך איז ניט וויכטיג אָנצודייטען איינצעלהייטען פאַר אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן; די הויפּט זאַך איז: אַ צענטראַליזירטע דעמאָקראַטישע פיהרערשאַפט אין דעם קאַמפּף פון דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר אַ פאָלקס־רעגיערונג. היסטאָריע ווערט ניט איבערגע'חזר'ט, און דער נייער סאָוויעט וועט ניט דאַרפען ווידער דורכגעהן די זעלבע ערפאַהרונג פון די פופציג טעג. די פופציג טעג וועלען אָבער קענען דיענען אַלס אַ פאָלשטענדיגער פּראָגראַם פון טעטיגקייט פאַר דעם צוקינפטינען סאָוויעט.

דאָס פּראָגראַם איז זעהר קלאָר:

צו שאַפען רעוואָלוציאָנערע פאַרבינדונגען מיט דער אַרמעע, מיט די פויערים און מיט די נידריגע שיכטען פון דער שטאָדטישער בורזשואַזיע. אָפּצושאַפען דעם אַבסאָלוטיזם. צו פאַרניכטען די מאַטעריעלע אָרגאַניזאַציע פון אַבסאָלוטיזם דורך ווידער־אויפבויען אין טיילוויז פאַנאַנדערלאָזען די אַרמעע. צו צוברעכען אין גאַנצען די ביוראָקראַטישע מאַשינעריע. איינצופיהרען אַן אַכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. צו באַוואַפנען די באַפעלקערונג, אָנ־

פאנגענדיג מיט דעם פּראָלעטאַריאַט. צו פאַרוואנדלען די סאָ־וויעטען אין קערפּערשאַפטען פון א רעוואָלוציאָנערע זעלבסט־רע־גיערונג אין די שטעדט. צו גרינד־ען ראטען פון פויערים־דעלע־גאטען (פויערים קאָמיטעס) אלס לאָקאַלע קערפּערשאַפטען פון דער אגראַרישער רעוואָלוציאָן. צו אָרגאַניזירען וואהלען פאַר דער קאָנ־סטיטואירענדער פאַרזאַמלונג און אָנצופיהרען א פאַר־וואהל קאמפּף פאַר א באַשטימטען פּראָגראַם, וואָס זאָל ארויסגעשטעלט ווערען פון די פאָרטרעטער פון פאָלק.

ס'איז לייכטער צוזאַמענצושטעלען אזא פּראָגראַם ווי איהם דורכצופיהרען. דאָך, אויב די רעוואָלוציאָן וועט אמאָל געווינען, קען דער פּראָלעטאַריאַט קיין אנדער פּראָגראַם ניט אויסקלייבען. דער פּראָלעטאַריאַט וועט באַנאַנדערוויקלען די פאַרווירקליכטע רעוואָלוציאָנערע טאַטען, וועלכע די וועלט האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהן. די געשיכטע פון די פופציג טעג וועט זיין בלויז א בלאַסע זייט אין דעם גרויסען בוך פון דעם פּראָלעטאַרישען קאַמפּף און ענדליכען זיעג.

ערב רעוואָלוציאָן.

אנמערקונג :

„ערב רעוואָלוציאָן” האָט טראָצקי אָנגעשריבען אין ניו יאָרק דעם 13טען מערץ 1917, ווען ס׳איז אָנגעקומען די ערשטע נייעס וועגען די אונרוהען אין פּעטראָגראַד.

ערב רעוואָלוציאָן.

די גאַסען פון פּעטראָגראַד רעדען ווידער די שפּראַך פון 1905. ווי אין די צייטען פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער קריעג, פּאָדערען די מאַסען ברויט, פריעדען און פרייהייט. ווי אין 1905 זיינען די טראַמווייען און צייטונגען אָפּגעשטעלט געוואָרען. די ארבייטער האָבען אָפּגעשטעלט די מאַשינען, זיי האָבען פאַרלאָזען די ווערק־שטאַטען און זיינען ארוים אין די גאַסען. די רעגיערונג מאָביליזירט איהרע קאָזאַקען. און אַזוי ווי אין 1905, האָבען פּנים אל פּנים זיך געטראָפען אין די גאַסען דיזעלבע צוויי קרעפטען — די רע־וואָלוציאָנערע ארבייטער און די אַרמעע פון דעם צאַר.

די באַוועגונג איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך מאַנגעל אין ברויט. דאָס איז פאַרשטענדליך ניט קיין צופעליגע אורזאַכע. אין אַלע קריעגס־פיהרענדע לענדער איז דער מאַנגעל אין ברויט די דירעקטע און שאַרפסטע אורזאַכע פאַר אונצופרידענהייט און צאָרן צווישען די מאַסען. דער גאַנצער משוגעת פון דער מלחמה ווערט פאַר זיי ענטדעקט פון דעם פונקט : עס איז אונמעגליך צו שאַפען לעבענסמיטלען, ווייל מען דאַרף שאַפען מאַשינען וואָס זאָלען קאָנען טויטען וואָס מעהר מענשען.

די פּראָבעס פון די ענגליש־רוסישע האלב אָפיציעלע נייעס־אַגענטורען צו ערקלערען די באַוועגונג אַלס רעזולטאַט פון אַ צייט־ווייליגען מאַנגעל אין שפּייז, אָדער אַלס רעזולטאַט פון שנעע־שטור־רעמס, צוליעב וועלכע ס'איז פאַרהאַלטען געוואָרען דאָס פאַרנאַנ־דערפיהרען פון לעבענס־מיטלען, זיינען די לעכערליכסטע, אַז מען

זאָל די ערקלערונג קאָנען גלויבען. די ארבייטער וואָלטען ניט אָפּ־געשטעלט די פאבריקען, די טראמווייען, די דרוקערייען און ארויס אין די גאסען צו טרעפען זיך פנים אל פנים מיט׳ן צאריזם צוליעב שנעע־שטורמס, וואָס האָבען צייטווייליג פארהאלטען דאָס אָנקור־מען פון שפּייז־מיטלען.

מענשען האָבען א גרויסען זכרון. פיעלע פון אונזערע אייגענע רייהען האָבען פארגעסען אז די מלחמה האָט געטראָפען רוסלאנד ווען זי איז געווען ארומגעכאפּט אין א מעכטיגען רעוואלוציאנערען פלאַם. נאָכ׳ן אונטערדריקטען צושטאנד פון 1908־1912, האָט דער פּראָ־לעטאריאט ביסלעכווייז פארהיילט זיינע וואונדען אין די נעכסטע יאָהרען פון דער אינדוסטריעלער אויפבליהונג ; דאָס אויסשעכ־טען פון סטרייקערס אויף דעם טייך לענא אין אַפּריל 1912, האָט ערוועקט די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון די פּראָלעטארישע מאַ־סען. א רייהע פון סטרייקס איז נאכהער געקומען. אין דעם יאָהר איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, האָט די כוואַליע פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סטרייקס ערגרייכט דעם צושטאנד אין רוסלאנד אין 1905. ווען פּאָנקארע, דער פּרעזידענט פון דער פראנצויזישער רעפּובליק, איז אין זומער פון 1904, געקומען אין פּעטערסבורג (ווארשיינליך זיך דורכצורעדען מיט׳ן צאַר ווי צו באפרייען די קליינע און שוואכע פעלקער), איז די רעוואלוציאָ־נערע שטימונג פון דעם רוסישען פּראָלעטאריאט געווען העכסט אָנ־געצויגען, און דער פּרעזידענט פון דער פראנצויזישער רעפּובליק האָט געקאָנט זעהען מיט זיינע אייגענע אויגען אין דער הויפּט־שטאָדט פון זיין פריינד, דעם צאַר, ווי אַזוי די באַריקאדען פון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציאָן ווערען געבויט.

די מלחמה האָט אָפּגעהאַלטען די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע. מיר האָבען געזעהען אַז עס ווערט איבערגע׳חזר׳ט דאָס זעלבע וואָס איז געשעהן מיט צעהן יאָהר צוריק, אין דער רוסיש־יאפּאנעזישער קריעג. נאָך די שטורמדיגע סטרייקס פון 1903 איז געקומען א יאָהר פון א כמעט פּאָל[illegible]ינער פּאָליטישער שטילקייט —

1904 — דאָס יאָהר פון דער מלחמה. עס האָט גענומען די אר־בייטער פון פעטערסבורג צוועלף מאָנאטען, אז זיי זאָלען זיך פאר־גאנדערקלייבען אין די פראַגען פון דער מלחמה און ארויסקומען אין די גאסען מיט זייערע פאָדערונגען און פראָטעסטען. דער 9טער יאנואר 1905 איז געווען, אזוי צו זאגען, דער אָפיציעלער אָנפאנג פון אונזער ערשטער רעוואָלוציאָן.

די איצטיגע מלחמה איז ברייטער ווי עס איז געווען די רו־סיש־יאפּאנעזישע קריעג. מיליאָנען סאָלדאטען זיינען פון דער רע־גיערונג מאָביליזירט געוואָרען „צו פארטיידיגען דאָס פאטערלאנד". די רייהען פון דעם פראָלעטאריאט זיינען אויף אזא אופן דיסאָרגא־ניזירט געוואָרען. פון דער צווייטער זייט, האָבען די פאָרטגע־שריטענע עלעמענטען פון דעם פראָלעטאריאט געהאט צו ענטשיי־דען א געוויסע צאָהל פראגען פון אונגעהייער גרויסע וויכטיגקייט. וואס איז די אורזאכע פון דער מלחמה? זאָל דער פראָלעטאריאט אויף אָננעמען די שטעלונג וועגען „פארטיידיגען דאָס פאטערלאנד"? וואָס דארף זיין די טאַקטיק פון דעם ארבייטער־קלאַס אין מלחמה־צייט?

דערווייל האָט דער צאריזם און זיינע עלייעס, די גרויסע פון דעם הויף אדעל און די בורזשואזיע, אין פארלויף פון דער מלחמה אין גאנצען ארויסגעצייגט זייער אמת'ער כאראקטער, — דעם כאראקטער פון קרימינעלע רויבערס, פארבלענדעט פון דעם דורשט נאָך מאכט. די אפּעטיטען פאר זיעג איז ביי די רעגירונגס־קליקעס געוואקסען אין פארהעלטנים ווי דאָס פאָלק האָט אָנגעפאנ־גען צו באגרייפען זיין פאָלשטענדיגע אונפעהיגקייט צו לייזען די גאנץ עלעמענטארע פּראָבלעמען פון קריעג, פון אינדוסטריע און פון זאכען בכלל וואָס זיינע נויטיג אין מלחמה צייט. איינצייטיג איז דער דלות פון פאָלק געוואקסען, געוואָרען טיעפער, געוואָרען מעהר און מעהר שארפער, — א נאטירליכער רעזולטאט פון דער

מלחמה פאַרדאָפּעלט דורך דער קרימינעלער אַנאַרכיע פון דעם ראַס־פּוטין צאַריזם.

אין דער טיעפעניש פון די גרויסע מאַסען, צווישען מענשען וועלכע מען האָט פיעליכט קיין מאָל ניט געקאָנט גרייכען דורך א וואָרט פון פּראָפּאַגאַנדא, האָט זיך אָנגעזאַמעלט א שטאַרקע פאַר־ביטערטקייט אונטער דעם דרוק פון געשעהעניסען. די פאָדערסטע דייהען פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָבען דערוויל גוט פאַרדייעט די נייע געשעהעניסען. דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד איז געקומען צו זיך נאָך דעם קראַך פון דעם נאַציאָנאַלען פאַלען פון דעם העכסט איינפלוסרייכען טייל פון דעם „אינטערנאַ־ציאָנאַל", און האָט באַשלאָסען, אַז נייע צייטען פאָדערען פון אונז ניט צו בלייבען הינטערשטעליג, זאָנדערן צו פאַרשטאַרקען אונזער רעוואָלוציאָנערען קאַמף.

די איצטיגע געשעהעניסען אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווא זיינען א רעזולטאַט פון דיזער אינערליכער פאָרבאַרייטונגס־אַרבייט.

אין דער שפּיצע — א ניט פעסטע, דיזאָרגאַניזירטע, פאַרדעכ־טיגטע רעגירונג. א העכסט דעמאָראַליזירטע אַרמעע. אונצופרידענ־הייט, אונזיכערהייט און שרעק צווישען די אייגענטום־קלאַסען. הינטען, צווישען די מאַסען, א טיעפע פאַרביטערטקייט. א פּראָ־לעטאַריאַט, וואָס איז אין צאָהל שטאַרקער ווי ווען עס איז פריהער, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרען אין דעם פייער פון געשעהעני־סען. דאָס אַלעס גיט אונז א וואַרנונג, אַז מיר שטעהען פאַר דעם אנפאַנג פון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציאָן. לאָמיר האָפען, אַז פילע פון אונז וועלען זיך אין איהר באַטייליגען.

די בורזשואַזע און די קליין־בורזשואַזע אינטעליגענץ.

די בורזשואזיע און די קליין־בורזשואזע אינטעלי־גענץ

די מלחמה אומשטענדען פארדרעהען און קאמפליצירען די טע־טיגקייט פון די אינערליכע קרעפטען פון דער רעוואלוציאן. אבער פונדעסטוועגען וועט דער גאנג פון דער רעוואלוציאן באשטימט ווערען פון די זעלבע אינערליכע קרעפטען, נעמליך, פון די קלאסען.

די רעוואלוציאן, וועלכע האט צוזאמענגעקליבען איהרע קרעפ־טען פון דעם יאהר 1912, איז אין אנפאנג געווען צובראכען דורך דער מלחמה און איז שפעטער, א דאנק דער העלדישער אריינ־מישונג פון דער ערביטערטער ארמעע, פארוואנדעלט געווארען אין אן אנגרייפענדען אויפשטאנד, וואס האט ניט געהאט צו זיך קיין גלייכען. די מאכט פון ווידערשטאנד מצד פון דעם אלטען רעזשים איז דורך דעם פראגרעס פון דער מלחמה אין גאנצען פארניכטעט געווארען. די פאליטישע פארטייען וואס האבען געקענט דיענען אלס פארמיטלער צווישען דער מאנארכיע און דעם פאלק, זיינען פלוצלינג געבליבען הענגען אין דער לופטען, א דאנק די מעכטיגע קלעפ וואס זיינען געגעבען געווארען פון אונטען, און א דאנק דעם וואס זיי זיינע ביים לעצטען מאמענט געצוואונגען געווען צו מא־כען דעם געפעהרליכען שפרונג כדי צו פארזיכערען זיך פון די כוואליעס פון דער רעוואלוציאן. דאס האט פאר א געוויסע צייט צוגענעבען דער רעוואלוציאן אן אויסערליכען אויסזעהען פון פאל־שטענדיגער נאציאנאלער הארמאניע. דאס ערשטע מאל אין דער גאנצער געשיכטע האט דער בורזשואזער ליבעראליזם זיך געפונען „צוזאמענגעבונדען" מיט די מאסען — און עס איז ווארשיינליך געווען דאס, וואס האט זיי געבראכט צו דער אידעע פון אויסנוצען

דעם „וועלטליכען" רעוואָלוציאָנערען גייסט פאַר מלחמה־צוועקען.

די וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער מלחמה האָבען אָבער ניט געענדערט די אומשטענדען און די ציעלען. גוטשקאָף און מיליוקאָף, די אויסגעשפּראָכענע אימפּעריאַליסטען צווישען די פּאָליטיקער פון דעם אַלטען רעזשים, האָבען יעצט געהאַט דעם גורל פון דער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד ביי זיך אין די הענד. נאַטירליך האָט די מלחמה, וועמעס הויפּט גרונד איז געבליבען דער זעלבער ווי אונטער דער הערשאַפט פון דעם צאַר — געגען די זעלבע שונאים, מיט די זעלבע עלייעס און די זעלבע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפּליכטונגען — יעצט געמוזט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ „מלחמה פאַר דער רעוואָלוציאָן". פאַר די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען איז דאָס געווען אַ גלייכע אויפגאַבע, אין די אינטערעסען פון אימפּעריאַליזם, צו מאָביליזירען די רעוואָלוציאָן און אויך די קרעפטען און די ליידענשאַפטען וואָס זי האָט ארויסגערופען. די מיליוקאָפס האָבען גרויסמוטיג צוגעשטימט צו רופען די „רויטע שמאַטע" אַ הייליגען צייכען — אויב די ארבייטער מאַסען וועלען נאָר צייגען, אַז זיי זיינען גרייט צו שטאַרבען מיט באַגייסטערונג אונטער דער „רויטער שמאַטע", פאַר קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אָבער די אימפּעריאַליסטישע געדאַנקען האָבען זיי ביי מיליוקאָף'ן צו בולט ארויסגעזעהן. אום צו געווינען אויף זייער זייט די ערוואַכטע מאַסען און צו פיהרען זייער רעוואָלוציאָנערע ענערגיע אויף דעם וועג צו פאַרטיידיגען דעם אויסערליכען פּראָנט האָבען זיך געפאָדערט גאַנץ אַנדערע מעטאָדען. אָבער דערצו זיינען נויטיג געווען גאַנץ אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, מיט פּלאַטפאָרמען, וואָס האָבען נאָך ניט געמאַכט קיין קאָמפּראָמיסען, מיט רעפּוטאַציעס וואָס זיינען נאָך ניט באַשמוצט געוואָרען.

אַזעלכע פּאַרטייען האָבען זיך געפונען. אין די יאָהרען פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָן און הויפּטזעכליך אין דער צייט, ווען די אינדוסטריע האָט לעצטענס אויפגעבליהט, האָט דער קאַפּיטאַל זיך אליין איינגעצוימט און אויך איינגעצוימט גייסטיג פיעלע טויזענדער

רעוואָלוציאָנערען פון 1905, וועלכע האָבען זיך מעהר ניט געזאָרגט וועגען די ארבייטער אָדער מארקסיסטישע „קליינינגקייטען". און צווישען דער „סאָציאַליסטישער" אינטעליגענץ זיינען דארום געווען פיעל גרופען ביי וועלכע עס האָבען געביסען די הענט צו באַטייליגען זיך אין דער ארבייט פון אָפּהאַלטען דעם קלאסען־קאמף, פון איינפלאנצען ביי די מאסען פאַטריאָטישע געדאנקען. האנד אין האנד מיט דער אינטעליגענץ, וועלכע איז געוואָרען באריהמט אין דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער צייט, זיינען געגאנגען די קאָמפּראָמיסליכע ארבייטער, וועלכע זיינען געוועזן אָפּגעשראָקען פון דעם דורכפאל פון דער רעוואָלוציאָן פון 1905, און וועלכע האָבען זייט דאמאלס אין זיך ענטוויקעלט די פעהיגקייט פון זיין געהאָרכזאם און נאָכגעבען יעדען צד.

די געגנערשאפט פון די בורזשואזע קלאסען צום צאריזם — אויף אן אימפּעריאליסטישען באָדען — האָבען נאָך זאָגאר פאר דער רעוואָלוציאָן געשאפען צווישען די אָפּאָרטוניסטען־סאָציאַליסטען און די רייכערע קלאסען א באַזיס צו מאכען קאמפּראמיסען איינער מיט'ן אנדערן. אין דער דומא האָבען קערענסקי און טשכעאידזע געשאפען זייער פּאָליטיק אלס א נאָכשלעפּעניש צו דעם פּראָגרעסיווען „בלאק", און די גוואזריעווס און באגדאנאווס האָבען זיך אויסגעמישט מיט די גוטשקאָווס אין די קאָמיטעס וועגען מלחמה אינדוסטריען. אָבער די עקזיסטענץ פון צאריזם האָט געמאכט כמעט אונמעגליך דאָס אגיטירען פאר'ן „רעגירונגס" פּאטריאָטיזם. די רעוואָלוציאָן האָט באזייטיגט אלע שטערונגען פון דיזען סאָרט. אונטערהאנדלונגען מיט די קאפּיטאליסטישע פּארטייען האָט זיך יעצט גערופען „א דעמאָקראטישע איינינגקייט" און די דיסציפּלין פון דעם בורזשואזען שטאאט איז פּלוצלינג געוואָרען „א רעוואָלוציאָנערע" דיסציפּלין און ענדליך האָט מען באטראכט דאס באטייליגען זיך אין א קאפּיטאליסטישער מלחמה אלס א פארטיידינונג פון דער רעוואָלוציאָן געגען אן אויסערליכע נידערלאגע.

די נאציאָנאליסטישע אינטעליגענץ, וועמען סטרואווע האָט

אין זיין צייטונג „וויעחי“, געלערנט און געגעבען עצות, איז
פֿלוצלינג, אונערוואַרטעט, גרויסמוטיג אונטערשטיצט געוואָרען אין
דער הילפֿסלאָזיגקייט פֿון די העכסט־אָפּגעשטאַנענע פֿאָלקס־מאַסען,
וועלכע מען האָט מיט צוואַנג אָרגאַניזירט אַלס אַן אַרמעע.

נאָר אַ דאַנק דעם וואָס די רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכען
אין פֿאַרלויף פֿון אַ מלחמה, האָבען די קליין־בורזשואַזע עלעמענטען
פֿון שטאָדט און פֿון דאָרף מיט אַמאָל אָנגענומען אויטאָמאַטיש
דעם אויסזעהען פֿון אַן אָרגאַניזירטער מאַכט און זי אָנגעפֿאַנגען
אויסצונוצען אויף די טוער פֿון די אַרבייטער און סאָלדאַטען ראַטען,
וועלכע האָבען געקראָגען אַן איינפֿלוס, וואָס וואָלט פֿאַר זיי געווען
אין אַן אַנדער צייט אונמעגליך צו קריגען אויף די צוואָרפֿענע
און אָפּגעשטאַנענע קלאַסען, אויסער אין מלחמה צייטען. די מענ־
שעוויסטישע אַרבייטער אינטעליגענץ האָט צווישען דער גרויסער
צאָהל דאָרפֿישע און פּראָווינציעלע פּערזאָנען, וועלכע זיינען מער־
סטענס נאָך ניט ערוואַכט געווען, געפֿונען אַ שטיצע וואָס איז אַנ־
פֿאַנגס געווען גאַנץ נאַטירליך. פֿירענדיג די קליין־בורזשואַזע קלאַ־
סען אויף דעם וועג פֿון אָפּמאַכונגען מיט'ן קאַפּיטאַליסטישען ליִ־
בעראַליזם, וועלכער האָט ווידער אַמאָל געצייגט זיין אונפֿעהיגקייט
צו פֿירען זעלבסטשטענדיג די מאַסען פֿון פֿאָלק, האָט די מענשע־
וויסטישע אַרבייטער אינטעליגענץ, דורך דעם דרוק פֿון די מאַסען,
פֿאַרנומען אַ געוויסע פּאָזיציע אַפֿילו צווישען די פּראָלעטאַרישע
קרייזען ; אָבער דאָס האָט זיי אויף אַ מאָמענט געפֿירט צו אַ צוויי־
טע פּאָזיציע, אַ דאַנק דעם שטאַרקען איינפֿלוס פֿון דער אַרמעע.

אויף'ן ערשטען בליק קאָן זיך אויסדוכטען, אַז יעדער קלאַסען־
אונטערשיעד איז פֿאַרניכטעט געוואָרען, אַז די סאָציאַלע איינריכ־
טונגען זיינען פֿאַרלאַטעט געוואָרען מיט די שטיקלעך אידעאָלאָגיע
פֿון דער מענשעוויסטישער אינטעליגענץ, און דאָס אַ דאַנק דער קאָנ־
סטרוקטיווער אַרבייט פֿון קערענסקי און טשכעאידזע איז אַ נאַ־
ציאָנאַלער ב ו ר ג ־ פֿ ר י ד ע ן פֿאַרווירקליכט געוואָרען. דאַ־
רום האָט מען זיך שטאַרק געוואונדערט ווען אַ זעלבסטשטענדיגע

פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק איז ווידער אוועקגעשטעלט געוואָרען, דאַ־רום האָט זיך אויפגעהויבען אַ ווילדער, אמת אָפּשטויסענדער געשריי געגען די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען, די צושטערער פון דער וועלטליכער האַרמאָניע.

די קליין־בורזשואַזע אינטעליגענץ, נאָכדעם ווי זי איז פון די אַרבייטער און סאָלדאַטען ראַטען ערהויבען געוואָרען צו אַ שטופּע וואָס זי איז אַליין אין גאַנצען ניט פאַרבערייטעט געווען, האָט זיך מעהר דערשראָקען פאַר דער אידעע פון פאַראַנטוואָרטליכקייט ווי פאַר יעדע אַנדערע זאַך, און זי האָט דאַרום מיט דרך ארץ איבער־געגעבען איהר מאַכט צו דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג פון די פּריצים, וועלכע איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער שויס פון דער דומאַ פון דעם 3טען יוני. דער שרעק פון דער קליין־בורזשואַזיע פאַר די הייליגקייט פון רעגירונגס־מאַכט, וועלכע האָט זיך אויך אַרויס־געזעהען ביי מאַנכע אַרבייטער־פיהרער, איז ביי די מענשעוויקעס־פּאַטריאָטען געווען פאַרשטעלט מיט אַ שלייער פון טעאָרעטישע פראַגען: צי סאָציאַליסטען דאַרפען אויף זיך נעמען די פאַר־אַנטוואָרטליכקייט צו באַטייליגען זיך אין דער מאַכט פון אַ בור־זשואַזע רעוואָלוציאָן.

אַזוי איז נעשטאַנען ד י „דאָבעלע אויטאָריטעט", וועלכע קאָן ניכער מיט רעכט אָנגערופען ווערען „די צוויי שוואַכקייט". די קאַ־פּיטאַליסטישע בורזשואַזיע האָט פאַרכאַפּט די אויטאָריטעט אין נאָמען פון אָרדנונג און פון מלחמה פאַר אַ זיעג, אָבער אָהן די סאָ־וויעטען ראַטען האָט זי ניט געקאָנט הערשען.

די ציניש׳ע און פּראָוואָצירענדע אויסערליכע פּאָליטיק פון מי־ליוקאָוו׳ען האָט פאַראורזאַכט אַ קריזיס. זעהענדיג גאַנץ דייטליך די פּאַניק אין די רייהען פון די בורזשואַזע פיהרער, ווען זיי האָבען פאַר זיך די פאַרפּלאָנטערטע פראַגען וועגען מאַכט, האָט די בור־זשואַזע פּאַרטיי זיך אָנגעפאַנגען צו באַנוצען מיט אונאַנשטענדיגע מעטאָדען: זיי האָבען נעסטראַשעט מיט אַ רעגיערונגס סטרייק, דאַס

הייסט, צו רעזיגנירען פון באַטייליגען זיך אין אויטאָריטעט; זיי האָבען געפאָדערט אז די סאָוויעטען ראטען זאָלען זיי געבען א גע־וויסע צאָהל באַטריגערישע סאָציאַליסטען, וועמעס אויפגאַבע אין קאָאַליציאָנס מיניסטעריום זאָל באַשטעהן אין פארשטארקען ביי די מאסען דעם צוטרויען צו דער רעגיערונג, און אויף אזא אופן פיהרען צו דער אָפּשאפונג פון דער „ראָבעלע אויטאָריטעט“.

ווען דער רעוואָלוער־אולטימאַטום איז געשטעלט געוואָרען, האָבען די מענשעוויקעס־פאַטריאָטען געאיילט צו באפרייען זיך פון יעדען שפּור פון מארקסיסטישען געדאנק געגען באַטייליגען זיך אין א בורזשואַזער רעגיערונג און האָבען אויפ'ן זעלבען וועג געבראכט די ארבייטער „פיהרער“ פון די סאָוויעטען, וועלכע האָבען זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וועגען פּרינציפּען אָדער מארקסיסטישע פּאָראור־טיילע. די רוסישע מענשעוויקעס־פאַטריאָטען האָבען טאַקע דערביי אָנגעריטעט, אז דער רוסישער מיניסטעריאַליזם האָט קיין געמיינ־שאַפטליכעס מיט דעם פראַנצויזישען און בעלגישען מיניסטע־ריאַליזם, זייענדיג א רעזולטאַט פון זעהר אויסערגעוועהנליכע אומ־שטענדען, ווי דאָס איז פאָראויס געזעהען אין דער רעזאָלוציאָן פון דעם אמסטערדאמער אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנ־גרעס. דאָך האָבען זיי בלויז איבערגע'חזר'ט, ווי א פּאַפּוגיי, די ארגומענטען פון בעלגישען און פראַנצויזישען מיניסטעריאַליזם, און זיי האָבען אַלץ געהאַלטען אין איי טענה'ן וועגען דעם „אויסערגע־וועהנליכען כאראקטער פון די אומשטענדען“. קערענסקי, אונטער וועמעס טעאַטראַלע פיגור איז דאָך דאָ א שפּור פון ווירקליכקייט, האָט זעהר ריכטיג באַצייכענט דעם רוסישען מיניסטעריאַליזם אין דער זעלבער קאַטעגאָריע מיט דעם מיניסטעריאַליזם פון מערב איי־ראָפּא, און אין זיין רעדע געהאַלטען אין העלסינגפאָרס, האָט ער געזאָגט, אז הויפּטזעכליך א דאנק איהם, קערענסקי'ן, האָבען די רוסישע סאָציאַליסטען געמאכט אזא פּראָגרעס אין צוויי מאָנאַטען וואָס האָט די סאָציאַליסטען פון מערב אייראָפּא געגומען צעהן יאָהר צו פּאַרווירקליכען. ס'איז אמת, מארקס איז ניט געווען

אומגעריכט, ווען ער האָט גערופען די רעוואָלוציאָן: דער לאָקאָמאָ־טיוו פון דער געשיכטע!

די קאָאליציאָנס רעגירונג איז פאראורטיילט געוואָרען פון דער געשיכטע איידער זי איז נאָך געגרינדעט געווארען. ווען זי זאָל געוועזן געגרינדעט ווערען באלד נאכדעם ווי דער צאַריזם איז פארנאנדערגעפאלען, אָלס אַן אויסדרוק פון דער „רעוואָלוציאָנערער איינינקייט פון דער נאציאָן", וואָלט זי מעגליך פאַר אַ געוויסע צייט געקאָנט אָפּהאלטען דעם אויסערליכען קאמף פון די קרעפטען פון דער רעוואָלוציאָן. אָבער די ערשטע רעגירונג איז געוועזן די גוטשקאָף - מיליוקאָף רעגירונג. מען האָט איהר ערלויבט צו עק־זיסטירען בלויז לאנג גענוג צו קאָנען ארויסצייגען די גאנצע פאלש־קייט פון „נאציאָנאלע איינינקייט" און צו ערוועקען דעם רעוואָלו־ציאָנערען ווידערשטאנד פון דעם פראָלעטאריאט געגען דער בור־זשואזער פראפאגאנדא, וואס איז אָנגעפיהרט געווארען צו פראסטי־טואירען די רעוואָלוציאָן אין די אינטערעסען פון אימפעריאליזם. דער זאָגענאנטער קאָאליציאָנס מיניסטעריום האָט אונטער די אומ־שטענדען ניט געקאָנט פארמיידען דעם אומגליק, ווייל זיין אייגענער שיקזאל איז געווען צו ווערען דער מיטעלפונקט פאַר שטרייטיגקיי־טען, צו ווערען די הויפּט קוועלע פון שפּאלטונגען און רייסערייען צווישען דער „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע". די פּאָליטישע עקזיסטענץ פון דעם מיניסטעריום — וועגען זיין „טעטיגקייט" ווע־לען מיר ניט רעדען — איז בלויז געווען אַ לאנגער טויט, איינגע־וויקעלט אין אַ סך שענע ווערטער.

צו קעמפּפען געגען דעם גאנצען דורכפאל פון דער עקאָנאָמי־שער און הויפּטזעכליך פון דער שפּייז פראגע, האָט די עקאָנאָמישע אפּטיילונג פון צענטראל קאָמיטעט פון די ארבייטער און סאל־דאטען ראטען אויסגעארבייט אַ פּלאַן פאַר אַ ברייטען סיסטעם פון שטאאט פארוואלטונג אין די וויכטיגסטע טיילען פון דער אינדוס־טריע. דער אונטערשיעד צווישען די מיטגלידער פון דער עקאָנאָ־מישער אפּטיילונג און די פּאָליטישע פארוואלטער פון דעם ארביי־

טער ראַט איז ניט געווען אַזוי פיעל אין זייערע פּאָליטישע שטרע־בונגען, ווי אין דער ערנסטער באַקאַנטשאַפט מיט דער עקאָנאָמי־שער לאַגע פון לאַנד. טאַקע צוליעב דער אורזאַכע זיינען זיי גע־קומען צו שליסע וואָס האָבען געטראָגען אַ גרינדליכען רעוואָלוציאָ־נערען כאַראַקטער. די איינציגע זאַך וואָס עס פעהלט זייער פּראָ־גראַם איז די טרייבענדע קראַפט פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק. די רעגירונג, וועלכע איז מערסטענס געווען אַ קאַפּיטאַליסטישע, האָט ניט געקאָנט געבען איהר צושטימונג צו אַ סיסטעם וואָס איז געווען דירעקט געווענדעט געגען די פּערזענליכע אינטערעסען פון די רייכע קלאַסען. אויב סקאָבעלעף, דער מיניסטער פון ארבייט, מיט זיינע פּאָרווירפע וועגען „הונדערט־מאָס רייד", האָט דאָס ניט פארשטאַנען, האָט דאָס אָבער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען דער ערנסטער און פעהיגער קאָנאָוואַלאָף, דער פאַרטרעטער פון ארבייט און אינ־דוסטריע.

זיין רעזיגנאַציאָן איז געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר דעם קאָאַליציאָנס מיניסטעריום. די גאַנצע בורזשואַזע פּרעסע האָט ניט געמאַכט קיין טעות, ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פאַקט. מען האָט זיך ווידער געגומען אויפרייצען די שרעקונגס־געפיהלען פון די איצטיגע פיהרער פון די סאָוויעטען ראַטען: די בורזשואַזיע האָט געסטראַשעט אַוועקצולעגען ביי זיי אונטער'ן טיר דאָס קינד פון אויטאָריטעט. די „פיהרער" האָבען דאַרויף גע־ענטפערט אויף אַזאַ אופן, אַזוי ווי קיין אויסערגעוועהנליכעס זאָל האָבען פּאַסירט. אויב דער פאַראַנטוואָרטליכער פאַרטרעטער פון קאַפּיטאַל האָט אונז פאַרלאָזען, לאָמיר איינלאַדען הערר בורישקין. אָבער בורישקין האָט זיך דורכאויס ענטזאַגט צו האָבען עפּעס צו טאָן מיט אָפּעראַציעס אויף דעם קערפּער פון פּריוואַט אייגענטום. און דאַמאַלס האָט מען אָנגעפאַנגען זוכען אַן אונאַפּהענגיגען מיניס־טער פון האַנדעל און אינדוסטריע, אַ מענש הינטער וועמען קיינער זאָל ניט שטעהן און וועלכער זאָל קאָנען דיענען אַלס אַן אונשעד־ליכער בריעף־קאַסטען, וואו די געגענזייטיגע פּאָדערונגען פון אר־

בייט און קאפיטאל זאָלען זיך קאָנען טרעפען. דערווייל זיינען די עקאָנאָמישע אויסגאבען געוואקסען אויף זייער חשבון און די רע־גירונגס טעטיגקייט איז באשטאנען הויפטזעכליך אין דרוקען באנק־נאָטען.

האָבענדיג די הערען לוואָוו און שינגאראָוו אלס העכערע מי־ניסטאָרען איבער זיך, האָט זיך ארויסגעצייגט, אז מען האָט טשער־נאָוו'ן אָפּגעהאלטען פון פארעפענטליכען, אויף דעם געביט פון אגראר פראגען, אפילו דעם ראדיקאליזם וואָס איז באשטאנען בלויז אין ווערטער. דאָס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר דעם סאָרט פארטרעטער פון דער קליין־בורזשואזיע. פארשטעהענדיג גוט די ראָלע וואָס מען האָט איהם איבערגעגעבען, האָט טשערנאָוו זיך פאָר־געשטעלט פאר דער געזעלשאפט ניט אלס דער פארטרעטער פון דער אגראר רעוואָלוציאָן נאָר פון די אגראר סטאטיסטיקס ! ווי די ליבעראלע בורזשואזיע האָט אויסגעניטשט, — און די סאָציאליס־טישע מיניסטאָרען האָבען די אויסטייטשונג אויף אָנגענומען, — דארפען די מאסען זיך צוריקהאלטען פון דער רעוואָלוציאָן און גע־דולדיג ווארטען ביז די קאָנסטיטואירענדע פארזאמלונג וועט צוזא־מענגערופען ווערען. אָבער אַזוי שנעל ווי די סאָציאליסטען רע־וואָלוציאנערען טרעטען אריין אין דעם מיניסטעריום פון די לאנד־איינענטימער און פאבריקאנטען, ווערען די אטאקעס נעגען דעם יעצטיגען פעאָדאלען לאנד־סיסטעם באצייכענט אלס אנארכיע.

אויף דעם פעלד פון אינטערנאציאָנאלער פאָליטיק איז דער דורכפאל פון די „פרידענס־פּראָגראמען", וועלכע זיינען ערקלערט געוואָרען פון דער קאָאליציאָנס רעגירונג, געקומען שנעלער און מיט א גרעסערען אומגליק ווי מען האָט געקאָנט ערווארטען. הערר ריבא, דער פרעמיער מיניסטער פון פראנקרייך, האָט ניט נאָר קא־טעגאָריש און אָהן צערעמאָניעס ענטזאגט די רוסישע פרידענס פאָ־דערונגען און מיט גאוה ערקלערט אז עס איז דורכאויס נויטווענדיג פאָרטצוזעצען די מלחמה ביז א „פאָלשטענדיגען זיעג", נאָר ער האָט אויך ענטזאגט די פאטריאָטישע פראנצויזישע סאָציאליסטען צו

נעבען זיי פאַספּאָרטען צו דער סטאָקהאָלם׳ער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאַררופען געוואָרען אין צוזאמענהאנג מיט הערר ריבאָ׳ס מי־ניסטאָרען און עליעס, די רוסישע סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען. די איטאַליענישע רעגירונג וועמעס פּאָליטיק פון פּאַרכאַפּען קאָלאָ־ניעס האָט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט איהר באַזונדערער שעמלאָזיגקייט, מיט איהר „הייליגער אייגענליעבע", האָט געענט־פערט אויף דער פאָדערונג וועגען א „פריערען אָהן אנעקסיאנען" מיט א באַזונדער אַנעקסיאָן פון אַלבאַניען. אונזער רעגירונג, איינ־געשלאָסען די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען, האָט פאַרהאַלטען צוויי וואָכען דאָס פאַרעפענטליכען פון די ענטפערס פון איהרע עליעס, גלויבענדיג וואַרשיינליך אין דער מעגליכקייט פון פאַרמיידען דורך אַזעלכע קלענליכע מיטלען דעם באַנקראָט פון זייער פּאָליטיק. מיט איין וואָרט, די פראגע וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון רוסלאנד, דאָס הייסט, די פראגע פאר וואָס דער רוסישער סאָלדאט זאָל זיין גרייט צו קעמפען און צו שטארבען איז פונקט אַזוי שארף ווי אין דעם טאָג, ווען דער אמט פון דעם מיניסטער פון אויסערן איז ביי מיליוקאָוו׳ן אוועקגענומען געוואָרען.

אין דער אָפּטיילונג פון דער ארמעע און פלאָטע, וועלכע שלינגט נאָך אַלץ איין א היבשען חלק פון דער נאַציאָנאַלער מאכט און פון די נאציאנאלע אוצרות פאַרנעמט די פּאָליטיק פון פּראַזע און שענע רייד א אנגעזועהענעם פּלאַץ. די עקאָנאָמישע און פּסי־כאָלאָגישע אורזאכען פאר דעם בכבוד׳ען ארט, וואָס די ארמעע פאַר־נעמט, זיינען צו טיעף אָז מען זאָל זיך קאָנען באַפרייען פון דער פּראַזע און פון די שענע רייד וועגען מיניסטעריומס. דאָס אוועק־זעצען פון גענעראַל ברוסילאָוו אויף דעם פּלאַץ פון גענעראַל אַלעק־סעיעוו מיינט אָהן ספק צו בייטען די צוויי בעאמטע, אָבער ניט קיין ענדערונג אין דער ארמעע. דאָס צוגרייטען דעם אַלגעמיינעם געדאנק און די ארמעע צו אַן „אָפענסיווע", און נאכהער פּלוצלונג אוועקוואַרפען דיזען שלאָג־וואָרט צום גונסטען פון א מעהר פאַר־

שטעלטען שלאָג־וואָרט וועגן א „צוגרייטונג פאר אן אָפענסיווע", צייגט אז דאָס מיניסטעריום פון דער ארמעע און פלאָטע איז אזוי וועניג פעהיג צו פיהרען דאָס פאָלק צו א זיעג, ווי הערר טערעש־טשענקא *) איז געווען פעהיג צו פיהרען דאָס פאָלק צו פריעדען.

דאָס בילד פון אונפעהיגקייט פון דער פראָוויזאָרישער רעגי־רונג האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע אין דער טעטיגקייט פון דעם מיניסטעריום פון אינערן, וועלכער, לויט דעם אויסדרוק פון מאנכע טרייע דעלעגאטען פון דעם פויערים ראט, האָט אויף א „פארטייאישען אופן" אויסגעפילט די עמטער פון דער לאָקאלער אדמיניסטראַציע מיט פעאָדאלע לאנד־אייגענטימער. די אנ־שטרענגונגען פון דער אקטיווער טייל פון דער באפעלקערונג האָ־בען זיי געהאלפען אוועקשטעלען אן אָרטיגע זעלבסט־רעגירונג, גע־שטיצט אויף דאָס רעכט פון זיעג. ניט וועלענדיג ווארטען אויף דער קאָנסטיטואירענדער פארזאמלונג האָט מען די טאטען פון דער טייל פון דער באפעלקערונג באצייכענט, אויף דער פאָליציי־שפראך פון די דאן'ס, אלס א נ א ר כ י ע, און מען האָט זיי באגעגנט מיט אן ענערגישער אָפּאָזיציע פון דער רעגירונג, וועלכע האָט זיך אליין גוט פארהיטען געגען יעדען ענערגישען טאט, וואָס האָט אין אמת'ען געמעגט טראָגען א שאפענדען כאראקטער.

אין פארלויף פון דער לעצטער צייט האָט די פאָליטיק פון דעם אלגעמיינעם באנקראָט געפונען א שטארקען אויסדרוק אין דעם קראָנשטאדט אינצידענט. די נידערטרעכטיגע און העכסט אונפאר־שעמטע פראָפּאגאנדא וואָס די בורזשואזיע האָט אָנגעפיהרט אין דער פרעסע געגען קראָנשטאדט, די שטאָדט, וועלכע איז פאר זיי דער צייכען פון רעוואָלוציאָנערען אינטערנאציאָנאליזם און פון דעם מיסטרויען צו דער קאָאליציאָנס רעגיערונג. דער רעוואלוציאנערער אינטערנאציאנאליזם און דער מיסטרויען צו דער קאָאליציאָנס־

*) טערעשטשענקא האָט פארנומען דעם אמט פון אויסערן־מיניס־טער אין קערענסקי'ס קאבינעט.

רעגירונג זיינען סימנים פון דער אונאפהענגיגער פּאָליטיק פון די גרויסע פאָלקס מאסען, וועלכע האָבען ניט בלויז באהערשט די רעגירונג און די פיהרער פון די סאָלדאטען און ארבייטער ראטען, נאָר זיי האָבען אויך נעשטעמפעלט צערעטעלי און סקאבעלעוו אלס די פיהרער פון די עקעלהאפטע פארפאָלגונגען געגען די קראָנשטאדטער מאטראָזען, סאָלדאטען און ארבייטער.

אין א מאָמענט ווען דער רעוואָלוציאָנערער אינטערנאציאָנאליזם האָט סיסטעמאטיש פארנומען דעם פּלאץ פון דעם פּאטריאָטישען סאָציאליזם אין די פאבריקען און ווערקשטאטען, און צווישען די סאָלדאטען אויפ'ן פראָנט, האָבען די סאָציאליסטע אין דעם מיניסטעריום, פאָלגענדיג זייערע בעלי בתים, ריזיקירט דעם געפערליכען שפּיעל ארונטערצוואווארפען מיט איין קלאפּ דעם אוואנגארד פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאט, און אויף אזא אופן צוגעגרייט דעם „פּסיכאָלאָגישען מאָמענט" פאר דעט צוזאמענפאָהר פון דעם אל־רוסישען קאָנגרעס פון די סאָלדאטען און ארבייטער־דעפּוטאטען. *צוזאמענצוקלייבען די פּויערישע־קליין־בורזשואזע דעמאָקראטיע ארום דער פאָהן פון בורזשואזען ליבעראליזם,* צוזאמענצוקלייבען זיי ארום דעם ענגליש־פראנצויזישען און אמעריקאנישען קאפּיטאל, *פּאָליטיש אפּזונדערען און „דיסציפּלינירען" דעם פּראָלעטאריאט,* — דאָס איז יעצט די הויפּט אויפגאבע וואָס די מענשעוויקעס און סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געשטעלט איז זיי ווענדען אָן זייער גאנצע ענערגיע דאָס צו רצ־ווירקליכען. א וויכטיגע טייל פון דער פּאָליטיק קאָן מען זעהען אין דעם שענדליכען סטראשען מיט בלוטיגע פארפאָלגונגען און מיט פּראָוואָקאציעס דורך עפּענטליכע געוואלט־טאטען. די גסיסה פון דעם קאָאליציאָנס מיניסטעריום האָט זיך אנגעפאנגען דעם זעלבען טאָג, ווען דאָס מיניסטעריום איז געבוירען געוואָרען. דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאליזם דארף טאָן אלעס אין זיינע קרעפטען צו פארהיטען, אז

די נסיסה זאָל זיך ניט פארוואנדלען אין א קאָנוואולסיע פון א בירגער־קריעג.

דער איינציגער מיטעל דערצו איז ניט די פּאָליטיק פון נאָכ־געבען און וועלען פארמיידען רייבערייען, וואס פארשארפט בלויז דעם אפּעטיט פון די פריש־נעבאקענע שטאאטס־לייט, נאָר גיכ־נער א פּאָליטיק פון אננרייפענדע טאטען אויף דער גאנצער ליניע.

מיר טאָרען זיי ניט ערלויבען זיך אָפּצוזונדערען: מיר מוזען זיי אָפּזונדערען. מיר מוזען ענטפערן אויף די אפּשטויסענדע און שענדליכע טאטען פון דער קאָאליציאָנס רעגירונג אזוי, דאָס עס זאָל אפילו פאר די אָפּגעשטאָנענע ארבייטער מאסען ווערען קלאָר דער צוועק פון דעם פיינדליכען פארבאנד וואָס באהאלט זיך אין די אויגען פון דער גנזעלשאפט אונטער דער מאסקע פון רעוואָ־לוציאָן. גענען די מעטאָדען פון די רייכע קלאסען און פון זייערע נאָכשלעפּער, די מענשעוויקעס־סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיי ווילען אָנווענדען בנוגע די פראגען פון שפּייז, פון אינדוס־טריע, פון לאנד, פון מלחמה, מוזען מיר ארויסשטעלען די מעטאָדען פון דעם פּראָלעטאריאט. בלויז אויף אזא אופן קאָן דער ליבערא־ליזם אָפּגעזונדערט ווערען, בלויז אויף אזא אופן קאָן דער רעוואָלו־ציאָנערער פּראָלעטאריאט קריגען א הערשענדען איינפלוס אויף אויף דער שטאָדטישער און דאָרפישער באפעלקערונג. צוזאמען מיט דעם פאלען פון דער יעצטיגער רעגירונג וועלען אויך פאלען די איצטיגע פיהרער פון די ארבייטער און סאָלדאטען ראטען. בלויז אין דער קראפט פון דער מינאָריטעט פון די סאָוויעטען ליגט די מעגליכקייט אָנצוהאלטען די אויטאָריטעט פון די סאָוויעטען אלס א פארטרעטערשאפט פון דער רעוואָלוציאָן, צו פארזיכערען פאר די סאוויעטען זייערע ווייטע־־ינע פונקציאָנען אלס א פיהרענ־דע מאכט. דאָס וועט ווערען קלאָרער יעדען טאָג. די צייט פון „צוויי שוואכקייטען", — ווען די רעגירונג איז ניט פעהיג און די סאָוויעטען ראטען האָבען ניט דעם מוט, — פיהרט אונפארמיידליך

צו אזא גרויזאמען קריזיס, וואס איז נאָך ניט געהערט געווארען. עס איז אונזער אויפגאבע צו פאראייניגען אונזערע קרעפטען פאר דיזען מאָמענט אזוי, דאָס די פראגע וועגען אויטאָריטעט זאָל גע־לייזט ווערען אויף אַ געהעריגען אופן.

פארטיידיגונגס־מלחמות.

אנמערקונג:

ווען חוגאָ חאַזע האָט דעם 4טען אויגוסט, 1914 געמאכט די באַריחמטע ערקלערונג אין רייכסטאג אין נאָמען פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז דאָס געווען דער ערשטער סיגנאל פון באנקראָט פון דעם צווייטען אינטערנאציאנאל. די דייטשע סאציאַל־דעמאָקראטיע, וועלכע איז באַטראַכט געווארען אלס דער שפּיעגעל פון דער אינטערנאציאנעלר סאציאליסטישער באוועגונג, האָט געשטימט פאַר דעם מלחמה בודזשעט, ערקלערענדיג, אז אין אַ מאָמענט פון געפאהר וועלען זיי האַלטען זייער פאַרשפּרעכען און קומען צו הילף דעם פאַטערלאַנד. אנשטאָט צו שטעלען זיך די פראַגע צי די מלחמה וועט ברענגען נוצען אָדער שאָדען דער אַרבייטער זאַך, האָט ביי זיי די פראַגע וועגען „העלפען דעם פאַטערלאנד” פארנומען דעם אויבען־אָן.

אָבער אין די היינטיגע היסטאָרישע אומשטענדען האָט דער ארבייטער קלאַס קיין אינטערעס ניט צו פארטיידיגען דאָס אָפּגעלעבטע נאַציאָנאלע „פאַטערלאנד”, וועלכעס איז געוואָרען די הויפּט שטערונג פאַר דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג.

טראָצקי זעהט פאַר זיך אַנדערע אויפגאַבען פאר׳ן פּראָלעטאַריאַט. ער דענקט, אז די אויפגאבע פון ארבייטער קלאַס איז צו שאפען א מעכטיגעס פאַטערלאנד, מיט אַ גרעסערער מאַכט פון ווידערשטאַנד — צו שאַפען די רעפּובליקאַנער פאראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּא אלס דעם פונדאמענט פאר די פאראייניגטע ארבייטער רעפּובליקען פון דער וועלט.

דאָס געשריי וועגען פאַרטיידיגונגס מלחמות באַטראַכט טראָצקי בלויז אלס מיטעל פון דער בורזשואַזיע אַריינצוציהען די פאָלקס־מאַסען אין קריעג. די וועלט־מלחמה האָט איהם קלאָר איבערצייגט, אז ס׳איז ניטאָ אַזאַ מאָס, וואָס זאָל קענען אָפּגרעניצען וואו עס פאנגט זיך אָן אַ פארטיידיגונגס קריעג און וואו עס ענדיגט זיך אן אָפּענסיווע מלחמה. דער פאקט איז געווען, דאָס יעדע קריעגס־פיהרענדע לאַנד האָט ארויסגעלאָזט א באזונדערען בוך, אין וועלכען זי האָט זיך באמיהט צו באווייזען, אז זי איז אין דער מלחמה ניט שולדיג, אז זי האָט זיך בלויז געפונען אין א פארטיידיגונגס פּאָזיציע.

די צוויי קאַפּיטלען פון דעם בוך — „פּארטיי־דיגונגס מלחמות" און „קאַפּיטאַליסטישע מלחמות" האָט טראָצקי אָנגעשריבען באלד נאָך דעם ווי די וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעפאנגען און א סך פריהער, איידער עס האָט אויסגעבראכען די רוסישע רעוואלוציאן. אין די צוויי קאַ־פּיטלען האָט טראָצקי פעסטגעשטעלט אידעען און ארויסגעזאָגט מיינונ־גען, וועלכע האָבען איהם געדיענט אלס וועג־ווייזער אין די פראגען פון קריעג, פריעדען און רעוואָלוציאן.

אָבער דער גייסט וואס שטראַהלט פון די געדאנקען איז ניט בלויז טראָצקי'ס. דאָס איז אויך דער גייסט פון די באָלשעוויקעס, דער גייסט פון דעם רויטען לינקען פליעגען פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין דעם נייעם רוסלאנד. ניין, ניט בלויז פון די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד, נאָר דאָס איז אויך דער גייסט פון דעם גאַנצען רעוואָלוציא־נערען אינטערנאציאנאל. אין טראָצקי'ס שטימע הערט זיך דאָ ניט בלויז דער גייסט פון רוסלאַנד, נאָר דאָס הערט זיך די שטימע פון זי־כערהייט, פון אויטאָריטעט — דאָס איז דער גייסט פון דער וועלט־רע־וואָלוציאן.

פאַרטיידיגונגס מלחמות.

„וואָס מיר דאַרפען איצט טאָן איז צו באזייטיגען אָט די געפאהר (דעם רוסישען דעספּאָטיזם) און צו פארזיכערען די קולטור און אונאַפּהענגיגקייט פון אונזער לאנד. אויף אזא אופן וועלען מיר האַלטען אונזער וואָרט און מיר וועלען טאָן דאָס וואָס מיר האָבען אימער פאַרשפּראָכען: אז מיר וועלען אין אַן עת צרה ניט פאַרלאָזען אונזער פאטערלאנד... שטיצענדיג זיך אויף די פּרינציפּען, שטימען מיר פאַר די מלחמה אויסגאַבען“.

דאָס איז געוועזען די ערקלערונג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראקציע, וועלכע איז פאָרגעלעזען געוואָרען פון האַזע אין רייכסטאַג ביי דער זיצונג פון 4טען אויגוסט.

דאָ ווערט בלויז דערמאָנט די פאַרטיידיגונג פון פאטערלאנד. קיין וואָרט ווערט ניט געזאָגט וועגען דער באַפרייאונגס מיסיאָן פון דער מלחמה צום נוצען פון די רוסישע פעלקער, וועלכע מען האָט שפּעטער באַזונגען אין דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע. די לאָגיק פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּרעסע איז אָבער ניט געווען אויסגעהאַלטען אין איהר פּאַטריאָטיזם. אין דער צייט וואָס זי האָט געמאַכט אַ פאַרצווייפעלטען פאַרזוך פאָרצושטעלען די מלחמה אַלס אַ ריין פאַרטיידיגונגס קריעג, צו באַוואָרענען די זיכערהייט פון דייטשלאנד׳ס טעריטאָריע, האָט זי אויף פאָרגעשטעלט דיזעלבע מלחמה אַלס אַ רעוואָלוציאָנערען אָנגרייפענדען קריעג, וועלכער ציעלט צו באַפרייען רוסלאנד און איירָאָפּאַ פון דעם צאַריזם.

אָבער וואָס איז מכח דעם פאַרטיידיגונגס כאַראַקטער פון דער מלחמה?

וואָס אונז איבערראשט אין דער דעקלאַראַציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אם מעהרסטען, איז גראָדע ניט אזוי דאָס, וואָס איז דאָרט געזאָגט געוואָרען, ווי דאָס וואָס די דעקלאַראַציע פארבעהאלט און דערזאָגט ניט. נאכדעם ווי האלוועג האָט שוין אנאָנסירט אין רייכסטאג וועגען דער פארגוואלטיגונג פון דער נייטראַליטעט פון בעלגיען און לוקסעמבורג אלס א מיטעל צו אטאַקירען פראנקרייך, דערמאָנט האאזע ניט קיין איין וואָרט וועגען דעם. אָט די פארשווייגונג איז אזוי מיאוס, אז מען קען ניט בייזשטעהען דעם נסיון דורכצולעזען די דעקלאַראַציע א צווייטען מאָל און א דריטען מאָל. עס איז אָבער אומזיסט. די דעקלאַראַציע איז געשריבען געוואָרען עפּעס אזוי ווי בעלגיען, פראנקרייך און ענגלאנד וואָלטען קיין מאָל ניט עקזיסטירט אויף דער פּאָליטישער לאנד־קארטע פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פאקטען הערען אָבער ניט אויף צו פארבלייבען פאקטען, בלויז דערפאר וואָס פּאָליטישע פארטייען מאכען זיך ניט זעהענדיג זיי. און יעדער מיטגליעד פון דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט א רעכט צו פרעגען גענאָסע האאזע, „וואָס פאר א טייל פון די פינף ביליאָן, פאר וועלכע די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע האָט געשטימט איז געמיינט געוואָרען פאר דער פארניכטונג פון בעלגיען?“ עס איז גאנץ מעגליך, אז אום צו באשיצען דייטשלאנד פון רוסישען דעספּאָטיזם איז געווען אונמעגליך ניט צו דערשטיקען בעלגיען. ווארום אָבער שווייגט וועגען דעם די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פראַקציע?

די אורזאכע איז קלאָר. די ענגלישע ליבעראַלע רעגיערונג אין איהר פארזוך צו מאכען די מלחמה פּאָפּולער צווישען די מאסען, האָט באַגרינדעט איהר אפּיעל אויסשליסליך אויף דער נויטווענדיגקייט צו באשיצען די אונאָפּהענגיגקייט פון בעלגיען און די גאנצקייט פון פראנקרייך, און האָט אין גאנצען איגנאָרירט איהר בונד מיט'ן רוסישען צאַריזם.

אויף'ן זעלבען אופן און צוליעב די זעלבע אורזאַכען רעדט די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע נעגען צאַריזם, אָבער זי דערמאָנט ניט בעלגיען, פראַנקרייך און ענגלאַנד. דאָס אַלעס איז נאַטירליך ניט אַזוי שען פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע פון צאַריזם, עס איז אָבער אויך גאַנץ טרויעריג, אַז די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע זאָל מקריב זיין איהר גוטען נאָמען און רופען צו קריעג געגען צאַריזם. לאַסאַל האָט געזאָגט אַז יעדע גרויסע פּאָליטישע אַקציאָן דאַרף זיך אַנפאַנגען מיט אַן ערקלערונג פון דעם צושטאַנד ווי ער איז. וואָרום הויבט זיך אָבער אָן די פאַרטיידיגונג פון פאַטערלאַנד מיט אַ פאַרשעמטען שטיל־שווייגען וועגען די באַדינגונגען ווי זיי זיינען ? אָדער אפשר האָט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געדענקט, אַז דאָס איז ניט געוועזען קיין „גרויסע פּאָליטישע אַקציאָן"?

יעדענפאַלס, דער באַגריף וועגען פאַרטיידינען דאָס פאַטערלאַנד איז זעהר אַ ברייטער און לאָזט זיך פאַרנאַנדערציהען. דער וועלט־אומגליק האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט עסטרייך'ס אולטימאַטום צו סערביען. עסטרייך, נאַטירליך, האָט זיך געשטיצט אויף דער נויטווענדיגקייט פון פאַרטיידינען איהרע גרענעצען געגען דעם אונרוהיגען שכן. עסטרייך'ס שטיצע איז געוועזען דייטשלאַנד. און דייטשלאַנד, פון איהר זייט, ווי מיר ווייסען, איז געטריבען געוואָרען דערצו דורך די נויטווענדיגקייט צו פאַרזיכערען איהר אייגענעם שטאַאַט. „עס וואָלט געוועזען אַן אונזין צו גלויבען", — שרייבט לודוויג קוועססעל וועגען דעם, — „אַז איין וואַנט זאָל קענען אויסגעריסען ווערען פון דעם קאָמפּליצירטען הויז (איירָאָפּאַ) און ניט שטעלען אין געפאַהר די גאַנצע געביידע".

דייטשלאַנד האָט אָנגעפאַנגען איהר פאַרטיידיגונגס מלחמה מיט אַן אַטאַקע אויף בעלגיען, אונטער דעם אויסרייד אַז די פאַרגוואַלטיגונג פון בעלגיען'ס נייטראַליטעט איז בלויז אַ מיטעל דורכצוברעכען זיך קיין פראַנקרייך דורך דער ליניע, וואו דער ווידערשטאַנד איז אַם קלענסטען. די מיליטערישע נידערלאַגע

פון פראנקרייך האָט אויך געזאָלט הייסען בלויז א סטראטעגישער שריט צו דער פארטיידיגונג פון פאטערלאנד.

פאַר מאנכע דייטשע פאטריאָטען האָט די ערקלערונג ניט אויסגעזעהען גאָר גלאט, און זיי האָבען געהאט גוטע גרינגדע ניט צו גלויבען עס. זיי האָבען פארדעכטיגט אן אורזאכע וועלכע האָט זיך געפאסט בעסער צו דער ווירקליכקייט. רוסלאנד, אָנפאנגענדיג א נייע עפּאָכע פון מיליטערישע פארברייטונג, וואלט געוועזן א פיעל גרעסערע געפאהר פאר דייטשלאנד אין א צוויי, דריי יאָהר ארום ווי זי איז דאן געוועזן. דערווייל וואָלט פראנקרייך געהאט פארווירקליכט איהר 3 יאָהריגע ארמעע רעפאָרמע. איז עס דאריבער ניט קלאָר, אז אן אינטעליגענטע זעלבסט פארטיידיגונג האָט געפאָדערט, דאָס דייטשלאנד זאָל ניט ווארטען ביז זי וועט אטאקירט ווערען פון איהרע שונאים, נאָר זאָל דאָס פּראָוויסזעהן מיט א צוויי יאָהר פריהער און זאָל גלייך אנפאנגען די אָפענסיווע. און איז עס אויך ניט קלאָר אז אזא פארטיידיגונגס מלחמה, אבזיכטליך פראוואצירט פון דייטשלאנד און עסטרייך, מיינט אין דער ווירקליכקייט צו פארמיידען א פארטיידיגונגס קריעג?

ניט זעלטען ווערען די צוויי שטאנדפונקטען פארבונדען אין איין ארגומענט. לאָמיר צוגעבען אז עס איז דאָ צווישען זיי א שטיקעל ווידערשפּרוך. איין שטאנדפונקט ערקלערט, אז דייטשלאנד האָט ניט געוואָלט מלחמה איצט, נאָר אז דער קריעג איז אויף איהר ארויפגעוואָרפען געוואָרען פון דעם „דריי בונד", און לויט דעם צווייטען שטאנדפונקט האָט דייטשלאנד גענומען די איניציאטיווע ארויסצורופען די מלחמה אין דעם איצטיגען מאָמענט, ווייל פאר דער „אנטאנט" (דער „דריי בונד") איז איצט די צייט געוועזן אונגינסטיג פאר א מלחמה. אָבער וואָס מאכט עס אויס אויב עס איז דאָ א ווידערשפּרוך? דאָס קען גאנץ גרינג באזייטיגט ווערען און געשליכטעט ווערען אזוי, אז עס זאָל אלץ אויסקומען אז דאָס איז א פארטיידיגונגס מלחמה.

אָבער די קריעגס פיהרענדע פון דער אנדער זייט האָבען

באַשטריטען די גינסטיגע פּאָזיציע פון זײן אויף דער רעפּענסיװער זײט, װעלכע דײטשלאַנד האָט געזוכט אָנצוהאַלטען און זײ האָבען דאָס געטאָן מיט גרויס ערפאָלג. פראַנקרייך האָט ניט געקענט ערלויבען אַ נידערלאַגע פאַר רוסלאַנד אין די אינטערעסען פון איהר אײגענער זעלבסט־פאַרטײדיגונג. ענגלאַנד האָט אָנגעגעבען אַלס אַ תירוץ פאַר איהר אַרײנמישען זיך די באַלדיגע געפאַהר פון די בריטאַנישע אינזלען דורך אַ פאַרשטאַרקונג פון דײטשלאַנד׳ס פּאָזיציע לעבען דעם אַרײנגאַנג פון קאַנאַל. רוסלאַנד, ענדליך, האָט אויך גערעדט װעגען זעלבסט־פאַרטײדיגונג. עס איז אמת, אַז קײנער האָט ניט געדראָהעט די רוסישע טעריטאָריע. אָבער נאַציאָנאַלע פאַרמעגענס, דאַרפט איהר װיסען, באַשטעהען ניט בלויז אין טעריטאָריעס, נאָר אין אַנדערע אונפּיהלבאַרע זאַכען, צװישען זײ, דער אײנפלוס איבער שװאַכערע שטאַאַטען. סערביען געפינט זיך אין דעם קרײז פון רוסישען אײנפלוס און דיענט דעם צװעק פון אױפהאַלטען די גלײכגעװיכט פון מאַכט אויף די באַלקאַנען, און ניט בלויז די גלײכגעװיכט פון מאַכט צװישען די באַלקאַנער שטאַאַטען, נאָר צװישען דעם רוסישען און עסטרײכישען אײנפלוס. אַן ערפאָלגרײכער עסטרײכישער אַנגריף אויף סערביען דראָהט צו שטערען די גלײכגעװיכט פון מאַכט צום גונסטען פון עסטרײך, און דאַריבער האָט דאָס געמײנט אַן אינדירעקטער אַנגריף אויף רוסלאַנד. סאַזאָנאָװ האָט אָהן צװײפעל געפונען זײן שטאַרקסטען אַרגומענט אין קװעססעל׳ס װערטער „עס װאָלט געװען אַן אונזין צו גלויבען, אַז אײן װאָנט קען אװעקגעריסען װערען פון אַ העכסט קאָמפּליצירטער הויז (אײראָפּא) ניט שטערענדיג אין געפאַהר די זיכערהײט פון דער גאַנצער געבײדע”.

עס איז איבריג צוצוגעבען אַז סערביען, מאָנטענעגראָ, בעלגיען און לוקסעמבורג — האָבען אויך געקענט ברענגען באַװײזע װעגען דעם פאַרטײדיגונגס כאַראַקטער פון זײער פּאָליטיק. אויף אַזאַ אופן זײנען אַלע לענדער געװען אויף דער רעפּענסיװע און קײן אײנע איז ניט געװען די אַנגרײפענדע. נאָר אויב דאָס איז דער

פאַל, טאָ וואס א זין האָבען ד' טענות וועגען א פארטיידיגונגס און אַנגרייפענדער מלחמה, וואס איינער שטעלט ארויס געגען דעם צווייטען ? די מאַס וואָס ווערט אָנגעווענדעט אין אזעלכע פעלע איז זעהר פארשידען און איז ניט זעלטען אונמעסטבאר.

די היסטאָרישע ראָליע פון דער מלחמה איז פאר אונז סאָציאַ־ליסטען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. האָט די מלחמה געהאָל־פען פאָרבעררייטען די שאַפענדע קרעפטע און די שטאאט אָרגאני־זאציאָנען און האָט אונטערגעאיילט די קאָנצענטראציע פון די קרעפטען פון ארבייטער־קלאַס ? אָדער איז דאָס פארקערט, וועט עס דיענען אַלס א שטערונג ? אָט די מאטעריאַליסטישע אָפּשאַ־צונג פון מלחמות שטעהט העכער פון אַלע פאָרמאַלע און אויסער־ליכע מיינונגען און האָט אין איהר נאַטור קיין פארבינדונג מיט דער פראגע וועגען אנגריף און פארטיידיגונג. און דאָך באצייכ־כענען צייטענווייז אָט די פאָרמאַלע אויסדריקע וועגען מלחמה מיט מעהר אָדער ווייניגער אמת די ווירקליכע באדייטונג פון קריעג. ווען ענגעלס האָט געזאָגט אז די דייטשען האָבען געפיהרט א פארטיידיגונגס קריעג אין 1870, האָט ער צום ווייניגסטענס געהאט אין זינען אלע באלדיגע פאָליטישע און דיפּלאָמאטישע אומ־שטענדען. דער ענטשיידענדער פאקט פאר איהם איז געווען, אז דייטשלאנד האָט געקעמפט פאר דאָס רעכט פון נאציאָנאלע איינהייט, וואָס איז געווען א וויכטיגע באדינגונג פאר דער עקאָנאָ־מישער ענטוויקלונג פון לאנד און פאר דער סאָציאַליסטישער פאראייניגונג פון פראָלעטאריאט. אין דעם זעלבען זין האָבען די קריסטליכע פעלקער פון די באלקאנען אָנגעפיהרט א פארטיידינונגס קריעג געגען טערקיי, קעמפענדיג פאר זייער רעכט פון אונאפּהענ־גיגע נאציאנאלע ענטוויקלונג געגען פרעמדע הערשאפט.

די פראגע וועגען די אינטערנאציאנאלע פּאָליטישע אומ־שטענדען וואס האָבען געפיהרט צו דער מלחמה האָט ניט צו טאָן מיט דער באדייטונג פון דער מלחמה, פון א היסטאָריש־מאטעריאליסטישען שטאנדפונקט. די דייטשע

מלחמה געגען דער באָנאַפּארט דינאַסטיע איז געווען היסטאָריש אונפארמײדליך. אין יענער מלחמה איז דאָס רעכט פון ענטוויק־לונג געווען אויף דער זײט פון די דײטשען. דאָך האָבען יענע היסטאָרישע טענדענצען, מיט זיך אַלײן, ניט פאָראויסבאַשטימט די פראַגע וועגען דעם, וועלכע פּארטײ איז געווען פאַראינטערע־סירט אין אַרויסרופען די מלחמה גראַדע אין דעם יאָהר 1870. מיר ווײסען איצט גאַנץ גוט אז ביסמארק'ן האָבען באַוואוינען אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק און מיליטערישע אויסזיכטען צו נעמען די ווירקליכע איניציאַטיווע אין דער מלחמה. עס האָט אָבער געקענט פאַסירען פונקט פאַרקערט. מיט מעהר פאָרזיכטיגקייט און ענערגיע האָט די רעגירונג פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען געקענט פאַרכאַפּען דעם וועג פון ביסמארק'ן און זי וואָלט אָנגעהויבען די מלחמה מיט עטליכע יאָהר פריהער. דאָס וואָלט גרינדליך געענ־דערט די נאָהנטע פּאָליטישע אויסזיכטען פון די פאַסירונגען, אָבער דאָס וואָלט ניט געמאַכט קײן אונטערשיעד אין דער היסטאָ־רישער אָפּשאַצונג פון דער מלחמה.

דער דריטער אין דער רײהע איז דער פאַקטאָר פון דיפּלאָ־מאַטיע. דיפּלאָמאַטיע האָט דאָ צו ערפילען אַ צווײפאַכע אויפ־גאַבע. ערשטענס מוז זי אַרויסרופען מלחמה אין דעם מאָמענט וואָס איז אם גינסטיגסטען פאַר איהר אײגען לאַנד,—פון אַ אינטער־נאַציאָנאַלען אַזוי גוט וויא פון אַ מיליטערישען שטאַנדפּונקט. צווײטענס, מוז זי זיך באַנוצען מיט מעטאָדען, וועלכע וועלען פאַר דער געזעלשאַפטליכער מײנונג אַרויפוואַרפען די פאַראַנטוואָרטליכ־קײט פאַר דעם בלוטיגען צוזאַמענשטויס אויף דער פײנדליכער רעגירונג. אײנע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבען פון סאָציאַליס־טישער פּאָליטישער אַגיטאַציע איז אויפצואווײזען דעם דיפּלאָמאַ־טישען שווינדעל, באַטרוג, און די אונעהרליכקײט. עס מאַכט ניט אויס ווי ווײט עס וועט אונז געלינגען אין דעם, עס איז אָבער קלאָר, אז די נעץ פון דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס קען, אָן און פאַר זיך, ניט האָבען קײן באַדײטונג סײ בנוגע צו דער היסטאָרישער ראָלע פון

דער מלחמה און סיי בנוגע די אמת'ע איניציאטארס פון קריעג. ביסמארק'ס כיטרע מאנעווורעס האָבען געצוואונגען נאפּאָלעאָן דעם דריטען צו ערקלערען קריעג צו פּרייסען, כאָטש די ווירקליכע איני־ציאטיווע איז געקומען פון דער דייטשער זייט.

דאן קומט דער ריין־מיליטערישער בליק. דער סטראטעגישער פּלאן פין אָפּעראציאָנען קען אויסגערעכענט ווערען היפּטזעכליך פאר א פארטיידיגונג אָדער אנגריף, ניט רעכענענדיג זיך דערמיט, וועלכער צד האָט ערקלערט די מלחמה און אונטער וועלכע אומ־שטענדען. ענדליך, די ערשטע האנדלונגען, אין אויספיהרען דעם סטראטעגישען פּלאן, שפּיעלען ניט זעלטען א גרויסע ראָליע אין אָפּשאַצען, אויב דער קריעג איז א פארטיידיגונגס אָדער אן אנגריי־פענדע מלחמה.

„עס איז גוט", — האָט ענגעלס געשריבען צו מארקס'ן, דעם 31טען יולי, 1870, — „וואָס די פראנצויזען האָבען אָנגענגריפען די ערשטע אויף'ן דייטשען באָדען. אויב די דייטשען וועלען צוריקשטויסען דעם איבערפאל און וועלען דערנאָך אריינדרינגען אין פראנצויזישע טעריטאָריע, דאן וועט עס זיכער ניט מאכען דעם זעלבען איינדרוק, ווי אין דעם פאל, ווען די דייטשען וואָלטען אריינגעמארשירט אין פראנקרייך אָהן א פריהערדיגען אָנפאל. ווי עס איז, פארבלייבט די מלחמה, אויף'ן פראנצויזישען באָדען, מעהר באָנאפּארטיש".

אָט אזוי זעהען מיר דורך דעם קלאסישען ביישפּיעל פון דער פראנצויזיש־פּרייסישער מלחמה, אז די מאָס אורצוטיילען, אויב א מלחמה איז א דעפענסיווע אָדער אנגרייפענדע איז פול מיט ווידערשפּרוכען, ווען צוויי נאציאָנען קומען אין צוזאמענשטויס. היינט וויפיעל מעהר ווידערשפּרעכענד, ווען דער צוזאמענשטויס איז צווישען עטליכע נאציאנען. ווען מיר זאָלען פארנאנדערוויקלען דעם פּלאָנטער פון אנפאנג אָן, וועלען מיר געפינען די פאָלגענדע פארבינדונג צווישען די עלעמענטען פון אנגריף און פארטיידיגונג. דער ערשטער טאקטישער שריט פון די פראנצויזען, — אזוי צום

וויינינגסטען דיינקט ענגעלס, — האָט נעדאַרפט מאַכען דאָס פאָלק פיהלען, אַז די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם אַנגריף פאַלט אויף די פראַנצויזען. און דאָך האָט דער גאַנצער סטראַטעגישער פּלאַן פון די דייטשען געהאַט אַן אַבסאָלוטען אַנגרייפענדען כאַראַקטער. דער דיפּלאָמאַטישער צוג פון ביסמאַרק׳ן האָט געצוואונגען נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט צו ערקלערען קריעג געגען זיין ווילען און אויף אַזאַ אופן אַרויסווייזען זיך אַלס דער שטערער פון שלום אין אייראָפּאַ, אין דער צייט ווען די מיליטעריש־פּאָליטישע איניציאַטיווע פון דער מלחמה איז געקומען פון דער פּרייסישער רעגירונג. אָט די אומשטענדען זיינען פאַר קיין פאַל ניט פון קליינער וויכטיגקייט פאַר דער היסטאָרישער אָפּשאַצונג פון דער מלחמה, און זיי זיינען ווייט ניט אין גאַנצען אויסגעשעפּט.

איינע פון די אורזאַכען פון דער מלחמה איז געווען די וואַקסענדע אַמביציע פון די דייטשען פאַר נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַשטימונג, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט די דינאַסטישע פּרעטענזיעס פון דער פראַנצויזישער מאָנאַרכיע. אָבער די נאַציאָנאַלע „פאַרטיידינונגס מלחמה“ האָט געפיהרט צו דעם, אַז עלזאַס־לאָטערינגען זאָל צוגענומען ווערען און אויף אַזאַ אופן האָט זי זיך אין דער צווייטער מדרגה פאַרוואַנדעלט אין אַ דינאַסטישער מלחמה פאַר עראָבערונג.

די קאָרעספּאָנדענץ צווישען מאַרקס׳ן און ענגעלס׳ן באַווייזט, אַז אין זייער שטעלונג צו דער מלחמה פון 1870 האָבען זיי זיך געשטיצט הויפּטזעכליך אויף היסטאָרישע אויסזיכטען. פאַר זיי איז דאָס נאַטירליך פאַר קיין פאַל ניט געווען אַ פראַגע פון גלייכגילטיגקייט, ווער עס האָט געפיהרט די מלחמה און ווי אַזוי זי איז אָנגעפיהרט געוואָרען. „ווער וואָלט דאָס באַטראַכט פאַר מעגליך“, שרייבט מאַרקס מיט ביטערקייט, „אַז 22 יאָהר נאָך 1848 וועט אַ נאַציאָנאַליסטישער מלחמה אין דייטשלאַנד געגעבען ווערען אַזאַ טעאָרעטישער אויסדרוק.“ פאַר מאַרקס׳ן און ענגעלס׳ן זיינען די אָביעקטיווע פאָלגען פון דער מלחמה געווען פון אונגעהויערער וויב־

טינקייט. „אויב פּרייסען וועט זיעגען, וועט דאָס מיינען די צענטראַליזאַציע פון דער שטאַאַט־מאַכט, — ניצליך פאַר דער צענטראַליזאַציע פון דעם דייטשען ארבייטער קלאַס“.

ליעבקנעכט און בעבעל, אָנפאַנגענדיג מיט דער זעלבער היסטאָרישער אָפּשאַצונג פון דער מלחמה, זיינען געווען געצוואונגען אָנצונעמען אַ פּאָליטישע שטעלונג בנוגע דער מלחמה. עס איז פאַר קיין פאַל ניט געווען אין געגענזאַץ צו די אַנשויאונגען פון מארקס און ענגעלס, נאָר, פאַרקערט, מיט זייער פאָלשטענדיגער צושטימונג, וואָס ליבקנעכט און בעבעל האָבען זיך ענטזאָגט אין רייכסטאַג צו נעמען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער מלחמה. די ערקלערונג וואָס זיי האָבען געמאַכט האָט זיך געלעזען:

„מיר קענען ניט באַוויליגען די מלחמה־הוצאות, וועלכע ווערט געפאָדערט פון רייכסטאַג, ווייל דאָס וואָלט הייסען אַ שטימע פון צוטרויען צו דער פּרייסישער רעגירונג... אלס פּרינציפּיעלע געגנער פון יעדען דינאַסטישען קריעג, אלס סאָציאַלע רעפּובליקאַנער און אַלס מיטגלידער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער־אַסאַציאַציע, וועלכע, אָהן אונטערשיעד פון נאַציאָנאַליטעט, באַקעמפּט אַלע אונטערדריקער און וועלכע שטרעבט צו פאַראייניגען אַלע אונטערדריקטע אין איין גרויסער ברידערליכער קערפּערשאַפט, קענען מיר זיך ניט ערקלערען דירעקט אָדער אונדירעקט צום גונסטען פון דער איצטיגער מלחמה“.

שווייצער האָט אַנדערש געהאַנדעלט. ער האָט גענומען די היסטאָרישע אָפּשאַצונג פון דער מלחמה אלס אַ דירעקטען וועגווייזער פאַר זיינע האַנדלונגען — איינער פון די געפעהרליכסטע פעהלערען! — און שטימענדיג פאַר די מלחמה אויסגאַבען, האָט ער געגעבען זיין צוטרויען צו ביסמאַרק׳ס פּאָליטיק. ער האָט דאָס געטאָן, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס עס איז געווען נויטווענדיג, — אויב די צענטראַליזאַציע פון דער שטאַאַט־מאַכט וואָס שטאַמט פון מלחמה וועט זיך אַרויסווייזען ניצליך פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער זאַך, — אַז דער ארבייטער קלאַס זאָל פון סאַמע

אָנפאַנג אָן באַקעמפעּן די דינאַסטיש־יונקערישע צענטראַליזאַציע מיט זייער אייגענער קלאַסען־צענטראַליזאַציע, אָנגעפילט מיט רע־וואָלוציאָנערען מיסטרויען צו זייערע הערשער.

שווייצער׳ס פּאָליטישע שטעלונג האָט אָפּגעשוואַכט די זעלבע פּאָלגען פון דער מלחמה, וועלכע האָבען איהם באַוואויגען צו געבען זיין צוטרויאונגס שטימע צו די, וואָס האָבען געבראַכט די מלחמה.

פערציג יאָהר שפּעטער, מאַכענדיג דעם סך הכל פון זיין לעבענס־אַרבייט, האָט בעבעל געשריבען:

„די שטעלונג וואָס איך און ליעבקנעכט האָבען גענומען ביי דעם אויסברוך פון דער מלחמה און די גאַנצע צייט וואס זי האָט אָנגעהאַלטען, איז יאָהריי לאי ־יסקוטיר . געוואָרען און איז זעהר שטאַרק אָנגעגריפען געוואָרען, צוערשט אפילו אין דער פּאַרטיי; אָבער בלויז פאַר א קורצער צייט. דאַן האָבען זיי אנערקענט אַז מיר זיינען געווען גערעכט. איך בין מודה, אַז מיך פאַרדריסט ניט אויף אַ האָר אונזער שטעלונג, און ווען מיר וואָלטען ביים אויסברוך פון דער מלחמה געוואוסט, דאָס וואָס מיר האָבען אין די שפּעטערדיגע עטליכע יאָהר אויסגעפונען פון אָפּיציעלע און אונאָפּיציעלע קוועלען, וואָלט אונזער שטעלונג פון סאַמע אנפאַנג געווען נאָך שטרענגער. מיר וואָלטען ניט בלויז זיך צוריקגעהאַלטען, ווי מיר האָבען געטאָן, פון שטימען פאַר די ערשטע מלחמה־אויסגאַבען, נאָר מיר וואָלטען געשטימט געגען זיי". (אויטאָ־ביאָגראַפיע, צווייטע טייל, זייט 167).

ווען מיר פאַרגלייכען די ליבקנעכט ־ בעבעל ערקלערונג פון 1870 מיט האאזע׳ס ערקלערונג אין 1914, מוזען מיר קומען צום שלוס, אַז בעבעל האָט געהאַט א טעות, ווען ער האָט געזאָגט: „דאַן האָבען זיי אנערקענט אַז מיר זיינען געווען גערעכט", וויי־ל די אפּשטימונג פון דעם 4טען אויגוסט 1914 איז געווען א פאַרדאַ־מונג פון בעבעל׳ס פּאָליטיק מיט פיער־און־פערציג יאָהר צוריק,

ווייל לויט האאזע׳ס אויסדריקע, האָט בעבעל פאַרראַטען דאָס פאַטערלאַנד אין אַ צייט פון געפאַהר.

וועלכע פּאָליטישע אורזאַכען און אויסזיכטען האָבען געפיהרט די פּאַרטיי פון דייטשען פּראָלעטאַריאַט אוועקצואוואַרפען איהרע הערליכע טראַדיציעס ? קיין איין וויכטיגע אורזאַכע איז נאָך דערווייל ניט אָנגעגעבען געוואָרען. אַלע אַרגומענטען וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען, זיינען פול מיט ווידערשפּרעכונגען. זיי זיינען אַזוי ווי די דיפּלאָמאַטישע באַריכטען וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען צו רעכטפערטיגען אַ זאַך, וואָס איז שוין פאַרווירקליכט געוואָרען. דער שרייבער פון די לייט־אַרטיקלען אין דער „נייע צייט“ שרייבט, אַז דייטשלאַנד׳ס שטעלונג צום צאַריזם איז דיזעלבע ווי זי איז געווען צום באָנאַפּאַרטיזם אין 1870. ער ציטירט אפּליו פון אַ בריעף צו ענגעלס׳ן : „אַלע קלאַסען פון דייטשען פאָלק האָבען פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען, פריהער פון אַלץ, אַ פראַגע פון נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און דערפאַר האָבען זיי אַלע גלייך זי אונטערשטיצט“. צוליעב דער זעלבער אורזאַכע, זאָגט מען אונז, האָט דאָס די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע זי געשטיצט יעצט. עס איז אַ פראַגע פון נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. שטעלט אוועק צאַריזם אנשטאַט באָנאַפּאַרטיזם און ענגעלס׳עס ווערטער זיינען ריכטיג היינט. און דאָך פאַרבלייבט דער פאַקט אין זיין גאַנצער קראַפט, אַז בעבעל און ליבקנעכט האָבען זיך דעמאָנסטראַטיוו ענטזאַגט צו שטימען סיי פאַר געלט און סיי פאַר צוטרויען צו דער רעגירונג אין 1870. האַלט עס דאָך אויך ניט אויס אַזוי גוט, אויב מ׳יר וועלען אוועקשטעלען צאַריזם אנשטאַט באנאַפּאַרטיזם ? אויף דער פראַגע איז קיין ענטפער ניט געגעבען געוואָרען.

אָבער וואָס האָט ענגעלס ווירקליך געשריבען אין זיין בריעף וועגען דער טאַקטיק פון דער אַרבייטער פּאַרטיי ?

„מ׳יר שיינט עס ניט אַלס מעגליך, אַז אונטער אַזעלכע אומ־שטענדען קען אַ דייטשע פּאָליטישע פּאַרטיי פּרעדיגען „פּאָלשטענ־דיגע אבסטרוקציע“ און אוועקשטעלען אַלערליי אונוויכטיגע פראַגען

איבער דער הויפּט - פראגע". פּ אָ ל ש ט ע נ ד י ג ע אַ ב ס ט ר ו ק צ י ע ! — עס איז דאָך אָבער דאָ אַ גרויסער מהלך צווישען פאָלשטענדיגע אבסטרוקציע און פאָלשטענדיגען אונטער־געבען זיך פון אַ פּאָליטישער פּארטיי. און אָט דער מהלך האָט פּאָנאַנדערגעטיילט די שטעלונגען צווישען בעבעל און שווייצער אין 1870. מארקס און ענגעלס זיינען געווען מיט בעבעל'ן און געגען שווייצער'ן. גענאָסע קאוטסקי האָט געמענט אָנזאָגען זיין הויפּט שרייבער, הערמאן ווענדעל, וועגען דעם פאקט. און עס איז ניט מעהר ווי אַ פּארלוימדונג פאר די טוימע אז „סימפּליסיסמוס" זאל איצט אויס גלייכען אין הימעל די שאָטענס פון בעבעל און ביסמארק. אויב „סימפּליסיסמוס" און ווענדעל האָבען דאָס רעכט אויפצואוועקען אימיצען פון זיין שלאָף אין קבר, כדי צו אונטער־שטיצען די איצטיגע טאַקטיק פון דער דייטשער סאָציאל־דעמאָ־קראטיע, איז דאָס ניט בעבעל'ן נאָר שווייצאר'ן. עס איז דער שאָ־טען פון שווייצער וועלכער אונטערדריקט די פּאָליטישע פּארטיי פון דייטשען פּראָלעטאריאט.

אָבער דער פארגלייך צווישען דער פראנצויזיש־פּרייסישער מלחמה און די איצטיגע מלחמה איז אויבערפלעכליך און זעהר פּארפיהרעריש. לאָמיר אָפּלעגען אָן אַ זייט אלע אינטערנאציאָ־נאלע באַציהונגען. לאָמיר פארגעסען אז די מלחמה האָט געמיינט פריהער פון אלעם די פארניכטונג פון בעלגיען, און אז דייטשלאנד'ס הויפּט חיל איז געשיקט ניט געגען צאריזם, נאָר געגען דער רעפּוב־ליקאנער פראנקרייך. לאָמיר פארגעסען אז דער אנפאנג פון דער מלחמה איז געווען די פארניכטונג פון סערביען און אז איינע פון איהרע ציעלען איז געווען צו פארשטארקען דעם אולטרא־רעאקציאָ־נערען שטאאט פון עסטרייך־אונגארן. מיר ווען זיך ניט אָפּשטע־לען אויף דעם פאקט, אז די שטעלונג פון דער דייטשער סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט געגעבען אַ גרויסען קלאפּ צו דער רוסישער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט ווידער אויפגעפלאקערט מיט אזא קראפט אין די צוויי יאָהר פאר דער מלחמה. מיר ווען פארמא־

כען אונזערע אויגען צו אָט די אַלטע פאַקטען, פּונקט ווי די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט געטאָן דעם 4טען אויגוסט, ווען זי האָט ניט געזעהן אז עס איז דאָ א בעלגיען, אדער עסטרייך־אונגארן. מיר ווע‌לען צוגעבען בלויז די עקזיסטענץ פון דייטשלאַנד.

אין 1870 איז געווען גאַנץ גרינג אויסצורעכענען די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער מלחמה. „אויב פּרייסען וועט געווינען, וועט די צענטראַליזאַציע פון דער שטאַאט־מאַכט טרייבען צו דער צענטראַליזאַציע פון דייטשען ארבייטער קלאַס", און איצט ? וואָס וואָלט איצט געווען דער רעזולטאַט פון א פּרייסישען זיעג פאַר דעם אַרבּייטער־קלאַס ?

די איינציגע טעריטאָרישע אויסברייטונג, וועלכע דער דייטשער ארבייטער־קלאַס וואָלט באַגריסט, ווייל דאָס וואָלט פארפאָלקאָמט די נאַציאָנאַלע איינהייט, איז א פאַראייניגונג פון דייטש־עסטרייך מיט דייטשלאַנד. יעדער אנדער אויסברייטונג פון דייטשען פאַטערלאַנד מיינט נאָך א שריט נעהנטער צו פארוואנדלען דייטשלאַנד פון א נאַציאָנאַלען שטאַאט אין א שטאַאט פון נאַציאָנען, און די פּאָלגליכע איינפיהרונג פון אַלע באַדינגונגען, וועלכע מאַכען שווערער דעם קלאַסען־קאמף פון פּראָלעטאַריאַט.

ליבּנעכט האָט געהאָפּט — און ער האָט אויסגעדריקט די האָפנונג אין א שפּראַך פון א צווייטען לאַסאַל — אז שפּעטער נאָך א זיעגרייכער מלחמה, וועט ער זיך אָפּגעבען מיט דער „אינערליכער אויפבויאונג" פון שטאַאט. עס איז קיין צווייפעל ניט אז דייטשלאַנד וועט דארפען די „אינערליכע אויפבויאונג" נאָך א זיעג ניט ווייניגער ווי פאַר דער מלחמה. וועט אָבער א זיעג מאַכען די ארבייט גרינגער ? עס איז ניטאָ קיין זאך אין דייטשלאַנד'ס היסטאָרישע ערפאַהרונג, וואָס זאָל מעהר ווי אין וועלכער עס איז אנדער לאַנד באַרעכטיגען אזא האָפנונג.

„מיר האָבען באַטראַכט די האַנדלונג פון די רעגירער פון דייטשלאַנד (נאָך דעם זיעג פון 1870) אלס א פּאָלגליכע זאך",

זאָגט בעבעל אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. „עס איז געווען אַן איינפאַכע אילוזיע פון דער פּאַרטיי עקזעקוטיווע צו גלויבען אַז אַ ליבעראַלער גייסט וועט הערשען אין דער נייער אָרדנונג. און אַז דער ליבעראַלער רעזשים האָט געזאָלט געגעבען ווערען פון דעם זעלבען מאַן, וועלכער האָט זיך אַליין אַרויסגעוויזען צו זיין דער גרעסטער שונא, איך וועל ניט זאָגען פון דעמאָקראַטישע ענטוויקלונג, נאָר אפילו פון יעדע ליבעראַלע טענדענץ און וועלכער האָט איצט, אַלס אַ זיעגער, אַרויפגעשטעלט דעם קנאָפּעל פון זיין בלישטשענדען שטיוועל אויף דעם האַלז פון דער נייער אימפּעריע.”
(באַנד 2, זייט 188).

עס איז אבסאָלוט ניטאָ קיין אורזאַכע צו ערוואַרטען איצט אַנדערע רעזולטאַטען פון אַ זיעג ווי די אויבענדערמאָנטע. פאַרקערט. אין 1870 האָט דער פּרייסישער יונקערטום זיך געדאַרפט צוערשט צופּאַסען צו דער נייער קייזערליכער אָרדנונג. ער האָט זיך ניט געקענט פיהלען אין זאָטעל זיכער מיט איין מאָל. עס האָט גענומען אכט יאָהר צייט נאָך דעם זיעג איבער פראַנקרייך, איידער די אַנטי־סאָציאַליסטישע געזעצע זיינען געפאַסט געוואָרען. אין די פיער־און־פערציג יאָהר איז דער פּרייסישער יונקערטום געוואָרען דער קייזערליכער יונקערטום. און אויב נאָך אַ האַלבען יאָהר הונדערט פון שטאַרקסטען קלאַסען־קאַמף זאָל דער יונקערטום שטעהן אָן דער שפּיצע פון אַ זיעגרייכער נאַציאָן, דאַרפען מיר ניט צווייפלען, אַז ער וואָלט זיך ניט גענויטיגט אין די דינסטע פון לודוויג פראַנק פאַר דער אינערליכער אויפבויאונג פון שטאַאַט, אויב ער וואָלט זיך צוריקגעקערט גאַנץ פון די פעלדער פון דייטשען זיעג.

אָבער פון פיעל גרעסערער וויכטיגקייט ווי די פאַרשטאַרקונג פון דער קלאַסען־פּאָזיציע פון די הערשער, איז די ווירקונג וואָס אַ דייטשער זיעג וואָלט האָבען אויפ'ן פּראָלעטאַריאַט זעלבסט. די מלחמה האָט אויסגעבראָכען פון אימפּעריאַליסטישען אַנטאַגאָניזם צווישען קאַפּיטאַליסטישע שטאַאַטען, און דער דייטשער זיעג, ווי

אויבענדערמאָנט, קען ברענגען בלויז איין רעזולטאט — טעריטאָ־ריעלע עראבערונג אויף דעם חשבון פון בעלגיען, פראנקרייך און רוסאַנד; האנדעלס אָפּמאכען ארויפגעצוואונגענע אויף איהרע שונאים און נייע קאָלאָניעס. דער קלאסען־קאמף פון פראָלעטאריאט וואָלט דאן אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דעם באזיס פון דער קאפּיטאליסטישער אויבערמאכט פון דייטשלאַנד, דער ארבייטער־קלאס וואָלט געווען פאראינטערעסירט אין אויפהאלטען און ענט־וויקלען די אויבערמאכט, און רעוואָלוציאָנערער סאָציאליזם וואָלט פאר א לאנגער צייט פאראורטיילט געוואָרען צו דער ראָליע פון אַ פראָפּאגאנדא סעקטע.

מארקס איז געווען גערעכט, ווען ער האָט פאָראויסגעזעהן 1870, — אלס רעזולטאט פון דייטשען זיעג, — א שנעלע ענטוויק־לונג פון דער דייטשער ארבייטער־באוועגונג אונטער דער פאָהן פון וויסענשאפטליכען סאָציאליזם. איצט אָבער פיהרען אינטערנאָ־ציאָנאלע באדינגונגען צו גאנץ פארקערטע רעזולטאטען. דייטש־לאנד'ס זיעג וואָלט אוועקנעמען די שארפקייט פון דער רעוואָלוציאָ־נערער באוועגונג, איהר טעאָרעטישען באזיס און וואָלט פאראור־זאכט דאָס אָפּשטארבען פון די מארקסיסטישע אידעען.

קאַפּיטאַליסטישע מלחמות.

אנמערקונג:

ווען טראָצקי רעדט דאָ וועגן קאַפּיטאַליסטישע מלחמות און וועגן דעם שייכות וואָסער סאָציאַליסטען האָבען מיט זיי, שטעלט ער זיך הויפּטזעכליך אָפּ אויף דער דייטשער און עסטרייכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווייל זיי זיינען אימער געווען דער ביישפּיעל פאר דער אַל־וועלטליכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די דייטשע סאציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען די שולע, וואו די סאציאליסטען פון דער גאנצער וועלט האָבען געלערענט. די דייטשע סאציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען ניט בלויז א פּארטיי פון דעם אינטערנאַציאנאל, נאָר זי איז פון אַלעמען באַטראַכט געוואָרען אלס די מעכטיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זי איז געווען די שטאַרקסטע און איינפלוסרייכסטע אין דער סאציאליסטישער וועלט. און ווען דיזע פּארטיי האָט ניט געקענט אויסהאלטען די פּראבע און דעם נסיון פון דער מלחמה און האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער רעגירונג, איז פאַר טראָצקי'ן, אַזוי גוט ווי פאַר אַלע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען דאַן געוואָרען קלאָר, אַז דאָס וועט זיין די אורזאכע, דאָס עס זאָל זיך פארנאנדערפאַלען דער גאנצער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וואו די דייטשע און עסטרייכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געשפּיעלט דעם ערשטען פיעדעל.

אין די קאַפּיטלען דייטעט טראָצקי אָן, אז די מלחמה האָט אָנגעפאנגען די אַרבייט פון פאַרניכטען דעם נאַציאנאלען שטאַאַט. ער דייטעט אָן, אז ביז דער מלחמה זיינען די סאציאליסטישע פּארטייען געווען נאציאנאלע פּארטייען. זיי זיינען געוואָרען רעדער אין דער מאשין פון דעם נאַציאנאלען שטאַאַט און זיי האָבען זיך מיט זייער אַקטיוויטעט און מיט זייער פּסיכאָלאָגיע צוגעפּאַסט צו דער גאנצער נאַציאָנאַלער שטאַאַט מאַשינערי. און ווען דער אימפּעריאליזם, וועלכער האָט באַהערשט די וועלט, האָט אַרונטערגעריסען די גרענעצען פון נאַציאנאלען שטאַאַט, זיינע אויך מיטגעריסען געוואָרען די נאַציאנאלע סאָציאליסטישע פּארטייען.

דער סאָציאַליזם איז אבער דאדורך ניט אונטערגעגאַנגען — ער האט בלויז צייטוויליג געביטען זיין היסטאָרישע אויסערליכע פאָרמע. פול מיט האָפנונג אין דער צוקונפט, גלויבט טראָצקי, אז די רעוואָלוציאָנערע אידעע הויבט ערשט איצט אָן אויפצולעבען. ער זאגט, אז „די אלטע ערפאהרונג האָט אונז נאָכאמאָל איבערצייגט, אז אויב די סאציאל־

דעמאָקראַטיע שטעלט די נאַציאָנאַלע אויפגאַבען העכער פון די קלאַסען־אויפגאַבען, באַגעהט זי דערמיט דעם גרעסטען פאַרברעכען ניט בלויז געגען סאָציאַליזם, נאָר אויך געגען די אינטערעסען פון דער נאַציאָן, ווי דאָס ווערט פאַרשטאַנען אין דעם ברייטען און אמת׳ן זין פון וואָרט.״

מלחמה איז די מעטאָדע, דורך וועלכער דער קאַפּיטאַליזם, ווען ער קומט צו דער העכסטער שטופע פון ענטוויקלונג, זוכט צו לייזען זיינע ווידערשפּרוכען, וואָס זיינען אונלייזבאַר. טראָצקי׳ס אידעע איז, דאָס געגען דער מעטאָדע דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אַרויסשטעלען זיין אייגענע מעטאָדע — די מעטאָדע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

קאַפּיטאַליסטישע מלחמות.

וואָסער שייכות האָבען סאָציאַליסטען מיט קאַפּיטאַליסטישע מלחמות?

די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע, וועט מען אונז זאָגען, וויל ניט קיין זיעג. אונזער ענטפער מוז זיין ערשטענס, אז דאָס איז ניט אמת. וואָס די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וויל איז ארויסגעזאָגט געוואָרען אין איהר פּרעסע. די סאָציאַליסטישע צייטונגען, מיט צוויי אָדער דריי אויסנאַמען, צייגען טאָג־טעגליך אָן דעם דייטשען ארבייטער, אז א זיעג דורך'ן דייטשען שווערד איז זיין זיעג. דאָס פארכאפּען פון מאָבעוש, דאָס זינקען פון דריי ענגלישע קריעגס־שיפען, אָדער דאָס פאלען פון אנטווערפען האָט ערוועקט אין דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּרעסע דיזעלבע געפיה־לען, וועלכע ווערען ארויסגערופען דורך א געווינס פון א נייעם וואהל־קרייז אָדער דורך א זיעג אין א קאמף פאר העכערע שכירות. מיר טאָרען ניט פארזעהן דעם פאקט, אז די דייטשע ארבייטער־פּרעסע, די פּארטיי פּרעסע, אזוי גוט ווי די טרייד יוניאָן צייטונגען, זיינען איצט א טעכטיגער מעכאַניזם, וועלכער אנשטאט צו ענטוויק־לען דעם פאָלקס ווילען פאר'ן קלאסען־קאמף, ערציהט נאָר דאָס פאָלק צו שטרעבען נאָך מיליטערישע זיעגע. איך האָב ניט אין זינען די מיאוס'ע שאָוויניסטישע שטעלונג פון איינצעלנע אָרגאַנען, נאָר דעם הערשענדען סענטימענט פון דיזער גוויסער מאַיאָריטעט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען. דער סיגנאַל פאר דעם איז ווארשיינליך געגעבען געוואָרען דורך דער אפּשטימונג פון דער סאָציאַליסטישער פראקציע דעם 4טען אויגוסט.

אָבער די פראקציע האָט ניט געדענקט וועגען א דייטשען זיעג.

זי האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע בלויז צו פאַרמיידען די געפאַהר, וועלכע האָט געדראָהעט פון דרויסען, צו פאַרטיידיגען דאָס פאַטער־לאַנד. דאָס איז געווען אַלעס.

און דאָ קומען מיר צוריק צו דער פראַגע פון פאַרטיידיגונגס און אַנגרייפענדע מלחמות. די דייטשע פּרעסע, אַר־ינרעכענענדיג די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַנען, הערט ניט אויף צו ווידער־האָלען אַז דייטשלאַנד איז די איינציגע פון אַלע לענדער, וועלכע געפינט זיך אין אַ פאַרטיידיגונגס פּאָזיציע אין דער מלחמה. מיר האָבען שוין באַטראַכט די סטאַנדאַרדס פאַר באַשטימען דעם אונטערשיעד צווישען אַן אַנגרייפענדען קריעג און אַ פאַרטיידיגונגס מלחמה. די סטאַנדאַרדס זיינען פיעלע און ווידערשפּרעכענדע. אָבער אין דעם פאַל זאָגען זיי איינשטימיג עדות אַז די דייטשע מיליטערישע האַנדלונגען קענען אונטער קיינע אומשטענדען ניט באַטראַכט ווערען אַלס די פיהרונג פון אַ פאַרטיידיגונגס־קריעג. דאָס האָט אָבער ניט קיין איינפלוס אויף דער טאַקטיק פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע.

פון אַ היסטאָרישען שטאַנדפּונקט איז דער נייער דייטשער אימפּעריאַליזם, ווי מיר ווייסען עס שוין, דורכאויס אַנגרייפענד. זיינענדיג געשטופּט פאָראויס דורך דער פיבערהאַפטער ענטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע, שטערט דער דייטשער אימפּע־ריאַליזם די אַלטע גלייכגעוויכט פון מאַכט צווישען די שטאַאַטען און ער שפּיעלט די ערשטע פידעל אין דעם געיעג פאַר באַוואָפנונג.

און פון דעם שטאַנדפּונקט פון וועלט־פּאָליטיק האָט דער איצטיגער מאָמענט געשיינט צו זיין פאַר דייטשלאַנד דער גינסטיג־סטער צו געבען איהרע קאָנקורענטען אַ פאַרניכטענדען קלאַפּ — דאָס פאַרקלענערט אָבער ניט אפילו אויף אַ האָר די שולד פון דייטשלאַנד'ס שונאים.

דער ד י פּ ל אָ מ אַ ט י ש ע ר בליק אויף פּאַסירונגען לאָזט ניט איבער קיין צווייפעל וועגען דער לייטענדער ראָלע, וואָס דייטשלאַנד האָט געשפּיעלט אין עסטרייך'ס אויפרייצענדע האַנד־

לונג אין סערביען. דער פאקט, אז דעם צאר'ס דיפלאמאטיע איז, ווי געוועהנליך, געוועזן נאך מעהר שענדליך, ענדערט ניט די לאגע.

פון דעם סטראטעגישען שטאנדפונקט איז דייטשלאנדס גאנצער קריעג געוועזן באגרינדעט אויף א ריזיגען אנגריף.

און ענדליך פון דעם שטאנדפונקט פון טאקטיק, איז דער ערשטער שריט פון דער דייטשער ארמעע געוועזן די פארגוואלטיגונג פון בעלגיען'ס נייטראליטעט.

אויב דאס אלעס איז פארטיידיגונג, טא וואס זשע הייסט אנגריף? אבער אויב מיר זאלען אפילו אננעמען, אז די פאסירונגען ווי זיי זיינען פארגעשטעלט געווארען אין דער דיפלאמאטישער שפראך לאזען זיך אנדערש אויסטייטשען — כאטש די ערשטע צוויי בלעטער פון „וויסען בוך" זיינען זעהר קלאר און לאזען זיך ניט טייטשען,—האט דען ניט די רעוואלוציאנערע פארטיי פון ארבייטער־קלאס קיין אנדער סטאנדארד צו באשטימען איהר פאליטיק ווי די דאקומענטען וואס זיינען צוגעשטעלט געווארען פון א רעגירונג, וועלכע איז שטארק פאראינטערעסירט אין אפנארען זי?

„ביסמארק האט גענארט די גאנצע וועלט", זאגט בעבעל, „און ער האט געוואוסט ווי אזוי צו מאכען צו גלויבען, אז נאפאלעאן איז דאס געוועזן דער יעניגער וואס האט פראוואצירט די מלחמה, בעת ער אליין, דער פרידען־ליבענדער ביסמארק, און זיין פאליטיק האבען זיך געפונען אין דער פאזיציע פון אנגעגריפענע.

„די פאסירונגען פון פאר דער מלחמה זיינען געוועזן אזוי פארפיהרעריש, אז דאס וואס פראנקרייך איז גאר ניט געוועזן צוגעגרייט צו דער מלחמה, ווי זי אליין האט ערקלערט, איז בכלל פארזעהן געווארען, אין דער צייט וואס אין דייטשלאנד, וועלכע האט געשיינט צו זיין די אנגעגריפענע, זיינען די פארבערייטונגען צו דער מלחמה פארטיג געוועזן ביז צום לעצטען נאגעל און די מאביליזאציע איז אנגעגאנגען מיט דער פינקטליכקייט פון א זייגער". (בעבעל'ס אויטאביאגראפיע, באנד 3, ז. 168—167).

נאָך אזא היסטאָרישען פּרעצערענט וואָלט מען געקענט ערוואַרטען מעהר קריטישע פּאָרזיכטינקייט פון דער סאָציאַל־רעמאָקראַטיע.

עס איז גאַנץ ריכטיג אַז בעבעל האָט מעהר ווי איין מאָל ווידערהאָלט זיין באהויפּטונג, אַז אין פאַל פון אַן אַנגריף אויף דייטשלאַנד וועט די סאָציאַל דעמאָקראַטיע פּאַרטיידיגען דאָס פאַטערלאַנד. אויף דעם צוזאַמענפאַר וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין עססען, האָט איהם קאַוטסקי געענטפערט:

„לויט מיין מיינונג קענען מיר אויף זיכער ניט פאַרשפּרעכען צו טיילען די באַגייסטערונג פון דער רעגיערונג פאַר מלחמה, יעדעס מאָל וואָס מיר זיינען איבערצייגט, אַז דאָס לאַנד איז געדראָהעט פון אַן אַנגריף. בעבעל דיינקט, אַז מיר האָבען געמאַכט פיעל פּאָרטשריט זינט 1870 און אַז איצט זיינען מיר אימשטאַנד צו באַשליסען, אין יעדען פאַל, אויב די דראָהענדע מלחמה איז ווירקליך אַ אָנגרייפענדע, אָדער ניט. איך וואָלט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט. איך וואָלט ניט וועלען אונטערנעמען זיך צו גאַראַנטירען אַז מיר וועלען קענען קומען צום ריכטיגען באַשלוס אין יעדען פאַל, און אַז מיר וועלען שטענדיג וויסען אויב אַ רעגירונג נאַרט אונז אָפּ, אָדער זי אַרבייט ווירקליך אין די אינטערעסען פון דער נאַציאָן געגען אַן אַנגרייפענדער מלחמה... נעכטען איז עס געווען די דייטשע רעגירונג, וועלכע האָט געמאַכט דעם אַנגריף, מאָרגען וועט עס זיין די פראַנצויזישע רעגירונג און מיר קענען ניט וויסען, אויב מיט אַ טאָג שפּעטער זאָל די ענגלישע רעגירונג ניט מאַכען אַן אַנגריף... די רעגיערונגען בייטען זיך שטענדיג מיט די ראָלען. דער פאַקט איז, אַז וואָס אונז אינטערעסירט אין פאַל פון מלחמה איז ניט אַ נאַציאָנאַלע, נאָר אַ אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע. אַ מלחמה צווישען גרויסמעכטע וועט דאָך פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ וועלט־מלחמה און וועט באַריהרען גאַנץ אייראָפּא, און ניט בלויז צוויי לענדער. די דייטשע רעגירונג האָט נאָך אַמאָל געקענט באַוועגען דעם

דייטשען פּראָלעטאריאט צו גלויבען, אַז זיי ווערען אָנגעגריפען ; די פראַנצויזישע רעגירונג האָט געקענט טאָן דאָסזעלבע מיט איהרע אונטערטאַנען און דאַן וואָלטען מיר געהאַט אַ מלחמה אין וועלער די פראַנצויזישע און דייטשע ארבייטער וואָלטען נאָכגעפאָלגט זייערע אייגענע רעגירונגען מיט גלייכער באַגייסטערונג און זיי וואָלטען געמאָרדעט איינע די אַנדערע און געשניטען איינע די אַנדערע די העלזער. אַזאַ צופאַל מוז פארמידען ווערען און עס װעט פארמידען ווערען אויב מיר וועלען אָננעמען אַלס אַ סטאַנדאַרד ניט דעם אנגרייפענדען אָדער פארטיידיגונגס־קריעג, נאָר די אינטע־רעסען פון פּראָלעטאריאט, וועלכע זיינען צו דערזעלבער צייט אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסען... גליקליכערווייזע איז עס אַ פאַלשער באַגריף צו דיינקען, אַז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אין פאַל פון קריעג, וואָלט זיך וועלען רעכנען מיט נאַציאָנאַלע און ניט מיט אינטערנאַציאָנאַלע פראַגען און וואָלט זיך געפיהלט צוערשט אַלס אַ דייטשע און דאַן אַלס אַ פּראָלעטארישע פארטיי״.

מיט גלענצענדער קלאָרקייט דעקט קאוטסקי אויף אין דער רעדע די שרעקליכע געפאהרען — איצט נאָך אַ שרעקליכערע ווירקליכקייט — וועלכע ליגען באהאַלטען אין דעם פארזוך צו מאַכען די שטעלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אפּהענגיג פון אַן אונבאַשטימטער און ווידערשפּרעכענדער פאָרמאַלער אָפּשאַצונג, אויב אַ מלחמה איז אַן אָנגרייפענדע אָדער אַ פארטיידיגענדע. בעבעל אין זיין ענטפער האָט ניט געזאָגט קיין וויכטיגעס, און זיין שטאַנדפּונקט האָט אויסגעוויזען גאַנץ אונערקלערליך, ספּעציעל נאָך זיינע אייגענע ערפאַהרונגען פון דעם יאָהר 1870.

פונדעסטוועגען האָט בעבעל׳ס שטעלונג, ניט אַכטענדיג אויף דער טעאָרעטישע אונבאַקוועמליכקייט, געהאַט אַ גאַנץ באַשטימטע פּאָליטישע באַדייטונג. די אימפּעריאַליסטישע טענדענצען, וועלכע די געפאַהר פון מלחמה האָט מיטגעבראַכט, האָבען אויסגע־שלאָסען פאַר דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע די מעגליכקייט צו ערוואַר־טען אַ רעטונג דורך אַ זיעג פון וועלכער־עס־איז מלחמה־פיהרענדער

פּאַרטיי. צוליעב אָט דער אורזאַכע איז איהר גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט אָנגעווענדעט געוואָרען צו פאַרמיידען קריעג, און די הויפּט אויפגאַבע איז געווען צו האַלטען די רעגירונגען באַזאָרגט וועגען די פאָלגען פון א מלחמה.

„די סאָציאַל דעמאָקראַטיע", זאָגט בעבעל, „וועט זיין געגען יעדע רעגירונג, וועלכע נעמט די איניציאַטיווע אין דער מלחמה". ער האָט דאָס געמיינט אַלס א סטראַשונאָק צו דער רעגירונג פון ווילהעלם דעם צווייטען. „נעמט אונז ניט אריין אין רעכנונג, אויב איהר וועט ווען עס איז באַשליסען צו געברויכען אייערע קאַנאָנען און אייערע קריעגס־שיפען". דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו פּעטערבורג און לאָנדאָן „זאָלען זיי בעסער זיין פאַרזיכטיג ניט צו אַטאַקירען דייטשלאַנד, שטיצענדיג זיך אויף דער אינערליכער שוואַכקייט צוליעב דער שטערענדער פּאָליטיק פון דער מעכטיגער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטיע".

בעבעלס אויסדרוק איז געווען ניט קיין פּאָליטישע לעהרע, נאָר א פּאָליטישער סטראַשונאַק, וועלכער איז געווען געווענדעט אין דער זעלבער צייט אויף צוויי פראָנטען, דעם אינערליכען פראָנט און דעם אויסערליכען פראָנט. זיין איינציגער איינגע׳עקשן׳טער ענטפער צו אַלע היסטאָרישע און לאָגישע אויסזעצונגען איז געווען: „מיר וועלען געפינען א וועג ארויסצושטעלען אין דער עפענטליכ־קייט די רעגירונג, וועלכע וועט נעמען דעם ערשטען שריט צו מלחמה. מיר זיינען קלוג גענוג דאָס צו טאָן".

די דראָהענדע שטעלונג ניט נאָר מצד פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר אויך פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַרטיי, איז ניט פאַרבליבען אָהן רעזולטאַטען. די פאַרשידענע רעגירונגען האָבען באמת אָנגעווענדעט אַלע קרעפטען אָפּצוציהען דעם אויסברוך פון דער מלחמה. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. די הערשער און די דיפּלאָמאַטען זיינען צוויי מאָל פאַרזיכטיג אין צופּאַסען זייערע שריט צו דער פּאַסיפיסטישער פּסיכאָלאָגיע פון

די מאסען. זיי האָבען זיך נעשושקעט מיט די סאָציאַליסטישע פיהרער, האָבען זיך ארומגעדרעהט ארום דעם „אינטערנאציאָנאל“, און אויף אזא אופן האָבען זיי געשאפען א שטימונג, וועלכע האָט מעגליך געמאכט פאר זשאָרעס און האאזע צו ערקלערען אין בריסעלס, מיט א פּאָר טעג איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, אז זייערע רעגירונגען האָבען קיינע אנדערע אנזיכטען ניט געהאט ווי צו אָפּהיטען דעם פרידען. און ווען דער שטורם האָט אויסגעבראָכען, האָט די סאָציאַל דעמאָקראַטיע פון יעדער לאנד געזוכט דעם שולדיגען — אויף דער אנדער זייט פון גרענעץ. בעבעל׳ס אויסדרוק, וועלכער האָט געשפּיעלט די באשטימטע ראָלע פון א סטראַשונאָק, האָט פארלאָרען די גאנצע געוויכט, אזוי שנעל ווי די ערשטע קויל איז אויסגעשאָסען געוואָרען אויף די גרענעצען. די שרעקליכע זאך, וועלכע קאוטסקי האָט פאָראויסגעזאָגט, איז פארווירקליכט געוואָרען.

וואָס עס קוקט אויס אויפ׳ן ערשטען בליק אַם מערסטען איבערראַשענד, איז דאָס וואָס די סאָציאַל דעמאָקראטיע האָט באמת ניט געפיהלט די נויטווענדיגקייט פון א פּאָליטישען סטאנדארד. אין די מאָטיווען וועגען דער קאטאסטראָפע וואָס האָט געטראָפען דעם אינטערנאציאָנאל האָט זיך געפיהלט אַן אויבער־פלעכליכקייט. זיי האָבען ווידערשפּראָכען איינע די אנדערע און זיינען געווען ניט וויכטיג — דער הויפּט ארגומענט איז געווען אז דאָס פאטערלאנד מוז פארטיידיגט ווערען. ניט רעכענענדיג זיך מיט די היסטאָרישע רעזולטאטען פון דער מלחמה, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעמאָקראטיע און מיט׳ן קלאַסען־קאמף, האָט מען בלויז געהאט אין זין, אז דאָס פאטער־לאנד, וועלכעס איז צו אונז אַראָפּגעקומען היסטאָריש, מוז פארטיי־דיגט ווערען. און פארטיידיגט מוז עס ווערען ניט דערפאר, וואָס אונזער רעגירונג האָט געוואָלט שלום און זי איז „באטריגעריש אטאקירט געוואָרען“, ווי מאנכע „אינטערנאציאָנאליסטען“ ווילען עס האָבען, נאָר דערפאר, ווייל ווען עס ברעכט אויס אַ מלחמה

קומט פאַר יעדען קריעגס־פיהרענדען לאַנד די געפאַהר צו ווערען איבערפאַלען און באַזיעגט, ניט רעכענענדיג זיך מיט די באַדינגונגען און מיטלען דורך וועלכע די מלחמה איז פּראָוואָצירט געוואָרען, און ניט אַכטענדיג דערויף ווער עס איז געווען גערעכט און ווער אומגערעכט. טעאָרעטישע, פּאָליטישע, דיפּלאָמאַטישע און מיליטערישע באַטראַכטונגען ווערען פאַרוואַנדעלט אין רואינעס, ווי פון אַ ערד־ציטערניש, אַ שרפה אָדער אַ פאַרפלייצונג. די רעגירונג מיט איהר אַרמעע ווערט דערהויבען צו אַ פּאָזיציע פון דער איינציגער מאַכט וועלכע קען באַשיצען און ראַטעווען דאָס פאָלק. די גרויסע מאַסען פון פאָלק קערען זיך אום צו אַ פאַר־פּאָליטישען צושטאַנד. דיזער געפיהל פון די מאַסען, די ערשטע אָפּשפּיגלונג פון דער קאַטאַסטראָפע, דאַרף ניט קריטיקירט ווערען, ווייל דאָס איז בלויז אַ צייטווייליגער געפיהל. עס איז אָבער גאָר אַן אַנדער פראַגע בנוגע דער שטעלונג פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטי, די פאַראַנטוואָרטליכע פּאָליטישע פאַרטרעטערין פון די מאַסען. די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנען פון די פאַרמעגליכע קלאַסען און ספּעציעל די מאַכט פון דער רעגירונג זעלבסט זיינען ניט בלויז געשוואומען מיט'ן שטראָם. זיי האָבען זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט און מיט פיעל ענערגיע און דורך פאַרשידענע וועגען האָבען זיי געזוכט צו פאַרשטאַרקען די אונפּאָליטישע שטימונג און צו פאַראייניגען די מאַסען אַרום דער אַרמעע און אַרום דער רעגירונג. די סאָציאַל דעמאָקראַטיע איז ניט נאָר ניט געוואָרען טעטיג אין דער געגענזייטיגער ריכטונג, נאָר פון דעם ערשטען מאָמענט אָן האָט זי זיך אונטערוואָרפען דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און דעם אונבאַוואוסטזיניגען געפיהל פון די מאַסען. און אַנשטאַט צו באַוואָפנען די די מאַסען מיט די וואָפען פון קריטיק און מיסטרויען, כאָטש מיט אַ פּאַסיווער קריטיק און פּאַסיווען מיסטרויען, האָט זי אַליין מיט איהר גאַנצער שטעלונג געטריבען דאָס פאָלק אויפ'ן וועג פון דעם פאַר־פּאָליטישען צושטאַנד. זי האָט פאַרלייקענט איהר טראַדיציע פאַר פופציג יאָהר צייט דורך איהר פאָלשטענדיגער

באריייטקייט, וועלכע איז וויינינער פון אלץ געציילט געווארען צו ערוועקען אכטונג ביי די הערשער.

בעטמאן - האלוועג האט אנאנסירט אז די דייטשע רעגירונג האט געהאט דעם פאלשטענדיגען צוטרויען פון דייטשען פאלק און, נאך דער באהויפטונג פון „פארווערטס" און נעמענדיג אין אנבעטראכט די שטעלונג פון דער סאציאל דעמאקראטיע, האט ער געהאט פאלשטענדיג רעכט דאס צו זאגען. ווען געוויסע אומשטענ־דען וואלטען איהם ניט באוואויגען אפצולעגען פאליטישע פאלעמיק אויף א גינסטיגערען מאמענט, האט ער געקאנט זאגען פאלגענדעס ביי דער רייכסטאג זיצונג פון 4טען אויגוסט, אדרעסירענדיג די פארטרעטער פון סאציאליסטישען פראלעטאריאט: „היינט שטימט איהר איין מיט אונז, ווייל איהר זעהט איין די געפאהר וועלכע דראהעט דאס פאטערלאנד און איהר פאראייניגט זיך מיט אונז אין דעם פארזוך צו באזייטיגען די געפאהר דורך געוועהר. אבער די געפאהר איז ניט אויסגעוואקסען ערשט נעכטען. איהר האט דאך ווארשיינליך פריהער אויך געוואוסט פון דער עקזיסטענץ און פון די טענדענצען פון צאריזם און איהר האט געוואוסט, אז מיר האבען געהאט אויך אנדערע שונאים. און אויב אזוי, טא מיט וואס פאר א רעכט האט איהר אונז אטאקירט ווען מיר האבען אויפגעבייט אונזער ארמעע און פלאטע? מיט וואס פאר א רעכט האט איהר זיך ענטזאגט צו שטימען פאר די מיליטערישע אויס־גאבען יאהר איין יאהר אויס? איז דאס געווען אויס פארראט, אדער אויס בלינדקייט? אויב מיר וואלטען טאקע ניט אויפגעבויט אונזער ארמעע, וואלטען מיר איצט געווען הילפלאז נעגען דער רוסישער געפאהר, וועלכע האט אייך געבראכט צום שכל. וויפיעל הוצאות איהר וואלט איצט ניט באוויליגט, וואלטען זיי ניט פאר־ריכט דעם פארלוסט פאר דער גאנצער צייט. מיר וואלטען איצט געווען אהן וואפען, אהן קאנאנען, אהן פעסטונגען. מיט אייער היינטיגען שטימען פאר דעם מלחמה־קרעדיט פון פינף ביליאן גיט איהר צו, אז אייער אל־יעהרליכע געגנערשאפט צום בודושעט אין

געווען בלויז א פוסטע דעמאָנסטראציע, און, וואָס איז נאָך ערגער, עס איז געווען א שטיק פּאָליטישע דעמאגאָגיע. אזוי שנעל ווי איהר זייט געשטעלט געוואָרען פּנים אל פּנים מיט אַן ערנסטען היסטאָרישען אנאַליז, האָט איהר פארלייקענט אייער גאנצע פארגאנגענהייט".

אָט דאָס האָט דער רייכסקאנצלער געקאָנט זאָגען, און זיין רעדע וואָלט געווען איבערצייגענד. און וואָס וואָלט האאזע געקאָנט ענטפערען ?

„מיר האָבען קיין מאָל ניט גענומען קיין שטעלונג אין באצוג צו דייטשלאנד׳ס ענטוואפנונג, צוליעב די געפאהרען פון אויסער־ליבע שונאים. אזא לעבערליכער שלום איז קיין מאָל ניט געווען אין אונזערע געדאנקען. אזוי לאנג ווי אינטערנאציאָנאלע באדינ־גונגען באשאפען מיט זיך אליין א געפאהר פאר מלחמה, ווילען מיר אז דייטשלאנד זאָל זיין זיכער געגען אַן איבערפאל און פארשקלאפונג. וואָס מיר ווילען איז — צו שאפען אזא מילי־טערישע אָרגאניזאציאָן, וועלכע קען ניט — ווי עס איז דער פאל מיט א קינסטליך באשאפענער אָרגאניזאציאָן — געמאכט ווערען צו דינען קלאסען עקספּלואטאציאָן אין דער היים און אימפּעריאליס־טישע אונטערנעמונגען אין אויסלאנד, אָבער וועלכע וועט זיין אונבאזיגבאר אין נאציאָנאלער פארטיידיגונג. מיר ווילען א מיליץ. מיר קענען אייך ניט אנפערטרויען מיט דער ארבייט פון נאציאָנאלער פארטיידיגונג. איהר האָט פארוואנדעלט די ארמעע אין א שול פון רעאקציאָנערע איבונגען. איהר האָט געמושטירט די אָפיצערסקע קאָרפּוסען צו האסען דעם וויכטיגסטען קלאס אין דער מאָדערנער געזעלשאפט, דעם פּראָלעטאריאט. איהר זייט פעהיג צו ריזיקירען מיט מיליאָנען מענשליכע לעבענס, ניט פאר די אמת׳ע אינטערעסען פון פאָלק, נאָר פאר די עגאאיסטישע אינ־טערעסען פון דער הערשענדער מינאָריטעט, וועלכע איהר פארדעקט אונטער דעם מאנטעל פון נאציאָנאלע אידעאלען און כבוד פון שטאאט. מיר טרויען אייך ניט און דערפאר האָבען מיר יאָהר־

איין און יאָהר־אוים ערקלערט: „קיין איין מאַן און קיין איין סענט פאַר דער קלאַסען רעגירונג!“

„אָבער פינף ביליאָן!“ קענען זיך דערהערען שטימען פון רעכטס און לינקס.

„אומגליקליכערוויייזע האָבען מיר איצט ניט קיין אנדער ברירה. מיר האָבען ניט קיין אנדער ארמעע אויסער דער וואָס איז באַשאַפען געוואָרען פון די איצטיגע הערשער פון דייטשלאַנד, און דער שונא שטעהט הינטער אונזערע טויערען. מיר קענען ניט אויף דעם מאָמענט איינפיהרען אַ פאָלקס־מיליץ אנשטאַט ווילהעלם דעם צווייטענס ארמעע, און אין דעם פאַל קענען מיר ניט ענטזאַגען שפּייז, קליידער און קריעגס־מאַטעריאַלען צו דער ארמעע, וועלכע פארטיידיגט אונז, עס מאַכט ניט אוים ווי אַזוי זי איז צוזאַמענגעשטעלט. מיר לייקענען ניט אונזער פאַרגאַנגענהייט און מיר זאָגען זיך ניט אָפּ פון דער צוקונפט. מיר זיינען געצוואונגען צו שטימען פאַר די מלחמה אויסגאַבען“.

דאָס וואָלט געווען די איבערצייגענדסטע רעדע וואָס האַזע וואָלט געקאָנט האַלטען.

דאָך, כאָטש אַזאַ בליק האָט געקאָנט געבען אַן ערקלערונג וואָרום די סאָציאַליסטישע ארבייטער אַלס בירגער האָבען ניט געשטערט די מיליטערישע אָרגאַניזאַציאָן און האָבען בלויז ערפילט זייער בירגערליכע פליכט, וועלכע איז אויף זיי ארויפגעצוואונגען געוואָרען דורך די אומשטענדען, וואָלטען מיר נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַן ענטפער צו דער הויפּט פראַגע: וואָרום האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַלס אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן פון אַ קלאַס, וועלכען מען האָט ענטזאַגט אַ חלק אין דער רעגירונג, אַלס אַ ביטער־רער שונא פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אַלס אַ רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, אַלס אַ טייל פון אינטערנאַציאָנאַל — וואָרום האָט זי גענומען אויף זיך אַליין די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די האַנדלונגען פון איהרע פאַרביסענע קלאַס־שונאים?

אויב עס איז פאַר אונז אויף דעם מאָמענט אונמעגליך צו

שאפען א מיליץ אנשטאט דער האָהענצאָלערן ארמעע, הייסט דאָס אָבער ניט, אז מיר מוזען איצט נעמען אויף זיך די פאראנטוואָרטליכקייט פאר דער האנדלונג פון דער ארמעע. אויב אין צייט פון פרידליכער, נאָרמאלער שטאאט פארוואלטונג פיהרען מיר קריעג געגען דער מאָנארכיע, בורזשואזיע און מיליטאריזם, און מיר זיינען פארפליכטעט צו די מאסען אָנצופיהרען די מלחמה מיט דער גאנצער געוויכט פון אונזער מאכט, דאן באגעהן מיר דעם גרעסטען פארברעכען געגען דער צוקונפט, ווען מיר גיבען איבער אונזער אויטאָריטעט צו דער מאָנארכיע, בורזשואזיע און מיליטאריזם אין דער צייט ווען זיי באנוצען זיך מיט די שרעקליכע בארבארישע און אונמענשליכע מלחמה־מעטאָדען.

ניט די נאציאָן און ניט דער שטאאט קען אויסמיידען די פליכט פון פארטיידיגען דאָס פאטערלאנד. אָבער ווען מיר ענטזאגען אונזערע הערשער אונזער צוטרויען, בארויבען מיר אויף קיין פאל ניט דעם בירזשואזען שטאאט פון זיינע געוועהר אָדער מיטלען פון פארטיידיגונג אָדער אפילו פון אנגריף — אזוי לאנג ווי מיר זיינען ניט שטארק גענוג ארויסצורייסען די מאכט פון איהרע הענט. אין צייט פון מלחמה, ווי אין צייט פון פריעדען, זיינען מיר אן אָפּאָזיציאָנס פארטיי און ניט א פארטיי וועלכע האָט מאכט. אויף אזא אופן קענען מיר אויך גיכער דינען דעם טייל פון אונזער אויפגאבע, וועלכע מלחמה ברענגט ארויס אזוי בולט — די ארבייט פון נאציאָנאלער אונאפהענגיגקייט. די סאָציאל דעמאָקראטיע קען ניט איבערלאָזען אז דער שיקזאל פון וועלכער־עס־איז נאציאָן, די אייגענע אָדער אן אנדער נאציאָן, זאָל זיין אפהענגיג פון מיליטערישען ערפאָלג. און ארויפווארפענדיג אויף דעם קאפיטאליסטישען שטאאט די פאראנטוואָרטליכקייט פאר די מעטאָדען מיט וועלכע ער פארטיידיגט אונאפהענגיקייט, דאָס הייסט, די פארגוואלדיגונג פון דער אונאפהענגיגקייט פון אנדערע שטאאטען, לעגט אוועק די סאָציאל דעמאָקראטיע דעם גרונד־שטיין פאר אמת׳ע נאציאנאלע אונאפהענגיגקייט און דעם געוויסען פון

די מאַסען פון אַלע פעלקער. דורך אָפּהיטען און ענטוויקלען די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון די ארבייטער, פאַרזיכערען מיר די אונאָפּהענגיגקייט פון דער נאַציאָן — און מיר מאַכען זי אונאָפּהענגיג פון דער פאַרשקלאַפּונג פון קאַנאָנען.

אויב צאַריזם איז אַ געפאַהר פאַר דייטשלאַנדס אונאָפּהענגיגקייט, איז דאָ בלויז איין מיטעל, וועלכער קען ערפאָלגרייך באַזייטיגען די געפאַהר און דער מיטעל איז — די סאָלידאַריטעט פון די רוסישע און דייטשע ארבייטער מאַסען. אָבער אַזאַ סאָלידאַריטעט וואָלט אונטערגעגראָבען די פּאָליטיק וועלכע ווילהעלם דער צווייטער האָט ערקלערט בשעת ער האָט געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק שטעהט הינטער איהם. וואָס זאָלען מיר, רוסישע סאָציאַליסטען, זאָגען צו די רוסישע ארבייטער ווען די קוילען מיט וועלכע די דייטשע ארבייטער שיטען אויף זיי טראָגען דעם פּאָליטישען און מאָראַלען שטעמפּעל פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטיע?
„מיר קאָנען ניט באַשטימען אונזער פּאָליטיק פאַר רוסלאַנד, מיר באַשטימען זי פאַר דייטשלאַנד", איז געווען דער ענטפער וואָס איז מיר געגעבען געוואָרען פון אייגעם פון די פּראָמינענטסטע פיהרער פון דער דייטשער פּאַרטיי, ווען איך האָב איהם געשטעלט די פראַגע. און אין יענעם מאָמענט האָב איך געפיהלט מיט גרויס ווייטאָג וואָס פאַר אַ קלאַפּ דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געקראָגען פון אינעווייניג.

עס איז קלאָר אַז די לאַגע ווערט ניט פאַרבעסערט אויב די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון ביידע קריעגס־פיהרענדע לענדער לאָזען איבער זייער גורל צוזאַמען מיט דעם גורל פון די רעגירונגען, ווי עס איז געווען דער פאַל אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. קיין אויסערליכע קראַפט, קיין פאַרבאָטונג אָדער פאַרניכטונג פון סאָציאַליסטישע פאַרמעגענס, קיינע ארעסטען און טורמע טערמינען האָבען ניט געקאָנט געבען אַזאַ קלאַפּ צום אינטערנאַציאָנאַל, ווי ער האָט זיך אַליין געגעבען מיט די אייגענע הענט דורך דעם, וואָס ער האָט זיך אונטערגעגעבען צום מאָלאָך פון שטאַאט, אַזוי שנעל

צווישען סאָציאַליסט, וועלכער ווערנט דעם דייטש. אויב לודוויג פרענק נעמט זיין ביקס, ניט צו פראָקלאמירען דעם „אונטערשיער אין פרינציפ" צו די פראנצויזישע סאָציאַליסטען, נאָר צו דערשיסען זיי, זיינענדיג פאָלשטענדיג איינשטימיג מיט'ן פרינציפ; און אויב לודוויג פרענק זאָל אליין פאַלען פון א פראנצויזישע קויל — ארויסגעשאָסען געוואָרען פיליכט פון א גענאָסע — איז דאָס ניט קיין געפאהר פאר זייערע געמיינשאפטליכע „סטאנדארדס"? עס איז בלויז דער רעזולטאט פון דעם „אונטערשיער אין זייער געאָגראַפישער פּאָזיציע". אמת, עס איז ביטער צו לעזען אזעלכע שורות, ספּעציעל ווען זיי קומען פון קאוטסקי'ס פעדער.

דער אינטערנאציאָנאַל איז געווען געגען דער מלחמה.

„אויב מיר זאָלען דאָך האָבען מלחמה, ניט אכטענדיג אויף די אנשטרענגונגען פון דער סאָציאַל דעמאָקראטיע", זאָגט קאוטסקי, „דאן מיז יעדע נאציאָן זיך רעטען אויף דעם בעסטען וועג, וואָס זי קען. דאָס מיינט, אז די סאָציאַל דעמאָקראטיע פון יעדען לאנד האָט דאָסזעלבע רעכט און די זעלבע פליכט צו באטייליגען זיך אין דער פארטיידיגונג פון לאנד, און דאָס דארף ניט דיענען אלס אורזאכע צי מאכען פּאָרווירפע איינער דעם אנדערען. („נייע צייט", 337, זי ט 7).

אָט דאָס איז דער „געמיינשאפטליכער סטאנדארד": — יעדער איינער זאָל היטען זיין אייגענע פעל, זאָלען זיך איינע די אנדערע ברעכען די קעפּ אין זעלבסט־פארטיידיגונג און ניט מאכען קיין „פּאָרווירפע" איינער דעם צווייטען פאר טאָן דאָס.

וועט אָבער די פראגע פארענטפערט ווערען דורך דעם, וואָס מען וועט איינשטימען אויף א סטאנדארד פון אורטיילען? וועט זי ניט פארענטפערט ווערען גיכער דורך דער קוואַליטעט פון דעם געמיינשאפטליכען סטאנדארד פון אורטיילען? צווישען בעטהמאן־האלוועג, סאזאָנאָוו, גרעי און דעלקאסע געפינט איהר אויך א פאר־שטענדעניס וועגען זייער סטאנדארד. זיי האָבען אויך ניט קיין אונטערשיעד אין פרינציפען. און וועניגער פון אלעם האָבען זיי

ווי ער האָט אָנגעהויבען ריידען אין ווערטער פון בלוט און אייזען.

— — — — — — — — — —

אין זיין רעדע אויף דעם צוזאמענפאָר אין עסען האָט קאוטסקי געמאָלען אַ שרעקליך בילד, ווי איין ברודער שטעהט אויף געגען אַ צווייטען ברודער אין נאמען פון אַ „פּארטיידיגונגס קריעג“ — אלס אַן ארגומענט אָבער ניט אַלס אַ ווירקליכע מעגליכקייט. איצט אַז דאָס בילד איז געוואָרען אַ בלוטיגע ווירקליכקייט, סטארעט זיך קאוטסקי אונז צוצופּאַסען צו דעם בילד. ער זעהט ניט דעם צוזאמענברוך פון אינטערנאציאָנאַל.

„דער אונטערשיעד צווישען די דייטשע און פראנצויזישע סאציאליסטען ליגט ניט אין דעם סטאנדארד פון אורטיילען און אויך ניט אין זייער פונדאמענטאלען שטאנדפּונקט, נאָר אין דעם אונטערשיעד ווי אַזוי זיי טייטשען אויס די איצטיגע לאגע, וועלכע איז אפּהענגיג פון דעם אונטערשיעד אין זייער געאָגראפישער פּאָזיציע. צוליעב דעם קען, נאַטירליך, דער אונטערשיעד קוים באזייטיגט ווערען, אזוי לאנג ווי די מלחמה געהט אָן. דער אונ־טערשיעד איז ניט קיין פּרינציפּיעלער, נאָר אזא וואָס קומט אַרויס צוליעב ספּעציעלע אומשטענדען און עס דארף ניט אָנהאלטען נאָך דעם ווי די אומשטענדען האָבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען“. (נייע צייט 337, זייט 3).

וועז גער און זעמבאַ ערשיינען אלס ארויסהעלפער פון פּאָינ־קארע, ־עלקאסע און בריאן און אלס געגנער פון בעטהמאן־האלוועג; ווען די פראנצויזישע און דייטשע ארבייטער שניידען זיך איינע די אנדערע די העלזער און זיי טוען דאָס ניט אלס געצוואונגענע בירגער פון דער בורזשואזער רעפּובליק אָדער פון דער האָהענצאָ־לערן מאָנארכיע, נאָר אלס סאָציאליסטען, וועלכע טוען זייער פליכט אונטער דער גייסטיגער פיהרערשאפט פון זייערע פּארטייען, איז דאָס ניט קיין צוזאמענברוך פון אינטערנאציאָנאַל? דער „סטאנדארד פון אורטיילען“ איז דער זעלבער פאר דעם דייטשען סאָציאליסט, וועלכער מאָרדעט דעם פראנצויז, ווי פאר דעם פראנ־

דאָס רעכט צו מאכען פאָרוואורפע איינער דעם אנדערען. זייער האנדלונג קומט פון דעם „אונטערשיעד אין זייער געאָגראַפישער פּאָזיציע". וואָלט בעטהמאַן־האלוועג געווען אן ענגלישער מיניס־טער, וואָלט ער געהאנדעלט פונקט ווי סער עדוואַרד גרעי. זייערע סטאַנדאַרדס זיינען דיזעלבע, פונקט ווי זייערע קאַנאָנען זיינען דיזעלבע, מיט דעם אונטערשיעד, פיללייכט, פון זייער גרויס. פאַר אונז שטעהט אָבער די פראַגע: קענען מיר אָננעמען זייערע סטאַנדאַרדס?

„גליקליכערווייזע איז עס א מיספאַרשטענדעניס אָנצונעמען, אז די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע אין דער צייט פון מלחמה וואָלט זיך וועלען רעכענען מיט נאַציאָנאַלע און ניט מיט אינטער־נאַציאָנאַלע פראַגען, און וואָלט זיך געפיהלט פריהער פון אַלץ א דייטשע און ערשט נאַכהער א פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי".

אזוי האָט קאַוטסקי ערקלערט אין עסען. און איצט ווען דער נאַציאָנאַלער שטאַנדפּונקט האָט ארומגעכאַפּט אַלע ארבייטער פּאַרטייען פון אינטערנאַציאָנאַל, אנשטאַט דעם אינטערנאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט, וועלכען זיי האָבען געמיינשאַפטליך געהאַלטען, פּאַסט זיך קאַוטסקי צו ניט נאָר צו דער „מיספאַרשטענדניס", נאָר ער באַמיהט זיך צו געפינען אין דעם א פאַרשטענדניס ווענען סטאַנ־דאַרדס און א גאַראַנטיע פאַר דער אויפבויאונג פון אינטערנאַ־ציאָנאַל.

„אין יעדען נאַציאָנאַלען שטאַאַט מוז אויך דער פּראָלעטאַ־ריאַט אָנשטרענגען אַלע זיינע כוחות אויפצוהאַלטען די גאַנצקייט און אונאָפּהענגיגקייט פון דער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע. דאָס איז א וויכטיגער פּונקט פון דעמאָקראַטיע און דאָס איז נויטיג פאַר'ן קאַמף און פאַר דעם ענדליכען זיעג פון פּראָלעטאַריאַט". („נייע צייט", 337, זייט 4).

נאָר אויב דאָס איז דער פאַל, טאָ וואָס איז עפּעס מכח דער

עסטרייכישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע? מוז זי אויך אָפּגעבען איהר גאַנצע ענערגיע אום צו פאַרהיטען די ניט־נאַציאָנאַלע און אַנטי־נאַציאָנאַלע עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע? און די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע? דורך דעם וואָס זי האָט זיך פּאָליטיש פאַראייניגט מיט דער דייטשער אַרמעע העלפט זי ניט נאָר אויפצוהאַלטען דעם עסטרייך־אונגאַרישען נאַציאָנאַלען כאַאָס, נאָר זי העלפט אויך צו אונטערגראָבען די דייטשע נאַציאָנאַלע איינהייט. נאַציאָנאַלע איינהייט שטעהט אין געפאַהר ניט בלויז אין פאַל פון אַ נידערלאַגע, נאָר אויך אין פאַל פון אַ זיעג.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט איז עס פּונקט אַזוי שעדליך אויב דייטשען רייסען אָפּ אַ שטיק פראַנצויזישע טעריטאָריע, אָדער פראַנקרייך פאַרכאַפּט אַ שטיק דייטשע טעריטאָריע. נאָך מעהר, אונזער פּראָגראַם שליסט גאָר אין גאַנצען ניט איין קיין פּונקט וועגען אויפהאַלטען דעם „סטאַטוס קוואָ“ פון אייראָפּאַ. די פּאָליטישע לאַנדקאַרטע פון אייראָפּאַ איז גענומען געוואָרען מיט'ן שפּיץ פון שווערד, טרעטענדיג איבער לעבעדיגע מענשליכע קערפּערס אויף יעדער גרענעץ־ליניע. אויב די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע העלפט אַרויס איהרע נאַציאָנאַלע (אָדער אַנטי־נאַציאָנאַלע) רעגירונגען מיט איהר גאַנצער ענערגיע, לאָזט זי ווידער איבער דאָס אויסאַרבייטען פון דער לאַנדקאַרטע פון אייראָפּאַ צו דער מאַכט און צום פאַרשטאַנד פון שווערד. און, צוברעכענדיג דעם אינטערנאַציאָנאַל אויף שטיקער, פאַרניכטעט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע די איינציגע מאַכט, וועלכע איז אימשטאַנד אויסצואַרבייטען אַ פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלע אונאָפּהענגיגקייט און דעמאָקראַטיע אַלס אַ ווידערשטאַנד צו דער טעטינקייט פון שווערד, און מעהר אָדער ווייניגער פאַרווירקליכען דאָס פּראָגראַם, גאָר אונאָפּהענגיג פון דעם, וועלכע שווערד עס וועט זיין זיעגרייך.

די אַלטע ערפאַהרונג איז ווידער אַמאָל באַשטעטיגט. אויב

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטעלט אוועק די נאַציאָנאַלע פליכטען העכער פון די קלאַסען פליכטען, באַגעהט זי דעם גרעסטען פאַר־ברעכען ניט נאָר געגען סאָציאַליזם, נאָר אויך געגען די אינטערעסען פון דער נאַציאָן, ווי מיר פאַרשטעהען די אינטערעסען פון א געראַכ־טען און ברייטען שטאַנדפונקט.

מלחמה אָדער פריעדען.

אנמערקונג:

„מלחמה אָדער פריערען" — איז געווען געדרוקט דעם 20טען מערץ 1917 אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער טעגליכער צייטונג „נאָווי מיר", וואָס ערשיינט אין ניו יאָרק.

טראָצקי איז געווען אין ניו יאָרק, ווען עס זיינען אָנגעקומען די ידיעות וועגען דעם נייעם אויפשטאנד אין רוסלאנד. פאַר איהם איז דאָס געווען אַ נייער קוואַל פון באַגייסטערונג און האָפנונג.

אין יעדען אויפשטאנד פון פראָלעטאַריאט זעהט ער פאַר זיך דעם מאַרש פון דער רעוואָלוציע. אין אַ טאָן פון אַ נביא ערקלערט ער אין דיזען ארטיקעל, אַז „די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע וועט זיין דער אנפאנג פון א מעכטיגען סאָציאל־רעוואָלוציאָנערען קאמף אין אייראָפּא, וואָס וועט ברענגען פריעדען צו דער בלוט־אָנגעזאפטער וועלט".

מלחמה אָדער פריעדען ?

די פראַגע וואָס אינטערעסירט יעצט זעהר שטארק די רעגירונג און די פעלקער פון דער וועלט, איז, — וואָס וועט זיין דער איינפלוס פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן אויף דער מלחמה ? וועט דאָס ברענגען נעהנטער צו פריעדען ? אָדער וועט דער רעוואָלוציאָנערער ענטוזיאזם פון דעם פאָלק זיך אויסדריקען אין א מעהר העלדישער דורכפיהרונג פון דער מלחמה ?

דאָס איז די גרויסע פראגע. פון דער לייזונג פון דער פראגע איז אפהענגיג ניט בלויז דער רעזולטאט פון דער מלחמה, זאָנדערן אויך דער שיקזאַל פון דער רעוואָלוציאָן אליין.

אין 1905 האָט מיליוקאָוו, דער איצטינער מיניסטער פון אויסערן, גערופען די רוסיש־יאפאנעזישע מלחמה, א ריזיקאַלישע אונטערנעמונג און געפאָדערט, אז זי זאָל גלייך געענדיגט ווערען. דאָס איז אויך געווען דער גייסט פון דער ליבעראַלער און ראדיקאַלער פרעסע. די שטארקסטע אינדוסטריעלע אָרגאניזאציאָנען האָבען זיך אויסגעדריקט צום גונסטען פון א באַלדיגען פריעדען, ניט קוקענדיג אויף די גרויסע אומגליקען, וואָס האָבען צו זיך קיין גלייכען ניט געהאט. ווארום איז דאָס אזוי געווען ? ווייל זיי האָבען ערוואַרטעט אינערליכע רעפאָרמען. זיי האָבען געהאָפט, אז דאָס גרינדען פון א קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג, א פארלאמענטארישער קאָנטראָל איבער די בורזשעטען און די רעגירונגס־פינאנסען, א בעסערע שול־סיסטעם און הויפטזעכליך דאָס געבען די פויערים מעהר לאנד, וועט ברענגען בעסערע צייטען פאר דער באפעלקערונג און שאפען א ברייטען אינערליכען מארק פאר דער רוסישער אינדוסטריע. ס'איז אמת, אז אפילו דאמאלס, מיט צוועלף יאהר צוריק, איז די רוסישע בורזשואזיע געווען גרייט צו פארכאפען דאָס

לאַנד וואָס האָט באַלאַנגט צו אַנדערע. זי האָט געהאַפּט, אַז דאָס אָפּשאַפען פון די פעאָדאַלע באַציהונגען אין די דערפער וועט שאַפען אַ מענטיגערען האַנדעלס־מאַרק ווי דאָס פאַרנעמען פון מאַנדזשוריע אָדער קאָרעאַ.

דאָס דעמאָקראַטיזירען פון דעם לאַנד און דאָס באַפרייען פון די פויערים איז אָבער געגאַנגען אויף אַ זעהר לאַנגזאַמען וועג. ניט דער צאַר, ניט די אַדעליגע, ניט די ביוראָקראַטיע האָבען געוואָלט נאָכגעבען עפּעס פון זייערע פריווילעגיעס. די ליבעראַלע אויפּמונטערונג איז ניט געווען שטאַרק גענוג צו מאַכען זיי איבערגעבען די מאַשינעריע פון דער רעגירונג און זייער לאַנד אייגענטום. עס האָט זיך געפאָדערט אַ רעוואָלוציאָנערער אָנפאַל פון די מאַסען. דאָס האָט די בורזשואַזיע ניט געוואָלט. דער אַגראַרישער אויפשטאַנד פון די פויערים, דער אַלץ־וואַקסענדער קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דאָס פאַרשפּרייטען זיך פון די בונטען אין דער אַרמעע, האָט געמאַכט די ליבעראַלע בורזשואַזיע אַריינצופאַלען צוריק אין דעם לאַגער פון דער צאַרישער ביוראָקראַטיע און רעאַקציאָנערע אַדעליגע. זייער פאַרבאַנד איז געוואָרען געשטעמפּעלט מיט דער רעגירונגס איבערקערעניש פון דעם 3טען יוני, 1907. פון דער רעגירונגס איבערקערעניש איז אויסגעוואַקסען די דריטע און די פיערט'ע דומאַ.

די פויערים האָבען קיין לאַנד ניט געקראָגען. די רעגירונגס־סיסטעם האָט זיך געענדערט בלויז אין נאָמען, אָבער ניט אין אינהאַלט. דאָס ענטוויקלען פון אַן אינערליכען מאַרק וואָס זאָל ברענגען צו אַן אויפבליהענדען צושטאַנד ביי די לאַנד און גערטנער אייגענטימער, — ווי דאָס איז אין אַמעריקא, — איז ניט פאָרגעקומען. די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען האָבען זיך איבערגעבעטען מיט דעם רעזשים פון 3טען יוני און האָבען געווענדעט זייער אויפמערקזאַמקייט אויף פאַרכאַפּען אויסלענדישע מערק. עס איז אָנגעקומען אַ נייע צייט פאַר דעם רוסישען אימפּעריאַליזם, אַן אימפּעריאַליזם וואָס איז געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט אַן אונרעגעלמעסיגער פי־

נאַנציעלער און מיליטערישער סיסטעם, און מיט אונערזעטיגטע אפּעטיטען. גוטשקאָוו, דער יעצטיגער קריגס מיניסטער, איז פריהער געוועזן אַ מיטגליד פון דעם קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלע פארטיידיגונג, וואָס האָט געהאָלפען פארפאָלקאָמען די ארמעע און די פלאָטע. מיליוקאָוו, דער איצטיגער מיניסטער פון אויסערן, האָט אויסגעארבייט אַ פּראָגראם פון פארכאפּען די וועלט, וועלכען ער האָט פאָרגעלעגט אויף זיין רייזע איבער איירָאָפּא. דער רוסישער אימפּעריאליזם און זיינע פארטרעטער פון דער אקטאַבריסטישער און קאַדעטישער פארטייען האָבען אַ גרויסען חלק אין דער פאַראנטוואָרטליכקייט פאַר דער יעצטיגער מלחמה.

אַ דאַנק דער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט זיי שטאַרק ניט געשמעקט און וועלכע זיי האָבען באַקעמפט, זיינען גוטשקאָוו און מיליוקאָוו יעצט אין מאַכט. פאַר די פּאָרטזעצונג פון דער קריעג, פאַר אַ זיעג ? פאַרשטעהט זיך ! זיי זיינען די זעלבע פּערזאָנען, וועלכע האָבען ארייננעשלעפּט דאָס לאַנד אין דער מלחמה צוליעב די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל. זייער גאַנצע נעגנערשאַפט צום צאַריזם האָט נעשטאַמט פון זייער אונערזעטיגטע אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטען.

אַזוי לאַנג ווי די קליקע פון ניקאָלאַי דעם צווייטען איז געווען אין מאַכט, האָבען די אינטערעסען פון דער צאַרישער משפּחה און פון די רעאַקציאָנערע אַדעליגע געהערשט איבער די רוסישע אויסערליכע אנגעלעגענהייטען. דאָס איז די אורזאַכע ווארום בערלין און וויען האָבען געהאָפט צו שליסען אַ באַזונדערען פריעדען מיט רוסלאַנד. יעצט אבער, פארנעמען רייך־אימפּעריאַליסטישע אינטערעסען דעם פּלאַץ פון די אינטערעסען פון צאַריזם ; אָן אמת׳ער אימפּעריאַליזם איז אויפגעשריבען אויף דער פאָהן פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. „די רעגירונג פון דעם צאַר איז פארשוואונדען“, — זאָגען די מיליוקאָוו׳ס צום פאָלק, — „יעצט דאַרפט איהר פאַרגיסען אייער בלוט פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסען פון דער גאַנצע נאַציאָן“. אונטער די אינטערעסען פארשטעהען די אימ־

פעריאַליסטען דאָס צוריקגעווינען פון פוילען, דאָס באַזיגען פון גאַליציען, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ארמעניען, פערסיען.

דאָס ענדערען דעם אימפּעריאַליזם פון דער דינאַסטיע און די אַדעליגע אויף אַן אימפּעריאַליזם פון אַ ריין־בורזשואַזען כאַראַקטער קאָן קיינמאָל ניט צוציהען דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט צו דער מלחמה. אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאַמף געגען דער וועלט־אויסשלאַכטונג און געגען אימפּעריאַליזם איז אונזער ציעל יעצט מעהר ווי ווען עס איז פריהער. די לעצטע נייעס וועלכע דערצעהלען וועגען אַן אַנטי־מיליטעריסטישער פּראָפּאַגאַנדא אין די גאַסען פון פּעטראָגראַד צייגט, אַז אונזערע חברים ערפילען העלדיש זייער פליכט.

די אימפּעריאַליסטישע באַרימערייען פון מיליוקאָוו צו דערשטיקען דייטשלאַנד, עסטרייך און טערקיי איז די בעסטע שטיצע צו דער רעכטער צייט פאַר די האָהענצאָלערנס און האַפּסבורגס...

מיליוקאָוו וועט יעצט דיענען אַלס אַן אָפּשרעקונגס־מיטעל אין זייערע הענד. די ליבעראַלע אימפּעריאַליסטישע רעגירונג פון רוסלאַנד האָט נאָך ניט אָנגעפאַנגען איינצופירען רעפאָרמען אין איהר אייגענער אַרמעע, דאָך איז זי שוין גרייט צו העלפען די האָהענצאָלערנס פארשטאַרקען דעם פּאַטריאָטישען גייסט און פאַרלאַטען די צוריסענע „נאַציאָנאַלע גאַנצקייט" פון דעם דייטשען פאָלק. ווען דעם דייטשען פּראָלעטאַריאַט זאָל געגעבען ווערען דאָס רעכט צו דענקען, אַז דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק און די הויפּטקראַפט פון דער רעוואָלוציאָן, דער פּראָלעטאַריאַט, שטעהען הינטער דער בורזשואַזער רוסישער רעגירונג, וואָלט דאָס געוועזען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר די וואָס שטעהען אויף אונזער שטאַנדפּונקט, די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען פון דייטשלאַנד. צו פאַרוואַנדלען דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט אין פּאַטריאָטישען קאַנאָנענפלייש, וואָס זאָל דיענען דער רוסישער ליבעראַלער בורזשואַזיע,

וואָלט געמיינט אריינוואַרפען די דייטשע ארבייטער מאסען אין דעם לאנגער פון די שאָוויניסטען און פאר א לאנגע צייט צוריקהאלטען דעם פּראָגרעס פון א רעוואָלוציאָן אין דייטשלאנד.

די הויפט פליכט פון דעם רעוואָלוציאָנערען פראָלעטאריאט אין רוסלאנד איז צו צייגען, אז עס איז ניטאָ קיין מאכט אונטער דעם פארדאָרבענעם אימפעריאליסטישען ווילען פון דער ליבעראלער בורזשואזיע. די רוסישע רעוואָלוציאָן דארף ווייזען דער גאנצער וועלט איהר אמת'ען פנים.

דער ווייטערדיגער פּראָגרעס פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאמף אין רוסלאנד און די גרינדונג פון א רעוואָלוציאָנערער ארבייטער רעגירונג, געשטיצט פון פאָלק, וועט זיין א טויט־קלאפ צו די האָהענצאָלערנס, ווייל דאָס וועט זיין א מעכטיגער רייץ־מיטעל פאר דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג פון דעם דייטשען פּראָלעטאריאט און פאר די ארבייטער־מאסען פון אלע אנדערע לענדער.

אויב די ערשטע רוסישע רעוואלוציאן, פון 1905, האָט פארורזאכט רעוואָלוציאָנען אין אזיען, — אין פערסיען, טערקיי, כינא, — וועט די צווייטע רוסישע רעוואָלוציאָן זיין דער אנפאנג פון א מעכטיגען סאציאל־רעוואלוציאנערען קאמף אין אייראפא. בלויז דער קאמף וועט ברענגען אן אמת'ען פריעדען פאר דער וועלט וואָס איז דורכגעווייקט אין בלוט.

ניין, דער רוסישער פּראָלעטאריאט וועט ניט ערלויבען צו לאָזען זיך איינשפאנען אין דעם וואָגען פון מיליוקאָוו'ס אימפעריא־

ליזם. דער פאָהן פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פלאַ־טערט יעצט מעהר, ווי ווען עס איז פריהער, מיט די ליכטיגע לאָזונ־גען פון אונביינזאַמען אינטערנאַציאָנאַליזם :

נידער מיט די אימפעריאַליסטישע רויבער !
לאַנג זאָל לעבען א רעוואָלוציאָנערע ארבייטער־רעגירונג !
לאַנג זאָל לעבען פריעדען און די ברידערליכקייט פון פעלקער !

וואָס איז געשעהן ?

אַנמערקונג:

די לעצטע דריי קאַפּיטלען פון דעם בוך — „וואָס איז געשעהן?", „דער כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן", „אינטערנאציאנאלע טאַקטיק", זיינען ענטנומען פון טראָצקי'ס אַ בראָשורע, וואס איז ער־שיענען אין פּעטראגראד אין סעפּטעמבער 1917.

אין אויגוסט 1917 איז די רעוואָלוציע געווען פּאַרפּלייצט פון רע־אקציאָנערע כוואליעס, און אונטער דער דיקטאַטור פון דעם „סאָציאליסט" קערענסקי האָבען די „קאַדעטען" (די „קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען", א ליבעראל־בורזשואַזע פּאַרטיי אין רוסלאַנד, זיינען אויך באקאנט אונטער'ן אָפּגעקירצטען נאָמען: "קאַדעטען") און די אנדערע בורזשואַזע אימפּע־ריאליסטען זיך צוגעגרייט צו אן איבערקערעניש, וואס האָט געזאָלט פארניכטען די סאוויעטען — און פארשטענדליך, אויך די רעוואָלוציע. דער דאמאלסדיגער צענטראל קאָמיטעט פון די אל־רוסישע סאוויעטען האָט אונטערשטיצט קערענסקי'ן. פאר קערענסקי'ן איז די אונ־טערשטיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט אַליין ניט געווען צו־פריעדענשטעלענד, ווייל פאר זיינע צוועקען האָט ער געדאַרפט האָבען א מאַנדאַט „פון אלע קלאסען." די רעגיערונג האָט דארום צוזא־מענגערופען א נאציאָנאלע קאָנפערענץ, וועלכע איז אפּגעהאלטען געווא־רען אין מאָסקווע דעם 26טען אויגוסט. דער צוועק פון דער קאָנפערענץ איז געווען ניט בלויז „אויסצוברייטען דעם באזיס" פון דער פראוויזארישער רעגיערונג, נאָר צו געבען א צושטימונג צו קערענסקי'ס פּאָלי־טיק. די קאָנפערענץ איז צוזאמענגעשטעלט געווען פון א מעהרהייט קאָנסערוואטאָרען, רעאקציאָנערען און קאָנטער־רעוואלוציאָנערען.

די דעלעגאטען צו דער נאציאָנאלער קאָנפערענץ זיינען פארזיכטיג ערוועהלט געווארען, די באָלשעוויקעס האָט מען, פארשטעהט זיך, אויס־געשלאָסען. די פיער דומאס — וועלכע זיינען געווען זעהר שוואכע אפּאזיציעס צום צארסקע רעזשים — זיינען געווען פארטראטען דורך 188 מיטגליעדער; די אנדערע דעלעגאטען זיינען איינגעטיילט געווען ווי פאלגט: 100 פארטרעטער פון די פויערים; 229 פארטרעטער פון די סאָוויעטען פון ארבייטער און סאָלדאָטען ראָטען; 147 דעלעגאטען פון די

סוניויציפּאַליטעטען; 113 פאַרטרעטער פון די בענק און אינדוסטריעלע ארגאַניזאַציעס פון קאפּיטאַל; 313 רעפּרעזענטאַנטען פון קאָ־אָפּעראַטי־ווע ארגאַניזאַציעס, און 176 פאַרטרעטער פון טרייד יוניאָנס. די דע־לעגאַטען פון די סאָוויעטען זיינען באַשטאַנען פון מעסיגע מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען.

ביי יענער קאָנפערענץ האָט מען שטאַרק אַטאַקירט די סאָוויעטען און די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע. קיין באַשטימטע באַשלוסע זיינען געגען די סאָוויעטען ניט אָנגענומען געוואָרען, אָבער דאָס איז געווען אַ פאָרשפּיעל צו אַ גרויסער אָפּענסיווע.

אין זיין ערעפענונגס רעדע ביי דער קאָנפערענץ האָט קערענסקי צווישען אַנדערעס געזאָגט:

„די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג האָט אייך ניט צוזאַמענגערופען אַהער צו דיסקוטירען פראַגען און פּראָגראַמען, אָדער צו ערלויבען מאַכען אַ פאַרזוך — פון וועלכען צד דער פאַרזוך זאָל געמאַכט ווערען — אויס־צונוצען די יעצטיגע קאָנפערענץ אָדער די אויסערגעוועהנליך שווערע לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער רוסישער שטאַאַט, כדי אונטער־צוגראָבען די מאַכט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג.“

נעקראַסאָוו, דער פינאַנץ מיניסטער אין קערענסקי'ס קאַבינעט, האָט אָנגעצייגט וואָסער שלעכטע ווירקונג די רעוואָלוציאָן האָט געהאַט אויף די פינאַנצען, ערקלערענדיג, אַז דאָס געלד וואָס ווערט אויסגעגעבען פון די שפּייז־קאָמיטעטען און אויך אויף צו העכערען די שכירות פון אַר־בייטער רואינירט דעם שטאַאַט און דאָס לאַנד און צו דעם דאַרף געמאַכט ווערען אַ סוף.

גענעראַל קאָרנילאָוו, דער דאַמאַלסדיגער הויפּט קאָמאַנדיר פון די אַרמעען, האָט געפאָדערט, אַז אַ שטרענגע דיסציפּלין זאָל איינגעפיהרט ווערען אין דער אַרמעע. די מיטלען וואָס ער האָט אַנגעדייטעט וואָלטען פּאַקטיש געפיהרט צו דעם, אַז עס זאָלען אין גאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען די סאָלדאַטען קאָמיטעטען.

גענעראַל קאַלעדין, פון די קאָזאַקען, איז געווען מעהר אָפענהערציג, ווי קאָרנילאָוו. ער האָט דירעקט אַטאַקירט די סאָציאַליסטישע מיניס־טאָרען און פאָרגעשלאָגען אַ פּראָגראַם, ווי די אַרמעע זאָל ווידער דיס־ציפּלינירט ווערען אויף דעם אַלטען צאַרישען שטייגער: 1) די אַרמעע זאָל זיך ניט מישען אין קיין פּאָליטיק; 2) די סאָלדאַטען זאָלען ניט האָ־בען קיין רעכט אָפּצוהאַלטען אייגענע פאַרזאַמלונגען; 3) די סאָלדאַטען קאָמיטעטען און זייערע ראַטען זאָלען אין גאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען;

4) די דיסציפּלין אין דער ארמעע זאָל פאַרשטאַרקט ווערען; 5) די פיהרער פון דער ארמעע זאלען וויעדער קריגען די פאלשטענדיגע אוי־טאָריטעט, ווי אין די אלטע צייטען א. ד. ג.

טשעכאידזע, דער פארזיצענדער פון דעם צענטראל קאָמיטעט פון די אַל־רוסישע סאָוויעטען, האָט געענטפערט גענעראַל קאלעדין און זאָגאַר פארטיידיגט די סאוויעטען; ער האָט געזאָגט: „די רעוואלוציאנערע דעמאָקראטיע האָט די אינטערעסען פון לאנד און פון דער רעוואלוציאן אלע מאָל געשטעלט העכער פון די אינטערעסען פון איינצעלנע גרופּען... בלויז א דאנק די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס איז געבליבען דער שאפונגס־גייסט פון דער רעוואלוציאן"... אָבער טשעכאידזע׳ס ענטפער האָט ניט פארענטפערט די פּראבלעם, ווייל דער עקזיסטירענדער צושטאַנד האָט געמוזט געענדערט ווערען אדער פון דער בורזשואזיע אדער פון פּראלעטאַריאַט. קערענסקי׳ס רעגיערונג האָט אָבער מורא געהאט פאר ראדיקאלע ענדערונגען און האָט זיך געניייגט „רעכטס."

דער געוועזענער קריעגס־מיניסטער גוטשקאוו האָט עפענטליך גע־ווארענט די פּראוויזארישע רעגיערונג געגען די סאוויעטען, ערקלערענ־דיג קורץ און שארף: די סאוויעטען האָבען די מאכט און די פּראוויזא־רישע רעגיערונג קען קריגען די מאכט בלויז דאַן, ווען זי וועט פארניכ־טען די סאוויעטען.

די קאָנפערענץ אין מאָסקווע איז גערופען געווארען צו שאפען און דעמאָנסטרירען א נאציאנאלע אייניגקייט. אבער אין דער ווירקליכקייט האָט די קאָנפערענץ דעמאָנסטרירט א נאציאנאלע אונאייניגקייט און האָט געשאַפען אַ טיעפערען אַנטאַגאָניזם.

אָט וועגען דער קאָנפערענץ רעדט דאס טראָצקי אין זיין ארטיקעל: „וואָס איז געשעהן?"

וואָס איז געשעהן ?

קיינער קען ניט געבען קיין צופריעדענשטעלענדען ענטפער אויף דער פראגע פאר וואָס מען דארף האָבען א קאָנפערענץ אין מאָסקווא. נאָך מעהר; די אַלע מענשען, וועלכע דארפען זיך באַטייליגען אין דער מאָסקווער קאָנפערענץ ערקלערען, אָפענהערציג אָדער ניט, אז זיי אַליין ווייסען ניט צוליעב וואָס מען האָט זיי איינגעלאַדען קיין מאָסקווא. און אין דערזעלבער צייט ריידען כמעט אלע מיט חשד און מיט פאראכטונג וועגען דער מאָסקווער קאָנפערענץ. אבער ניט קוקענדיג דארויף פאָהרען זיי דאָך אהין. וואָס זשע קען דאָ זיין ?

אויב מיר לאָזען אוים דעם פראָלעטאריאַט, וועלכער שטעהט אויף זיין אייגענער פאָזיציע, זעהן מיר, אז די מענשען, וועלכע באַטייליגען זיך אין דער מאָסקווער קאָנפערענץ קענען צוטיילט ווערען אין דריי גרופּעס: די פארטרעטער פון דעם קאפּיטאליסטישען קלאַס, די קליינבירגערליכע אָרגאניזאציע, און די רעגירונג.

די פּארמעגליכע קלאַסען האָבען זייער פאָלשטענדיגע פאַרטרעטערשאַפט אין דער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, די קאָדעטען. זיי ווערען געשטיצט פון די גרויסע לאַנדבאַזיצער, גרויסע פאבריקאַנטען, באַנקירסקע באַנדעס, און אוניווערסיטעט פאַקולטעטען. יעדע איינע פון אָט די גרופּעס האָט זיך איהרע אייגענע אינטערעסען און איהרע אייגענע אויסזיכטען. און ניט קוקענדיג דארויף האָבען זיי זיך דאָך אַלע פאראייניגט אין איין

גרויסער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, ווייל זיי האָבען אַלע מורא פאַר די ברייטע מאַסען אַרבייטער און פּויערים. די הויף־קרייזען ווי אויך די ביוראָקראַטישע קרייזען פון׳ם גענעראַל־שטאַב האָבען נאָך איצט אויך ניט אויפגעגעבען זייערע מאָנאַרכיס־טישע אינטריגעס און פאַרשוועורונגען, און דאָך האָבען זיי אין׳ם איצטיגען מאָמענט געפונען פאַר נויטיג צו שטיצען די „קאַדעטען״. און די בורזשואַזנע ליבעראַלען גיבען אפילו אַלע מאָל קאָסע אַ קוק מיט חשר אויף דער מאָנאַרכיסטישער קליקע, אָבער אין דערזעלבער צייט שאַצען זיי איצט זעהר הויך די שטיצע, וואָס זיי קענען פון דער ראָזיגער קליקע קריעגען געגען דער רעוואָלוציע. אויף אַזא׳ן אופן ווערט די קאַדעטישע פּאַרטיי אַ מין אַלגעמיינע פאַרטרעטערין פון אַלע מינים גרעסערע און קלענערע קאַפּיטאַליסטען. די אַלע פּאָדערונגען פון די פאַרמעגליכע קלאַסען, די גאַנצע הויטשינדעריי פון די עקספּלואַטאַטאָרס, שפּיעגלען זיך איצטער אָפּ אין דעם קאַ־פּיטאַליסטישען ציניזם און אין דער אימפּעריאַליסטישער חוצפּה פון מילוקאָוו׳ן. זיין פּאָליטיק באַשטעהט אין דעם וואָס ער קוקט אַלץ ארוים און וואַרט אויף די פאַלשע שריטע מצד דעם רעוואָ־לוציאָנערען רעזשים, אויף פעהלערען און מפּלות, פון דעם רעוואָלוציאָנערען רעזשים, כדי צו באַווייזען, אז איצט דאַר־פען די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען געהן מיט איהם האַנד אין האַנד; ער וועט דערפאַר מאַכען פּשרות מיט זיי, און אין דערזעלבער צייט וועט ער ארויס־קוקען ווען זיין צייט וועט קומען. אין הינטער מיליוקאָוו׳ס פּלייצע שטעהט דער צאַרסקע גענעראַל גורקאָ און קוקט ארוים, אז זיין צייט זאָל שוין קומען.

די כלומר׳שטע דעמאָקראַטיע פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלו־ציאָנערען און מענשעוויקעס שטיצט זיך אויף די פּויערים־מאַסען, אויף דער קליינבורזשואַזיע פון די שטעדט און אויף די מעהר צו־ריקגעשטאַנענע אַרבייטער. און דאָ מוז אָנגעוויעזען ווערען דאַרויף, אז וואָס ווייטער די פּאַסירונגען ענטוויקלען זיך, אַלץ קלאָרער

ווייזט זיך ארויס, אַז די מאַכט אין דער דאָזיגער פּאַראייניגונג זייַ־נען די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, בעת די מענשעוויקעס זיינען ניט מעהר ווי א פינפטע ראָד אין וואָגען. אונטער דער פיהרערשאַפט פון אָט די צוויי פּאַרטייען האָבען די „ארבייטער־און סאָלדאַטען־סאָוויעטען", וועלכע זיינען דערהויבען געוואָרען צו אַזאַ גוואַלדיגער הויך א דאַנק דער שטאַרקער אויפטרייסלונג פון די מאַסען, אַנגעהויבען פאַרליערען זייער וויכטיגקייט און גענומען הארדוקט ווערען אין דעם ווינקעל פון דער פאַרגעסענהייט. פאַר וואָס? מאַרקס האָט אָנגעוויזען, אַז ווען די געשיכטע דער־לאַנגט א שטאַרקען שנאָל אין דער נאָז פון די נעבעכדיגע „גרויסע הארמאַטען" פון די פיליסטערען, זוכען זיי קיינמאָל ניט די אור־זאַכע פון זייער חורבן אין זייער אייגענער אונפעהיגקייט, נור גלייך געפינען זיי, אַז שולדיג אין דעם איז גאָר אָן אַנדערנ'ס בייז־וויליגקייט אדער אינטריגע. און דערפאַר האָט זיך דאָס צערעטעלי אָנגעכאַפּט אָן דער „פּאַרשווערונג" פון'ם 16טען און 18טען יולי, פּונקט ווי אָן א „שטרויעלע" צו ערקלערען דעם דורכפאַל פון זיין גאַנצער פּאָליטיק. ווען די פיהרער פון די סאָציאַליסטען־רעוואָ־לוציאָנערען און מענשעוויקעס, די ליעבערס, גאָטצעס און יואַי־טינסקיס האָבען זיך ספּראַוועט מיט דער „אַנאַרכיע", וואָס זיי האָבען בלויז אין חלום געזעהן, האָבען זיי געגלויבט, אַז עס קומט זיי דערפאַר א באַלוינונג, פּונקט ווי די גענז, וועלכע האָבען גע־ראַטעוועט רוים. און ווען זיי האָבען דערזעהן, אַז וואָס מעהר זיי שטרעקען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו מאַכען שלום צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, אַלץ מעהר פאַראַכטונג קריעגען זיי פון דער בורזשואַזיע אליין, האָבען זיי אָנגענומען א פול מויל מיט וואַסער און, איבערראַשטע, געמאַכט א שוויינ. צערעטעלי, דערזעלבער צערעטעלי, וועלכער איז געווען אַזא בריה'דיגער קונצענמאַכער מיט אויסגעדראַשענע באַנאַליטעטען, — ער האָט זיך נאָר אַרומגעזעהן, אַז אפילו איהם האָט די בור־זשואַזיע א שליידער געטאָן אָן א זייט און איהם געשטעמפּעלט אלס

צופיעל רעוואלוציאנער. עס איז געווען גאנץ פשוט: דער פּאָלי־מיאָטנע פאָלק האָט „קאַליע געמאכט" די רעוואָלוציע (דורך דעם וואָס ער האָט זיך ענטזאגט צו פאָלגען קערענסקי'ס באפעהל און אוועקמארשירען צום פראָנט, סיידען מען וועט איהם נאָכגעבען געוויסע באדינגונגען און איהם לאָזען זיך באטייליגען אין די גע־שעהענישען פון יולי 16־17).

עס איז אויסגעקומען אזוי, אז אויב צערעטעלי און זיין פּארטיי זיינען געווארען איין כנופיא מיט פּאָלאָווצאוו'ן און מיט די מי־ליטערישע קאדעטען, העלפענדיג זיי צוצונעמען דאָס געוועהר ביי די ארבייטער, כדי דאָס זאָל זיין א טובה פאר דער פארשווערונג געגען דער רעוואָלוציע, איז אין דעם ניט שולדיג צערעטעלי'ס שפּיעל אין פּאָליטיק, נור דער פּולימיאָטנע פּאָלק, וואָס איז פאר־פיהרט געווארען פון די באָלשעוויקעס. אָט דאָס איז די פליאָזאָפיע וואָס די פּאָליטישע באנקירען פון'ם בעל הבית'ישען קלייזעל האָ־בען פאר זיך אויסגעארבייט!

דער פאקט איז, אז די טעג פון'ם 16טען, 17טען און 18טען יולי זיינען געווען דער צירקעל־פּונקט פון די ענטוויקלונגען אין דער רעוואָלוציע, מחמת דאן האָט מען מעהר ווי אלע מאָל ארויס־געזעהן ווי אונפעהיג עס זיינען די הויפּט פּארטייען פון דער קליין בירגערליכער דעמאָקראטיע צו נעמען די מאכט אין זייערע הענד. ווארים נאָכדעם ווי די קאָאַליציאָנס רעגיערונג איז אזוי געפאלען איז קיין אנדער וועג ניט געווען ווי נאָר איבערגעבען די גאנצע מאכט אין די הענד פון די סאָוויעטען. אָבער די מענשעוויקעס און סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען האָבען זיך געקווייקעלט. לויט זייער שכל נאָך איז אויסגעקומען, אז אזוי איבערגעבען די מאכט אין די הענד פון די סאָוויעטען, הייסט דאָך אָפּברעכען די פאר־בינדונגען מיט די באנקירען און דיפּלאָמאטען — און דאָס טאר מען ניט, ווייל עס איז געפעהרליך. און ווען, ניט קוקענדיג אויף דער דראָהענדער באדייטונג פון די געשעהענישען פון'ם 16־18טען יולי, זיינען די פיהרער פון'ם סאָוויעט נאָך אלץ נאָכגעלאָפען

די יעפּימאָווס, האָבען די פּאַרמעגליכע קלאַסען געזעהן, אַז די פיהרער פון׳ם סאָוויעט שטעהען פאַר זיי פּונקט ווי אַ קרעמעריל שטעהט פאַר אַ גרויסען באַנקיר, מיט׳ן היטעל אין דער האַנד. און דאָס האָט אונטערגעגעבען מוטה דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

די גאַנצע געשיכטע פון דער רעוואָלוציע ביז איצט איז אין דער זאָגענאַנטער צ ו ו י י ע נ ד י ג ע ר מ א כ ט. די דאָזיגע פאָרמע וואָס די ליבעראַלען האָבען איהר געגעבען, איז אין דער אמת׳ע זעהר אויבערפלעכליך. דער ענין איז ניט ערשעפּט ווען איהר זאָגט, אַז חוץ דער רעגיערונג האָט נאָך עקזיסטירט דער סאָוויעט אויך, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט אַ גאַנץ היבשע צאָהל פון רעגיערונגס פונקציאָנען; ווייל די דאַנס אין צערעטעלים האָבען געטהאָן אַלעס וואָס זיי האָבען נור געקענט, כדי „שמערצלאָז" צו מאַכען צו גאָר ניט די דעה פון׳ם סאָוויעט, און אַלעס איבערגעגעבען אין די הענד פון דער רעגיערונג. דער אמת איז אַז הינטער די סאָוויעטען און הינ־טער דער רעגיערונג זיינען געווען צוויי פאַרשיעדענע סיסטעמען; און יעדער סיסטעם האָט זיך געהאַלטען אויף אַנדערע קלאַסען־אינטערעסען.

הינטער די סאָוויעטען זיינען געשטאַנען די אַרבייטער אָר־גאַניזאַציאָנען, וועלכע האָבען, אין יעדער פאַבריק, אָפּגעשאַפט די ממשלה פון די קאַפּיטאַליסטען, און איינגעפיהרט אַ רעפּובליקאַ־נישען רעזשים אין דער אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אָבער ניט געקלעפּט מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אַנאַרכיע און געפאָדערט אַ פעסטע שטאַאַטס קאָנטראָלע איבער דער פּראָדוקציאָן. כדי צו פאַרטיידיגען זייער אייגענטום רעכט האָבען די קאַפּיטאַליסטען געזוכט שוץ פון אויבען ביי דער רעגיערונג, זיי האָבען מיט אַלע כוחות געשטופּט די רעגיערונג געגען די סאָוויעטען און זי גע־צוואונגען אָנצונעמען אַזעלכע מיטלען, וואָס זי האָט ניט געקענט, וואָס זי איז ניט געווען בכח — מיטלען צו אונטערדריקען דעם אַר־בייטער קלאַס. און איבער דעם האָט מען זיך רק באַקלאָגט אויף דער „צווייענדיגער מאַכט".

הינטער די סאָוויעטען איז געשטאַנען די ערוועהלטע אָרגאַני־זאַציאָן אין דער אַרמעע און די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון דער סאָלראַטען־דעמאָקראַטיע. די צייטווייליגע רעגיערונג, וועלכע איז נאָכגעגאַנגען די פוסטריט פון ללאָיד דזשאָרדזש, ריבאָ, און ווילסאָן, אנערקענענדיג די אַלטע פאַרפליכטונגען פון'ם צאַריזם, און אָננע־מענדיג די אַלטע מעטאָדען פון געהיימער דיפּלאָמאַטיע, האָט גע־מוזט ארויסטרעטען שאַרף געגען דעם נייעם רעזשים אין דער אַרמעע. די אָפּאָזיציע פון אויבען האָט כמעט פאַרלאָרען איהר איינפלוס ווען זי האָט דערגרייכט די סאָוויעטען. און דערפאַר האָט מען זיך אַלץ געקלאָגט אויף דער „צווייענדיגער מאַכט", און באַ־זונדערס געקלאָגט דאַרויף האָט דער גענעראַל־שטאַב.

ענדליך, איז דער פּויערים־סאָוויעט, טראָץ דעם קליינליכען אָפּאָרטוניזם און אומגעלומפּערטען שאָוועניזם פון זיינע פיהרער, ארונטערגעפאַלען אונטער'ן שטאַרקען דרוק פון אונטען, און די קאָנפיסקאַציע פון ערד איז געוואָרען אַלץ געפעהרליכען און דראָ־הענדער וואָס מעהר די רעגיערונג איז געווען געגען דעם. אויף ווי ווייט די לעצטע איז געווען די פאַרטרעטערין פון גרויס קאַפּיטאַל, קען מען קלאָר זעהן דערפון וואָס דער לעצטער באַפעהל פון צערעטעלין אונטערשיידעט זיך בשום אופן מיט קיין זאַך ניט פון פּרינץ לוואָוו'ס באַפעהל. און וואו נור די סאָוויעטען און פּויע־רים קאָמיטעטען וועלען אין דער פּראָווינץ פּרוואווען איינפיהרען אַ נייעם אַגראַרישען רעזשים, וועט אויסקומען, אז זיי שטעלען זיך אוועק אין אַ ביטערען קאַמף געגען דער כלומר'שט רעוואָלוציאָנע־רער מאַכט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג, וועלכע ווערט אַלץ מעהר דער הונט, וואָס באַוואַכט פּריוואַט אייגענטום.

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אַליין געלעזט דורך דער נויטיגקייט איבערצוגעבען די גאַנצע מאַכט אין די הענט פון די סאָוויעטען, און זיך באַנוצען מיט דער דאָזיגער מאַכט אין די אינטערעסען פון די אַרבייטער געגען די קאַפּיטאַליס־טען. און די פאַרטיעפונג פון דעם קאַמף געגען די קאַפּיטאַליסטישע

קלאסען מאכט אבסאלוט נויטיג, אז די הויפט ראלע צווישען די הארפאשנע מאסען זאל איבערגעגעבען ווערען צו די ענטשלאסענ־סטע, דאס הייסט, צום אינדוסטריעלען פראלעטאריאט. אויף איינ־צופיהרען א קאנטראלע איבער דער פראדוקציאן און איבער דער פארטיילונג, האט דער פראלעטאריאט געקענט אפעלירען צו די פרעצעדענטען אין מערב איירופא, באזונדערס אין דעם זאגענאנ־טען „מלחמה־סאציאליזם" פון דייטשלאנד. אבער וואס שייך רוסלאנד, האט די דאזיגע ארגאניזאציאנס ארבייט געקענט אפגע־כאן ווערען בלויז אויף דעם גרונד פון אן אגרארישע רעוואלוציע און אונטער'ן אויפזיכט פון א ווירקליך רעוואלוציאנערער מאכט, די קאנטראלע איבער דער פראדוקציאן און די שטופענווייזע ארגאניזירונג איהרע וואלט נויטווענדיגערווייזע אנגענומען אזא ריכטונג וואס וואלט געווען פיינדליך צו די אינטערעסען פון קאפי־טאל. אין דעם מאמענט וואס די פארמגליכע קלאסען וואלטען, דורך דער פראוויזארישער רעגיערונג, זיך געסטארעט איינצופיהרען א ממשלה פון א „שטארקער" קאפיטאליסטישער רעפובליק, וואלט די פולע מאכט פון די סאוויעטען, כאטש דאס איז בשום אופן ניט דאסזעלבע וואס „סאציאליזם", זיכער געבראכען די געגנערשאפט פון דער בורזשואזיע, און אין א פאראייניגונג מיט די עקזיסטי־רענדע פראדוקטיווע כוחות און מיט דער לאגע אין מערב איירופא, זיכער אנגענומען אזא ווענדונג אין דער עקאנאמישער ארגאניזא־ציאן, וואס וואלט געווען אין די אינטערעסען פון די הארפאשנע מאסען. אוועקשארענדיג אין א זייט די קייטען פון דער קאפיטא־ליסטישער מאכט, וואלט די רעוואלוציע געווארען א ש ט ע נ ־ ד י ג ע, דאס הייסט, זי וואלט זיך ניט אפגעשטעלט אויף איין ארט; זי וואלט אנגעווענדעט איהר מלוכה מאכט, ניט צו באפעס־טיגען די ממשלה פון אונטערדריקונג, נאר פארקעהרט, זי צו פאר־ניכטען. איהרע ענדגילטיגע געווינסען אין דעם פרט וואלטען זיך געווענדעט אן די ערפאלגען פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע אין איירופא. פון דער אנדערער זייט וואלט זי געטאן א שטאר־

קען שטופּ די רעוואָלוציע אין מערב אייראָפּא. וואָס מעהר ענטשי־דען און מוטיג זי וואָלט אונטערדריקט די געגנערשאפט פון איהר אייגענער בורזשואזיע. דאָס איז געווען און דאָס בלייבט דער איינציגער אוןווירקליכער אויסזיכט פאַר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע.

אָבער פאַר די פאנטאסטען פון די פיליסטערען האָט דער אויסזיכט אויסגעקוקט „אוטאָפּיסטיש". וואָס זיי ווילען — דאָס האָבען זיין קיינמאָל ניט געוואוסט. צערעטעלי האָט געהאַלטען אין איין ריידען וועגען „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע", ניט באַגרייפענדיג אפילו וואָס דאָס איז. ניט בלויז די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען געהאט די טבע צו שווימען אויף די כוואַליעס פון דעמאָקראַטישער פּראזועלאָגיע; די מענשעוויקעס האָבען אויך אוועקגעלעגט אָן א זייט זייער קלאַסען קריטעריום אזוי שנעל ווי דער קרעטעריום האָט צו קלאָר ארויסגעשטעלט דעם קליינבירגערליכען כאראקטער פון זייער פּאָליטיק. דער כלל פון „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע" באַרעכטיגט שוין אַלעס און מיט איהם איז מען אלץ יוצא. און ווען די אַלטע שווארץ־מאה'ניקעס שטעקען אריין זייערע שמוציגע פינגער אין די קעשענעס פון די באָלשעוויקעס, טוען זיי דאָס אויף אין'ם נאָמען פון „רעוואָלוציאָנערער רעמאָקראַטיע". אָבער לאָמיר ניט ריידען מיט קיין רמזים.

רעפּרעזענטירענדיג די מאכט פון דער בורזשואזיע, אָדער בע־סער געזאָגט, די נייטראַליזאציע פון דער מאכט דורך דער קאָאַלי־ציע, האָט די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע און מענשעוויסטישע דעמאָקראַטיע פּשוט ארונטערגענומען דעם קאָפּ פון דער רעוואָלו־ציע. פון דער צווייטער זייט האָט די קליינבירגערליכע דעמאָ־קראַטיע, פאַרטיידיגענדיג די סאָוויעטען אלס זייערע אָרגאַנען, פּשוט ניט דערלאָזט, אז די רעגיערונג זאָל שאפען וועלכען ניט איז אדמיניסטראַטיווען אפּאראט אין די פּראָווינצען. די רעגיע־רונג איז געווען מאכטלאָז ניט נאָר צו טאָן גוטס, נאָר זי איז אויך ניט געווען בכח צו טאָן שלעכטס. כאָטש די סאָוויעטען האָבען

געהאַט אָהן אַ שיעור אַמביציעזע פּלענער, האָבען זיי קיין איינעם פון זיי ניט געקענט דורכפיהרען. די קאַפּיטאַליסטישע רעפּובליק, וואָס האָט געוואַקסען פון אויבען, און די ארבייטער דעמאָקראַטיע וואָס האָט געשפּראָצט פון אונטען, האָבען איינע די אנדערע ניט געלאָזט זיך אַ ריהר טאָן. וואו זיי האָבען זיך נאָר ביידע באַגע־גענט איז אַרויסגעקומען אַ מחלוקה. דער מיניסטער און די קאָמי־סאַרען האָבען אונטערדריקט די קערפּערשאַפּט פון רעוואָלוציאָנע־רער זעלבסט־פּאַרוואַלטונג, די קאָמאַנדירען האָבען געשאָטען פּעך און שוועבעל אויף די אַרמעע־קאָמיטעטען, און די סאָוויעטען זיינען אַלץ געלאָפען הין און צוריק צווישען די מאַסען און דער רעגיערונג. האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון קריזיסען און קריזיסען; אַ מי־ניסטער אַריין, אַ מיניסטער אַרויס. און וואָס מעהר מען האָט איינגעזעהען, אז די רעפּרעסיווע מיטלען פון דער מאַכט זיינען אָהן אַ טאָלק, און אַרויסגעוואָרפען, אַלץ גרעסער איז געוואַקסען די אונ־צופרידענהייט צווישען די מאַסען. פון דער הויך האָט זיך געמיזט אויסווייזען, אז דאָס גאַנצע לעבען איז אַ זודיגער מבול פון „אַנאַרכיע“.

מען האָט געזעהן בחוש, אז די וואַקלענדיגע צווייענדיגקייט פון דער ממשלה פון דער קליינבירגערליכער „דעמאָקראַטיע“ איז אַבסאָלוט ניט פעהיג. און וואָס טיעפער עס זיינען געוואָרען די פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע, אַלץ שמערצליכער האָט זיך אַרויסגעוויזען די אונפעהיגקייט. דער גאַנצער מלוכה בנין איז געשטאַנען אויפ'ן קאָפּ, אָדער בעסער געזאָגט, אויף זיינע צוויי אָדער דריי קעפּ. איין ניט פּאַרזיכטיגע באַוועגונג פון מיליוקאָוו'ן, קערענסקי'ן אָדער צערעטעלי'ן האָט געקענט איבערקעהרען דאָס גאַנצע געשעפט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. וואָס אַ טאָג האָט מען אַלץ קלאָרער געזעהן, אז דאָ וועט זיין איינס פון די צוויי: אָדער די סאָוויעטען מוזען איבערנעמען די מאַכט, אָדער די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג וועט די סאָוויעטען אינגאַנצן אָוועקשאַרען אין אַ זייט. אַן אויסערליכער סלאַפּ איז געווען דאָס

איינציגע וואָס מען האָט געדארפט האָבען צוצושטערען דאָס גלייכ־געוויכט פון׳ם גאנצען בנין. און דער דאָזיגער קלאפּ איז געקור־מען אין דער פאָרמע פון די געשעהעגישען פון׳ם 16 — 18טען יולי. דער קליינבירגערליכער „אָבגאָט", וואָס מען האָט אויסגעקנאָטען און אוועקגעשטעלט אויף דעם יסוד פון א „פריינד־ליכער" פאראייניגונג צווישען צוויי סיסטעמען וואָס שטימען ניט איינס מיט׳ן אנדערן, האָט געקראָגען א טויט־קלאפּ. און צערע־טעלי האָט באקומען די מעגליכקייט צו פארצייכענען אין זיינע כתבים, אז זיין פּלאן צו ראטעווען רוסלאנד איז דורכגעפאלען איבער דעם פּולימיאָטנע פּאָלק.

דער כאראקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע

אַנמערקונג:

די רוסישע רעוואלוציע איז פון פארשיעדענע שרייבער אַנאַליזירט געוואָרען אויף פארשיעדענע אופנים. די בורזשואזיע און האלב־בורזשואזע עלעמענטען האָבען זיך באמיהט צו באווייזען, אז די רוסישע רעוואלוציע איז א בורזשואזע רעוואלוציע. און אזוי שנעל ווי זיי האָבען „באַוויזען“, אז דאָס איז אַ בורזשואַזע רעוואָלוציאָן, זיינען זיי געקומען צום שלוס, אז די בורזשואזיע איז אויך בארעכטיגט צו איהרע פריווילעגיעס אין דער רעוואָלוציע, אז די בורזשואַזיע דארף אויך האָבען א דעה אין דער רעגיערונג.

אום צו באַשטרייטען אַט אזעלכע „טעאָרעטישע באַווייזע“ האָט טראָצקי אָנגעשריבען דעם אַרטיקעל: „דער כאראקטער פון דער רוסישער רעוואלוציע.“

דער כאראקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די ליבעראלע און סאָציאל־רעוואָלוציאָנערע־מענשעוויסטישע שרייבארעס און פּאָליטיקער זיינען שטארק באזארגט איבער דער פראגע וועגען דער סאָציאָלאָגישער וויכטיגקייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי האלטען זיך אין חקירה'ן — צי דאָס איז א בורזשואזנע רעוואָלוציע אָדער אן אנדער מין רעוואָלוציע? אויפ'ן ערשטען בליק קען זיך דוכטען, אז די דאָזיגע אקאדעמישע חקירות זיינען עפּעס מאָדנע. די ליבעראלען האָבען דאָך גאָר ניט וואָס צו געווינען פון דעם וואָס זיי וועלען ענטדעקען די קלאסען אינטערעסען אונטער „זייער" רעוואָלוציע. און וואָס איז שייך די קליינבירגערליכע „סאָציאליסטען", איז שוין ביי זיי א כלל זיך ניט צו באנוצען מיט קיין טעאָרעטישע אנאליזען אין זייער פּאָליטישער טעטיגקייט, נאָר מיט „פּשוט'ען שכל", וואס איז בלויז אן אנדער נאָמען פאר מיטעלמעסיגקייט און פּרינציפּענלאָזיגקייט. דער אמת איז, אז די מיליוקאָוו־דאן אָפּשאצונג, וואָס האָט געצויגען איהר יניקה פון פּלעכאנאָוו'ן, האָט ניט אין זיך אפילו קיין איינציג קערענדעל פון א טעאָריע. ניט די „יעדינסטוואָ", ניט די „ריעטש", ניט דער „דיען" און ניט די „ראבאָטשאיא גאזעטא" נעמען זיך די מיה צו פאָרמולירען וואָס זיי פארשטעהן און וואָס ס'מיינט אזוינס א בורזשואזנע רעוואָלוציע. די כונה פון זייערע מאנעווערעס איז פּשוט א פּראקטישע: צו רעמאָנסטרירען די „רעכט" פון דער בורזשואזנער רעוואָלוציע אָנצוהאלטען די מאכט. מעגען אפילו די סאוועטען פארטרעטען די מאיאָריטעט פון די פּאליטיש־

ערצוויגענע מאסען, עס מאכט ניט וואס אין אלע דעמאָקראַ־טישע וואהלען, אין שטאָדט און אין דאָרף, זיינען די קאפיטאַ־ליסטישע פארטייען דורכגעפאלען מיט א קנאק, — „כל זמן אונזער רעוואָלוציע איז א בורזשואזנע אין כאראקטער", דארף מען אָפּ־היטען די פריווילעגיעס פון דער בורזשואזיע, און איהר אָפּגעבען אין דער רעגירונג אזא ראָלע, צו וועלכער זי איז בארעכטיגט לויט דעם גלייכען חלק פון די פּאָליטישע גרופּען אין לאנד. אויב מיר דארפען האנדלען לויט די פרינציפען פון דעם דעמאָקראטישען פּאר־לאמענטאריזם, דאַן איז קלאָר, אז די מאכט באלאנגט צו די סאציא־ליסטען־רעוואלוציאנערען, — אָדער צו זיי אליין, אָדער אי צו זיי, אי צו די מענשעוויקעס. נור אזוי ווי „אונזער רעוואָלוציע איז א בור־זשואזנע", פּאררוקט מען אין א ווינקעל די פּרינציפּען וועגען דעמאָ־קראטיע, און די פארטרעטער פון דער גרעסטער מאיאָריטעט פון פאָלק קריגען פינף פלעצער אין מיניסטעריום, בעת די פארטרע־טער פון אַן אונבאדייטענדער מינאָריטעט קריגען צוויי מאָל אזוי פיעל. צום טייוועל מיט דעמאָקראטיע! לאנג לעבען זאָל פלעכאַ־נאָוו'ס סאָציאָלאָגיע!

„איך בין זיך משער אַז איהר וואָלט געוואָלט האָבען א בורזשו־אזנע רעוואלוציע אָהן דער בורזשואזיע?" פרעגט זיך פלעכאנאָוו אַזוי קליגעריש שטיצענדיג זיך אויף די דיאלעקטיקער און אויף ענגעלס'ן.

„יאָ, דאָס מיינען מיר!" גיט זיך מיליוקאָוו א כאַפּ. „מיר קאדעטען, זיינען אפילו גרייט זיך אָפּצוזאָגען פון דער מאכט, וואָס דאָס פאָלק וויל אונז ניט געבען. אָבער מיר קענען דאָך ניט טאָן דער ווּיסענשאפט אויף צו־להכעיס". און פאר א באווייז ברענגט ער זיך א פּאָר פסוקים פון פלעכאנאָוו'ס „מארקסיזם".

אזוי ווי אונזער רעוואָלוציע איז א בורזשואזנע, טענה'ן די הערדען פלעכאנאָוו, דאַן אין פּאָטרעסאָוו, מוזען מיר ברענגען צו א פּאָליטישער פאראייניגונג צווישען די ארבייטער און זייערע אונ־טערדריקער. און אינ'ם ליכט פון דער דאָזיגער סאָציאָלאָגיע זעהט

זיך באזונדערס שטארק אָן די היסטאָרישע וויכטיגקייט פון דעם פאיאציישען האנטדרוק פון בובליקאָוו'ן מיט צערעטעלי'ן.

די צרה איז אָבער דאָס, אז מיט דעם זעלבען בורזשואזנעם כאראקטער פון דער רעוואָלוציע וואָס ווערט איצטער געברויכט אלס א רעכטפערטיגונג פון דער קאָאליציע צווישען די סאציאליסטען און קאפּיטאליסטען, האָבען זיך דיזעלבע מענשעוויקעס באנוצט פונקט צו פארקעהרטע שלוסען.

אזוי ווי אין א בורזשואזנער רעוואָלוציע, — פלעגען זיי טענה'ן, — קען די הערשענדע מאכט ניט האָבען קיין אנדער עובדא ווי צו באוואָרענען די הערשאפט פון דער בורזשואזיע, איז דאריבער קלאָר, אז דער סאָציאליזם קען מיט איהר גאָר ניט האָבען צו טאָן; דאָס פּלאַץ פון סאציאליזם איז ניט אין דער רעגיערונג, נאָר אין דער אָפּאָזיציע. פלעכאנאָוו אליין האָט גע'טענה'ט, אז סאציאליסטען קענען אונטער קיין אומשטענדען ניט נעמען אנטייל אין א בורזשואזנע רעגירונג, און ער האָט אויסגעגאָסען זיין גאנצען צאָרן אויף קאוטסקי'ן, וועלכער האָט פאָרגעבראכט א רעזאָלוציאָן, אז עס קענען זיין אויסנאמען אין דעם פּרט. „צייטען בייטען זיך" — דאָס איז שוין אן אלטער כלל. און אט דעם כלל האָט מען אָנגענומען אין פלעכאנאָוו'ס סאָציאָלאָגיע.

עס מאכט ניט ווי ווידערשפרעכענד עס מעגען זיין די מיינונגען פון די מענשעוויקעס און זייער פיהרער פלעכאנאָוו, ווען איהר פארגלייכט זייער ערקלערונג פון פאר דער רעוואָלוציע מיט זייערע איצטיגע ערקלערונגען, איין געדאנק שטרייכט אונטער ביידע טענות, און דאָס איז, אז מען קען ניט דורכפיהרען קיין בורזשואזנע רעוואָלוציע „אָהן דער בורזשואזיע". אויפ'ן ערשטען בליק קוקט דאָס אויס אקסיאָמאטיש, אז אזוי איז דאָס און אנדערש קען דאָס ניט זיין. אָבער אין דער אמת'ן איז דאָס פשוט אידיאָטיש.

די געשיכטע פון דער מענשהייט האָט זיך ניט אָנגעהויבען פון דער מאָסקווער קאָנפערענץ. עס זיינען פריהער אויך געווען רעוואָלוציעס. בײ'ם סוף פונ'ם 18טען יאָהרהונדערט איז געווען אַ

רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, וועלכע ווערט גערופען, און ניט אָהן א
גרונד, די „גרויסע רעוואָלוציע”. דאָס איז געווען א בורזשואזנע
רעוואָלוציע. אין איינע פון איהרע פאזען איז זי אריינגעפאלען
אין די הענד פון די יאַקאָבינער, וועלכע זיינען געשטיצט געוואָרען
פון די „סאַן־קולאָטען”, אָדער האלב פּראָלעטארישע ארבייטער פון
דער שטאָדטישער באַפעלקערונג, און וועלכע האָבען אוועקגעלעגט
צווישען זיי און די זשיראָנדיסטען, די ליבעראלע פּארטיי פון דער
בורזשואזיע, ווי די היינטיגע קאדעטען, דעם גלייכען וועג צו דער
גילאָטינע. עס איז געווען די דיקטאטור פון די יאַקאָבינער וואָס
האָט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געגעבען איהר איצטיגע וויכ־
טיגקייט, וואָס האָט זי געמאכט פאר „דער גרויסער רעוואָלוציע”.
און דאָך איז די דאָזיגע דיקטאטור געשאפען געוואָרען, ניט בלויז
אָ ה ן דער בורזשואזיע, נור טראָץ דעם וואָס זי, די בורזשואזיע,
איז געווען געגען דעם. ראָבעספּיער, וועלכער איז דוקא ניט גע־
ווען באקאנט מיט פּלעכאנאָוו'ס אידעען, האָט איבערגעקערט אלע
געזעצען פון סאָציאָלאָגיע, און אנשטאָט צו דריקען די הענט פון די
זשיראָנדיסטען און זיין מיט זיי קוצעניר־מוצעניו, האָט ער זיי אָפּ־
געהאקט די קעפּ. דאָס איז געווען ברוטאל, קיינער לייקענט דאָס
ניט. אָבער די דאָזיגע ברוטאליטעט האָט דער פראַנצויזישער רע־
וואָלוציע ניט געשטערט צו ווערען גרויס, דוקא אין די גרעניצען פון
איהר בורזשואזנעם כאראקטער. מארקס, אין וועמעס נאָמען עס
ווערען איצט באגאנגען אזוי פיעל אונערלויבליכע זאכען אין אונ־
זער מדינה, האָט געזאָגט, אז דער „גאנצער פראַנצויזישער טעררויר
איז פּשוט געווען א פּ ל ע ב ע א י ש ע ר פארזוך פּטור צו ווערען
פון די שונאים פון דער בורזשואזיע”. און אזוי ווי דיזעלבע בור־
זשואזיע האָט שטארק מורא געהאט פאר דיזעלבע פּלעבעאישע
מעטאָדען אויף פּטור צו ווערען פון די שונאים פונ'ם פאָלק, האָ־
בען די יאַקאָבינער ניט נור צוגענומען די מאכט ביי דער בורזשוא־
זיע, נאָר אויך איינגעפיהרט א געזעץ פון בלוט און אייזען אין באַ־
צוג צו דער בורזשואזיע, אלע מאָל ווען די לעצטע האָבען געמאכט

א פארזוך צו פארהאלטען אָדער צו מאכען „מעסיגער" די ארבייט פון די יאקאָבינער. און אזוי זעהען מיר, אז די יאקאָבינער האָבען דורכגעפיהרט א בורזשואזנע רעוואָלוציע אָהן דער בורזשואזיע.

ריידענדיג וועגען דער ענגלישער רעוואָלוציע אין 1648 זאָגט ענגעלס אזוי: „כדי די בורזשואזיע זאָל אויסרייסען די אלע פרוכטען וואס זיינען צייטיג געווארען, איז געווען נויטיג, אז די רעוואָלוציע זאָל אוועק ווייטער פון איהרע ערשטע ציעלען, ווי עס איז ווידער געווען דער פאַל אין פראנקרייך, אין 1793 און אין דייטשלאנד אין 1848. דאָס איז איינע פון די געזעצען פון דער ענטוויקלונג פון דער בורזשואזנער געזעלשאפט. מיר זעהן, אז ענגעלס'עס געזעץ איז דוקא געגען פלעכאנאָוו'ס צונויפגעקלעפטעןביידעל, וואס די מענשעוויקעס האָבען אנגענומען אלס מארקסיזם.

עס פארשטעהט זיך, אז מען קען דאָ אָנווייזען דארויף וואס די יאקאָבינער אליין זיינען געווען א בורזשואזיע, א קליינבורזשואזיע. דאָס איז טאקי אמת. אָבער איז דאָס דען ניט אויך דער פאקט אין דעם. פאַל פון דער זאָגענאנטער „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע", וואָס ווערט אָנגעפיהרט פון די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס? צווישען די קאָדעטען, די פארטיי פון די גרעסערע און קלענערע פארמעגליכע קלאסען, פון איין זייט, און די סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען פון דער צווייטער זייט, איז אין די אלע וואהלען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די שטעדט ווי אויך אין די דערפער, ניט געווען קיין שום צווישען־פארטיי. און דאריבער איז דאָס קלאָר ווי דער טאָג, אז די קליין בורזשואזיע האָט געמוזט געפינען איהר פּאָליטישע פארטרעטערשאפט אין די רייהען פון די סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען. די מענשעוויקעס, וועמעס פּאָליטיק עס אונטערשייידעט זיך ניט אויף א האָר פון דער פּאָליטיק פון די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, האָט אָפּגעשפּיעגעלט די זעלבע קלאסען־אינטערעסען. און עס איז ניט פאראן קיין ווידערשפּרוך אין דעם פאקט

וואָס זיי זיינען אויך געשטיצט געוואָרען פון א טייל פון די צוריק־געשטאַנענע אָדער קאָנסערוואַטיוו־פּריוווילעגירטע ארבייטער. פאַר וואָס האָבען די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען דאָך ניט געקענט איבערנעמען די מאַכט? אין וואָס פאַר א זינען און פאַר וואָס האָט דער „בורזשואַזנער" כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע (אויב מיר נעמען אָן, אַז זי איז פון אַזאַ כאַראַקטער) גע־צוואונגען די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס צו פאַרבייטען די פּלעבעאישע מעטאָדען פון די יאַקאָבינער אויף דער ציערליך־מאַנירליכער מעטאָדע פון מאַכען יד אחת מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע? עס איז קלאָר און דייט־ליך, אַז די ערקלערונג דאַרף מען זוכען, ניט אין דעם „בורזשואַז־נעם" כאַראַקטער פון אונזער רעוואָלוציע, נור אין דעם קליינליכען כאַראַקטער פון אונזער קליינבירגערליכער דעמאָקראַטיע. אנשטאָט צו שאַפען פון דער מאַכט אַן אָרגאַן אויף צו פאַרווירקליכען די גרינדליכע פאָדערונגען פון דער געשיכטע, האָט אונזער כלומר'שטע דעמאָקראַטיע גאַנץ גלייכגילטיג איבערגעגעבען די גאַנצע ווירקליכע מאַכט צו דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער, מיליטעריש־אימפּעריאַ־ליסטישער באַנדע, און צערעטעלי האָט זיך נאָך אויף דער מאָסק־ווער קאָנפערענץ באַריהמט, אַז די סאָוועטען האָבען ניט איבערגע־געבען זייער מאַכט ווייל מען האָט זיי געצוואונגען, ניט נאָך א מוטיגען קאַמף אין א מפּלה, נור פּשוט פרייוויליג, אַלס א באַווייז פון פּאָליטישען „זעלבסט־פאַרשווינדען". א העפליכקייט פון א קאַלב וואָס האַלט אויסגעשטרעקט דעם האַלז אונטער'ן קצב'ס מעסער, איז ניט פון דעם מין מיט וואָס מען קען וועלטען איינ־נעמען.

דער אונטערשיעד צווישען די טעראָריסטען פון דעם פאַריזער „קאָנוועגט" און די מאָסקווער פרייוויליגע אונטערגעבערס איז דער אונטערשיעד צווישען טיגערס און קעלבעלאַך פון איין עלטער — א אונטערשיעד אין מוט. אָבער אָט דער אונטערשיעד איז ניט פונדאַמענטאַל. דאָס רעקט פּשוט צו אַן אבסאָלוטען אונטערשיעד

אין דעם פערסאָנאל פון דער דעמאָקראטיע גופא. די יאַקאָבינער האָבען זיך געשטיצט אויף די קלאסען, וועלכע האָבען געהאט זעהר ווייניג אָדער גאָר קיין אייגענטום ניט, און אויך אויף די ערשט ארויסגעשפּראָצטע פּראָלעטאריער, וועלכע האָבען שוין דאן עקזיסטירט. אין אונזער פאל אָבער האָט דער אינדוסטריעלער ארבייטער קלאס שוין דורכגעארבייט זיין וועג פון דער שלאכט באגרינדעטער דעמאָקראטיע צו אזא פּאָזיציע אין דער געשיכטע וואו ער האָט א געוואלדיג וויכטיגען איינפלוס. די קליינבירגערליכע דעמאָקראטיע האָט פארזעהן די בעסטע רעוואָלוציאָנערע מעלות, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט ביים פּראָלעטאריאט, וועלכער האָט שוין איבערגעוואקסען די אפּעקונסטווע פון דער קליינבורזשואזיע. די ראָזיגע ערשיינונג ווידער איז געקומען א ראנק דער הויכער שטופע צו וועלכען דער קאפּיטאליזם האָט דערגרייכט אין רוסלאנד אין פארגלייך מיט דעם פראנצויזישען קאפּיטאליזם אינ'ם סוף פונ'ם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט. די רעוואָלוציאָנערע כחות פון דעם רוסישען פּראָלעטאריאט שטיצען זיך אויף זיין ריעזיגער פּראָדוקטיווער מאכט, וועלכע האָט זיך אמשטארקסטען ארויסגעוויזען אין דער צייט פון דער מלחמה. די מורא פאר אן אייזענבאהן סטרייק דערמאָנט אונז הייטיגע צייטען ווי דאָס גאנצע לאַנד הענגט אָפּ פון דער קאָנצענטרירטער ארבייט פון'ם פּראָלעטאריאט. אין די סאַמע ערשטע ענטוויקלונגס שטופען פון דער רעוואָלוציע איז די קליינבירגערליכע פּארטיי אוועקגעשטעלט געוואָרען צווישען צוויי פייערען — די מעכטיגע גרופּען פון דעם אימפּעריאליסטישען קאפּיטאל פון איין זייט און דער רעוואָלוציאָנערער אינטערנאציאָנאליסטישער פּארטיי פון דער אנדערער זייט. אין איהר קאמף אויסצואיבען אן אייגענעם איינפלוס אויף די ארבייטער, האָט די קליינבורזשואזיע געהאלטען אין איין באראבאנעווען אויפ'ן פויק פון איהר „שטאאטסמאַנשאפט” און „פּאטריאָטיזם”, און איבער דעם איז זי געווארען שקלאפיש אָפּהענגיג אָן די גרופּען פון דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען קאפּיטאל. אין דער

זעלבער צייט האָט זי פארלארען די מעגליכקייט צו מאכען א סוף פון'ם אלטען שימעל; זי האָט קיין כחות ניט געהאט זיך אָפּצוטרייס־לען פון דעם שימעל, פון דעם בארבאריזם, וואָס האָט איינגעהילט יענע טיילען פון דער באַפעלקערונג, וואָס זיינען געשטאנען מיט איהר. דער קאמף פון די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען און מענ־שעוויקעס צו באקומען אַן איינפלוס אויפ'ן פּראָלעטאריאט, האָט אַלץ מעהר און מעהר אָנגענומען די פאָרמע פון א קאמף, וואָס די פּראָלעטארישע פארטיי פיהרט אָן צו קריגען די פיהרערשאפט פון די האַלב פּראָלעטארישע מאסען אין די דערפער און אין די שטעדט. ווייל זיי האָבען „פרייווילינ" איבערגעגעבען זייער מאכט אין די הענט פון דער בורזשואזנער באנדע, זיינען די סאָציאַליסטען־רע־וואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס געצוואונגען געווען איבערצוגע־בען די רעוואלוציאנערע מיסיאָן לחלוטין צו דער פארטיע פון דעם פּראלעטאריאט. דאָס אליין איז גענוג צו באווייזען, אז דער פארזוך צו ענטשיידען פונדאמענטאלע פראגען און טענה'ן, אז אונזער רעווא־לוציע איז בלויז א „בורזשואזנע", קען בלויז דיענען אלס א מי־טעל צו פארדונקלען די מוחות פון די צוריקגעשטאנענע ארבייטער און אָפּנארען די פויערים.

אין דער פראנצויזישער רעוואָלוציע פון 1848 האָט דער פּראָ־לעטאריאט שוין געמאכט העלדישע אָנשטרענגונגען פאר אונאב־הענגיגער אקציאָן. אָבער דאַן האָבען זיי נאָך ניט געהאט קיין קלאָרע רעוואָלוציאָנערע טעאָריע און קיין פעסטע קלאסען־אָרגאַ־ניזאציע. די פּראָדוקציאָנס וויכטיגקייט פון'ם פראנצויזישען פּראָ־לעטאריאט אין יענער צייט איז געווען א סך נידעריגער פון דער עקאָנאָמישער פונקציאָן פון'ם רוסישען פּראָלעטאריאט אין דער איצטיגער צייט. דערצו איז נאָך הינטער דער רעוואָלוציע פון 1848 געשטאנען אַן אנדער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געלעזט די ערד־פראגע אויף איהר אייגענעם שטייגער, און דאָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דעם וואָס דער פּראָלעטאריאט, באַזונדערס דער פּאריזער פּראָלעטאריאט, האָט זיך אָפּגעטיילט פון די פויערים

מאסען. אונזער לאַגע אין דעם פּרט איז אַ סך אַ גינסטיגערע. משכנות אויף גיטער פאַרפליכטונגען פון אַלע מינים, אונ־טערדריקונגען, און די רויבערשע עקספּלואַטאַציע פון דער קירכע — אַט די אַלע זאַכען זיינען ווי אומפאַרמיידליכע פראַגען אַוועקגעשטעלט געוואָרען פּנים אל פּנים מיט דער רוסישער רעוואָ־לוציע און געפאָדערט אַ מוטיגע שטעלונג, וואָס געהט ניט איין אויף קיין פּשרות. ווען אונזער פּאַרטיי וואָלט זיך אינגאַנצען אפילו אפּגעטיילט פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס וואָלט דאָס אויף קיין אופן ניט געהייסען אפּטיילען דעם פּראָלעטאַריאַט פון די אונ־טערדריקטע פּויערים און שטאָדטישע מאַסען. אין געגענטייל, אַ שאַרפע אָפּאָזיציע פון דער פּאָליטיק פון'ם רעוואָלוציאָנערען פּראָ־לעטאַריאַט צו די אומפאַרצייליכע מעטאָדען פון די איצטיגע סאָ־וויעט־פיהרער, קען ברענגען אַ געזונדע היילונג פאַר די מיליאָנען פּויערים, אַוועקנעמען די אַרימע פּויערים פון'ם פאַררעטערישען איינ־פלוס פון די מעכטיגע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע מוזשיקעס, און מאַכען דעם סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט פאַר דעם אמת'ן פיהרער פון דער „פּלעבעאַישער" פּאָלקס רעוואָלוציע.

און נאָך אַ זאַך. די פּוסטע חקירות וועגען דעם בורזשואַזנעם כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע זאָגט לחלוטין גאָר ניט וועגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון איהר סביבה. און דאָס איז דאָך דער הויפּט פאַקטאָר. די גרויסע יאַקאָבינער רעוואָלוציע האָט געהאַט געגען זיך אַ צוריקגעשטאַנענע, פעאָדאַלע, מאָנאַרכיסטישע אייראָפּא. דער יאַקאָבינער רעזשים איז געפאַלען און געמאַכט פּלאַץ פאַר'ן באָנאַפּאַרטיסטישען רע־זשים, אונטער דער משא פון איבערמענשליכער אָנשטרענגונג, וואָס זי האָט געמוזט אָנווענדען כדי זיך צו האַלטען געגען די פאַראיי־ניגטע כחות פון מיטעלאַלטער. די רוסישע רעוואָלוציע אָבער האָט געטראָפען פאַר זיך אַ אייראָפּא, וואָס איז אוועק נאָך ווייטער פאַר איהר, און שוין דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון קאַפּיטאַליסטי־

שער ענטוויקלונג. די איצטיגע שחיטה באווייזט, אז אייראָפּא
האָט שוין דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון קאפּיטאליסטישער
איבערזעטיגונג, אז זי קען שוין מעהר ניט לעבען און וואקסען אויף
דעם באָדען פון פּריוואט אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען.
דער דאזיגער כאאָס פון בלוט און חורבן איז א ווילדער אויסברוך
פון די שטומע און פאר'עקשנ'טע כחות פון דער פּראָדוקציאָן, דאָס
איז דער אויפשטאנד פון שטאָל און אייזען געגען דער הערשאפט
פון פּראָפיט, געגען לוין־שקלאפעריי, געגען דער אומגליקליכער
פארגליווערונג פון אונזערע מענשליכע באציהונגען. דער קאפּי־
טאליזם, וועלכער איז איצטער איינגעהילט אין די פלאמען פון א
מלחמה, וואָס ער האָט אליין געבראכט אויף דער וועלט, שרייט
און רעוועט איצט דורך די מיילער פון זיינע קאנאָנען : „מענשהייט,
אָדער באזיעג מיך, אָדער איך וועל דיך באגראָבען צווישען מיינע
חורבות בעת איך וועל פאלען !"

די גאנצע ענטוויקלונג פון דער פארגאנגענהייט, די טויזענ־
טער יאָהרען פון מענשליכער געשיכטע, פון קלאסען־קאמף, פון
קולטורעלע אוצרות, זיינען איצטער קאָנצענטרירט ארום דער איינ־
ציגער פראגע פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. קיין אנדער
לעזונג איז ניטאָ. קיין אנדער אויסוועג קען ניט זיין. און אין דעם
ליגט די ריעזיגע מאכט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס איז
ניט קיין „נאציאָנאלע", קיין בורזשואזנע רעוואָלוציע. ווער עס
דענקט אזוי לעבט נאָך עד היום אין דער קעניגרייך פון די האלו־
צינאציעס פונ'ם 18טען און 19טען יאָהרהונדערטען. אונזער פאָ־
טערלאנד איז דאָס 20טע יאָהרהונדערט. דער ווייטערדיגער שיק־
זאל פון דער רוסישער רעוואָלוציע הענגט אָפּ דירעקט אָן דעם גאנג
און אָן דעם אויסגאנג פון דער מלחמה, דאָס איז, אָן דער ענטוויק־
לונג פון קלאסען־געגענזאצען אין אייראָפּא, צו וועלכע די אימפּע־
ריאליסטישע מלחמה האָט צוגעגעבען דעם כאראקטער פון אָן אויס־
ברוך.

די קערענסקים און קאָרנילאָווס האָבען צו פריה אָנגעהויבען

באַנוצען די שפּראַך פון אויטאָקראַטען. די קאַלעדינס האָבען צו־פריה געוויזען זייערע צייהן. דער פּאַררעטער צערעטעלי האָט צו־פריה געדריקט די מיאוס'ע אויסגעשטרעקטע האנט פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. ביז איצט האָט די רעוואָלוציע געזאָגט בלויז איהר ערשטען וואָרט. זי האָט נאָך ריעזיגע רעזערווען אין מערב איי־ראָפּאַ. אנשטאט דעם וואָס מען האָט געדריקט די הענט פון די רעאַקציאָנערע פיהרער און פון די נישטיגע חברה־לייט פון דער קליינבורזשואַזיע, וועט קומען א צייט ווען דער רוסישער פּראָלע־טאַריאַט וועט ברידערליך דריקען די האנט פון דעם פּראָלעטאַ־ריאַט פון אייראָפּאַ.

אינטערנאַציאָנאַלע טאַסט׳ס

אנמערקונג:

טראָצקי, ווי אַ באָלשעוויק, באַטראַכט די רוסישע רעוואָלוציע, ניט בלויז אַלס אַ נאַציאָנאַלע ערשיינונג, נאָר אַלס אַ גרויסע פּאַסירונג פון אינטערנאַציאָנאַלער וויכטיגקייט.

דאָס פארכאפּען די מאכט איז ביי טראצקי׳ן בלויז א מיטעל צום ציעל: בלויז א מיטעל צו פארנעהמען איין וויכטיגע פּאזיציע נאָך דער אנדערער אויף דעם גרויסען שלאַכטפעלד געגען דעם וועלט־אימפעריאליזם. פארלירען אירגענד וועלכע פּאזיציע דאָ אדער דאָרט איז ביי איהם בלויז א צייטווייליגער פארלוסט. דער הויפּט קאמף איז געריכטעטע געגען דער גאנצער קאפּיטאליסטישער סיסטעם און דיזער קאמף, ווי טראצקי פארשטעהט איהם, מוז אָנגעפיהרט ווערען אויף אן אינטערנאציאנאלען באזיס.

די האָפנונג פון דער רוסישער רעוואלוציאן בויעט טראצקי אויף דער אינטערנאציאנאלער טאקטיק פון דעם וועלט־פּראלעטאַריאט. און ער זאגט טאקע אין דעם ארטיקעל: „אינטערנאציאנאלע טאַקטיק”, אז דער ווייטערדיגער ערפאלג פון פּראלעטאַריאט וועט פריהער פון אלץ זיין אפּהענגיג פון דער אייראפּעאישער און הויפּטזעכליך פון דער דייטשער רעוואלוציאן.

אינטערנאציאנאלע טאַקטיק.

די קלאַסען־פּאָליטישע גרופּירונג אין דער רוסישער רעוואָלוציע איז ארויסגעקומען אזוי קלאָר וואָס קלאָרער קען גאָר ניט זיין, דערפאר איז אָבער די צומישעניש אויפ׳ן פעלד פון אונזער אידעאָלאָגיע אויך אזוי גרויס אז צומישטער קען שוין גאָר ניט זיין. דער פארשפּעטיגטער כאראקטער פון רוסלאנד׳ס היסטאָרישער ענטוויקלונג האָט ערלויבט דער קליינבירגערליכער אינטעליגענץ זיך צו פּוצען אין די פּאווע־פּעדערען פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע. אָבער דורך די שעהנע פעדערען האָט זיך נאָך מעהר ארויסגעוויזען די נאקעטקייט. דער פאקט וואָס די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס האָבען ניט איבערגענומען די מאכט, ניט אין אנפאנג פון מאַנאַט מארטש, ניט דעם 16טען מאי און ניט דעם 16טען יולי, האָט לחלוטין גאר ניט צו טאָן מיט דעם „בורזשואזנעם“ כאראקטער פון אונזער רעוואָלוציע, און דאָס ניט קענען אויסקומען „אָהן דער בורזשואזיע“ נעמט זיך דערפון וואָס די ק ל י י נ ב י ר ג ע ר ל י כ ע „סאָציאַליסטען“, זייענדיג איינגאנצען געפּענטעט אין די קייטען פון׳ם אימפּעריאַליזם, זיינען ניט פעהיג אויפצוטאָן אפילו א צעהנט חלק פון דער ארבייט וואָס די יאקאָבינער האָבען אָפּגעטאָן מיט הונדערט און פינף און צוואנציג יאָהר צוריק. פלאפלענדיג וועגען פארטיידיגען די רעוואָלוציע און דאָס לאנד, וועלען זיי דאָך איבערגעבען דער בורזשואזנער רעאקציע איין פּאָזיציע נאָך דער אנדערער. דאריבער איז דער קאַמף פאר מאכט געוואָרען די ערשטע און וויכטיגסטע פּראָבלעם פון דעם

אַרבייטער קלאַס, און ערשט דאַן וועט די רעוואָלוציע פון זיך אַרונטערוואַרפען די אַלע „נאַציאָנאַלע און בורזשואַזנע טראַנטעס."

אָדער מיר וועלען זעהן אַ ריזיגען שריט צוריק, אין דער ריכ־טונג פון אַ שטאַרקען אימפעריאַליסטען רעזשים, וועלכער וועט זיך נאָך אפשר דערהויבען צו דער מדרגה פון אַ מאָנאַרכיע; די סאָוויעטען, די לאַנד־קאָמיטעטען, די ארמעע אָרגאַניזאַציאָנען, ווי אויך אַ סך אַנדערע זאַכען, וועלען צובראָקעלט ווערען אויף שטיק־לאַך, און די קערענסקים און צערעטעלים וועלען איינגאַנצען פאַ־לען. אָדער דער פּראָלעטאַריאַט וועט מיטשלעפּען מיט זיך די האַלב־פּראָלעטאַרישע מאַסען און אוועקשטופּענדיג אָן אַ זייט זיינע פיהרער פון נעכטען (די קערענסקים און צערעטעלים), וועט ער איינפיהרען די הערשאַפט פון אַן אַרבייטער דעמאָקראַטיע. די וויטערדיגע ערפאָלגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט וועלען דאַן אָפּהענ־גען אָן דער אייראָפּעאישער, און באַזונדערס אָן דער דייטשער, רעוואָלוציע.

ביי אונז איז דער אינטערנאַציאָנאַליזם ניט קיין אַבסטראַק־טער באַגריף, וואָס עקזיסטירט בלויז כדי מען זאָל איהם פאַררעטען אין יעדען מאָמענט (דאָס לאָזען מיר איבער פאַר צערעטעלי'ן און טשערנאָוו'ן), נאָר אַ באַלד־הערשענדער, טיעף פּראַקטישער פּרינ־ציפּ. שטענדיגע, ענטשידענע ערפאָלגען זיינען פאַר אונז אומבאַ־נרייפליך אָהן אַ אייראָפּעאישער רעוואָלוציע. מיר קענען דאַריבער ניט קויפען קיין קליינע געווינסעלאָך פאַר אַ פּרייז פון אַזעלכע פּראָצעדורען און מאַכינאַציעס, וועלכע קענען נאָך זיין אַ שטערונג אויפ'ן וועג פון דער אייראָפּעאישער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. און דערפאַר זיינען מיר אין אונזער גאַנצער פּאָליטישער טעטיגקייט אַבסאָלוט געגען פּשרות מיט די סאָציאַל־פּאַטריאָטען.

„אינטערנאַציאָנאַלע קאַמעראַדען! — האָט אויסגעשריען איינער פון די רעדנער אויף דעם אַל־רוסישען סאָוויעטען־קאָנגרעס, — לענט אָפּ אייער סאָציאַלע רעוואָלוציע אויף פופציג יאָהר שפּע־טער!" און עס איז איבעריג צו זאָגען, אז די מענשעוויקעס און

סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען איהם פאַר דער עצה באַדאַנקט מיט באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטען.

און גראָד אין דעם פּונקט, אין זייער באַציהונג צו דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע, איז זעהר וויכטיג דער אונטערשיעד צווישען די פאַרשידענע פאָרמען פון דעם אָפּאָרטוניסטישען קליינבירגערלי־כען אוטאָפּיזם, פון איין זייט, און דעם פּראָלעטאַרישען סאָציאַליזם, פון דער אנדערער זייט. ניט ווייניג „אינטערנאַציאָנאַליסטען" האָבען זיך איינגערעדט, אַז דער קריזיס אין דעם אינטערנאַציאָנאַל איז אַ צייטווייליג שאָוויניסטישע פאַר'שכור'ונג, וואָס איז געקומען אַלס אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה, און זיי גלויבען, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועלען זיך איינשטעלען די פריהערדיגע באַדינגונגען און די אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען וועלען ווידער אַוועק אויף דעם אַלטען וועג פון קלאַסען־קאַמף, וואָס זיי האָבען אויף אַ ווייַלע פאַרלאָרען. קינדערישע, נאַאיווע האָפנונגען! די מלחמה איז ניט קיין אויסערליכע קאַטאַסטראָפע, וואָס צושטערט דאָס גלייכ־געוויכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געגען דעם אויפ־שטאַנד פון די פאַרשפּרייטע פּראָדוקציאָנס כוחות אין דער געזעל־שאַפט, געגען די באַשרענקונגען פון נאַציאָנאַלע גרעניצען און די פאָרמען פון פּריוואַט אייגענטום. אָדער מיר וועלען זעהן די ווייַ־טערדיגע קאָנוואולסיעס פון די פּראָדוקציאָנס כוחות, אין דער פאָרמע פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות, וואָס וועלען זיך האַלטען אין איין ווידערהאָלען, אָדער מיר וועלען זעהן ווי די פּראָדוקציאָן וועט זיין אָרגאַניזירט אויף אַ סאָציאַליסטישען אופן. דאָס איז די פראַגע, וואָס די געשיכטע שטעלט פאַר אונז אַוועק.

אויף אַן עהנליכען אופן איז דער קריזיס אין'ם אינטערנאַ־ציאָנאַל ניט קיין אויסערליכע, זייטיגע ערשיינונג.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּא האָבען זיך אויס־געבילדעט אין צייט ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך פאַרהעטניסמע־סיג געהאַלטען אויף זיין גלייכגעוויכט און ווען מ'האָט דורך רעפאָר־מען צוגעפּאַסט דעם פּראָלעטאַריאַט צום נאַציאָנאַלען פּאַרלאַמענ־

מאריזם און צום נאציאנאלען מארק. „זאָגאר אין דער סאציאל־דעמאָ־קראטישער פארטיי, — האָט ענגעלס נאָך אין 1877 געשריבען, — האָט דער קליינבירגערליכער סאָציאַ־ליזם זיינע פארטיידינגער. זאָגאר אזעלכע מיטגליעדער פון דער סאָציאַל דעמאָקראטישער פארטיי, וועלכע אנערקענען די פונ־דאמענטאלע באגריפען פון דעם וויסענשאפטליכען סאָציאַליזם אין דעם פראקטישען עצם פון דער פאָדערונג, אז אלע פראָדוקציאָנס מיטלען זאָלען ווערען קהל'שער אייגענטום, ערקלערען, אז די פאר־ווירקליכונג פון אָט דער פאָדערונג וועט זיין מעגליך ערשט אין דער ווייטער צוקונפט, וואָס מען קען נאָך ניט וויסען ווען זי וועט קומען". און ווייל דער גאנצער ענין איז געווען ביי זיי א זאך פון דער צוקונפט און דער „פריעדליכער" פעריאד האָט זיך געצויגען אזוי געמיטליך, איז דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזם געוואָרען דער הערשענדער אין דער אָרגאניזאציאָן פון'ם פראָלעטאריאט. זיין אונפעהיגקייט און זיינע באשרענקונגען האָבען אָנגעהויבען אָננעמען מעהר אנגרייפענדע פאָרמען אזוי שנעל ווי דער פריעדלי־כער באגאזש פון ווידערשפרוכען האָט געמאכט א וועג פאר א שרעקליכער אימפעריאליסטישער קאטאסטראָפע. ניט בלויז די אלטע נאציאָנאלע רעגירונגען, נאָר אויך די ביוראָקראטיזירטע סאָ־ציאַליסטישע פארטייען, וועלכע זיינען אויסגעוואקסען צוזאמען מיט זיי, האָבען געוויזען, אז זיי זיינען ניט דערוואקסען צו די פאָדערונגען פון ווייטערדיגען פראָגרעס. און דאָס אלעס האָט מען פארזעהן.

„די אויפגאבע פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי, — האָבען מיר נאָך מיט צוועלף יאָהר געשריבען, — איז באשטאנען, און באשטעהט נאָך איצט, אין רעוואָלוציאָניזירען דעם באוואוסטזיין פון'ם ארבייטער־קלאָס, פונקט ווי די ענטוויקלונג פון'ם קאפיטא־ליזם האָט רעוואָלוציאָניזירט סאָציאַלע באציהונגען. אָבער די דאָזיגע אגיטאציאָנס און אָרגאניזאציאָנס ארבייטען האָבען זייערע אינערליכע שוועריגקייטען. די אייראָפעאישע סאָציאַליסטישע

פּאַרטייען — באַזונדערס די שטאַרקסטע פון זיי, די דייטשע, — האָבען שוין דערגרייכט אַ געוויסען קאָנסערוואַטיזם, וועלכער איז אַלץ שטאַרקער דאָרט וואו די גרעסטע צאָהל פון די מאַסען זיינען ארומגעכאַפּט פון׳ם סאָציאַליזם, און וואו די אָרגאַניזאַציאָן און די דיסציפּלין פון די דאָזיגע מאַסען איז אַ שטאַרקע. איבער דעם קען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס דריקט אויס די פּאָליטישע ערפאַה־רונג פון׳ם פּראָלעטאַריאַט, אין אַ געוויסען מאָמענט זיך גאָר אַרויס־ווייזען אַלס אַ באַלדיגע שטערונג אויפ׳ן וועג פון אַן אָפענעם קאַמף צווישען די אַרבייטער אין דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע. מיט אנדערע ווערטער, דער פּראָפּאַגאַנדיסטיש־סאָציאַליסטישער קאָנ־סערוואַטיזם פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי קען, אין אַ געוויסער צייט, שטערען דעם דירעקטען קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר מאַכט". אָבער אויב די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטען זיינען ווייט ניט געווען קיין גאָר גרויסע מאַמינים אין באַצוג צו די פּאַר־טייען פון׳ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, האָט קיינער ניט געקענט פאָראויסזעהן, אַז דער חורבן פון די דאָזיגע גרויסע אָרגאַניזאַציאָ־נען וועט זיין אַזאַ גוואַלדיגער און אַזוי קאַטאַסטראָפיש.

נייע צייטען פאָדערען נייע אָרגאַניזאַציאָנען. אין דעם פּלאַם ווערען איצטער אומעדום רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען געשאַפען. קיין זאַך איז ניט געגאַנגען פאַרלאָרען, אַלעס ווערט איצטער געלייטערט: דער גאַנצער דור פון די „רעאַליסטישע" פיליסטערען ווערט אַוועקגעשאַרט אָן אַ זייט, און די רעוואָלוציאָנערע טענדענ־צען פון׳ם מאַרקסיזם ווערען דאָס ערשטע מאָל אַנערקענט אין זייער גאַנצער פּאָליטישער וויכטיגקייט.

אין יעדער לאַנד איז איצטער די אויפגאַבע ניט אַזוי צו שטי־צען אַן אָרגאַניזאַציאָן, וואָס האָט זיך אַליין איבערגעלעבט, ווי צו ברענגען צוזאַמען די אַלגעמיין אָנגרייפענדע רעוואָלוציאָנערע עלע־מענטען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע ציהען זיך שוין צו די פאָדערשטע רייהען אין׳ם קאַמף געגען אימפּעריאַליזם. אויפ׳ן אינטערנאַציאָנאַלען פעלד איז די אויפגאַבע איצט, ניט צו פאַראיי־

ניגען און „צופּאַסען“ רעגירונגס־סאָציאַליסטען אויף דיפּלאָמאַטישע קאָנפערענצען (ווי די סטאָקהאָלמער!), נאָר צו פאַרזיכערען א פאַראייניגונג פון די רעוואָלוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַליסטען פון אלע לענדער און געפינען א געמיינשאַפטליכען באַזיס פון טעטיגקייט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן פון יעדער לאַנד.

אמת, די רעוואָלוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַליסטען, וועלכע שטעהען אָן דער שפּיצע פון'ם ארבייטער־קלאַס, באַשטעהען איצטער, איבער גאַנץ אייראָפּא, פון אַן אומבאַדייטענדער מינאָריטעט. אָבער מיר, רוסישע, דאַרפען זיין די לעצטע מורא צו האָבען דערפאַר. מיר ווייסען ווי שנעל אין רעוואָלוציאָנערע צייטען עס ווערט אַ מאַיאָריטעט פון אַ מינאָריטעט. אַזוי שנעל ווי דער אָנגעזאַמעלטער צאָרן פון דעם אַרבייטער קלאַס וועט סוף כל סוף איבערברעכען די שאָלעכץ פון דער רעגירונגס דיסציפּלין, וועט די גרופּע פון ליעבקנעכט, לוקסעמבורג, מעהרינג און זייערע אַנהענגער גלייך איבערנעמען די אנפיהרענדע פּאָזיציע אָן דער שפּיצע פון דעם דייטשען אַרבייטער־קלאַס. בלויז אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק קאָן רעכטפערטיגען אַ צוטיילונג אין דער אָרגאַניזאַציאָן, — אָבער אין דער זעלבער צייט מאכט זי אַזאַ צוטיילונג אומפאַרמיידליך.

די מענשעוויקעס אינטערנאַציאָנאַליסטען, וועלכע האַלטען מיט געגאָסע מאַרטאָוו, געגען אונז, לייקענען דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער פון דער פּאָליטישער אויפגאַבע. רוסלאַנד, ערקלערען זיי אין דער פּלאַטפּאָרמע, איז נאָך ניט גרייט פאַר'ן סאָציאַליזם, און דאַריבער דאַרפען מיר זיך באַגנוגענען דערמיט וואָס מיר וועלען גרינדען אַ דעמאָקראַטיש־בורזשואַזנע רעפּובליק. אַזאַ שטעלונג הייסט אָפּלייקענען די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון'ם פּראָלעטאַריאַט. ווען רוסלאַנד וואָלט געווען איינע אַליין אויף דער וועלט, וואָלט מאַרטאָוו'ס מיינונג געווען ריכטיג. אָבער מיר האַלטען איצטער אין דורכפיהרען אַ וועלט־רעוואָלוציע, מיר האַלטען איצטער אין אַ קאַמף מיט'ן וועלט־אימפּעריאַליזם,

מיר האָבען איצטער אויף זיך די אויפגאַבען פון׳ם וועלט־פּראָלע־טאַריאַט, וואָס שליסט איין דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט אויך. אַנשטאַט צו ערקלערען די רוסישע אַרבייטער, אַז דער שיקזאַל פון רוסלאַנד איז איצטער ענג פאַרבונדען מיט דעם שיקזאַל פון אייראָפּאַ, אַז דער ערפאָלג פון דעם אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט וועט פאַר אונז זיכערען אַ שנעלע פאַרווירקליכונג פון אַ סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט, און אַז אַ נידערלאַגע פון דעם אייראָפּעאי־שען פּראָלעטאַריאַט וועט אונז אַ שליידער טאָן צוריק צו אַ איכ־פּעריאַליסטישער דיקטאַטור און מאָנאַרכיע, און שליסליך אין אַ לאַגע צו זיין ניט מעהר ווי קאָלאָניעס פון ענגלאַנד און די פאַראיי־ניגטע שטאַאַטען, אַנשטאַט צוצופּאַסען אַלע אונזערע האַנדלונגען צו די אַלגעמיינע ציעלען און אויסזיכטען פון׳ם אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט, קוקט נאָר גענאָסע מאַרטאָוו אויף דער רוסישער רעוואָלוציע פון אַ שמאָלען נאַציאָנאַליסטישען שטאַנדפּונקט, און עס איז ביי איהם רעכט צו דענקען, אַז די איצטיגע אויפגאַבע פון דער רעוואָלוציע איז בלויז צו שאַפען אַ בורזשואַזנע דעמאָקראַטישע רעפּובליק. אַזאַ באַגריף איז לחלוטין פאַלש, מחמת עס פיהלט זיך דאָ דער שמאָלזיניגער נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט געפיהרט צום קראַך פון׳ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל.

באַגרענעצענדיג זיך אַליין, אין דער פּראַקטיק, מיט אַזאַ נאַציאָנאַלער אַנזיכט, פאַרזיכערט זיך גענאָסע מאַרטאָוו מיט דער מעגליכקייט צו זיין אין איין לאַגער מיט די סאָציאַל־פּאַטריאָטען. צוזאַמען מיט דאַן׳ען און צערעטעלי׳ן האָפט ער אַרויסצוגעהן אַ גאַנצער פון דער „אָנשטעקעניש" פון׳ם נאַציאָנאַליזם, מחמת נאָך דער מלחמה וועט דער נאַציאָנאַליזם פאַרשווינדען, און דאַן — אַזוי האָפט מאַרטאָוו — וועט ער זיך צוזאַמען מיט דאַן׳ען און צערעטעלי׳ן, אומקעהרען צוריק צו די „געוועהנליכע" וועגען פון דעם קלאַסען־קאַמף. מאַרטאָוו איז צוגעבונדען צו די סאָציאַל־פּאַטריאָטען, ניט נאָר דורך אַ פעסטער פּאַרטיי טראַדיציע, נאָר דורך דער אָפּאָרטוניסטישער שטעלונג צו דער סאָציאַלער רעוואָ־

לוציע, מחמת זיי אַלע באטראכטען די סאָציאַלע רעוואָלוציע אַלס אַ ציעל פון דער ווייטער צוקונפט — אַ ציעל, וואָס האָט ניט קיין חלק און קיין שייכות מיט דעם אופן ווי עס ווערען געלעזט די פּראָבלעמען פון היינט. און דאָס טיילט זיי אָפּ פון אונז.

דער קאמף צו קריגען די מאכט איז ביי אונז ניט בלויז אַ שריט צו אַ נאציאָנאַלער דעמאָקראטישער רעוואָלוציע. ניין, דאָס איז ביי אונז די פארווירקליכונג פון אונזער אינטערנאציאָנאַלער פּליכט, דער זיעג איבער איינער פון די וויכטיגסטע פּאָזיציעס אויפ'ן גאנצען פראָנט פון דעם קאמף געגען דעם וועלט־אימפּע־ריאַליזם. און דאָס איז דער שטאנדפּונקט, וואָס באשטימט אונ־זער באציהונג צו דער זאָגענאנטער פראגע פון פארטיידיגען דאָס פאטערלאנד. אַ צייטווייליגע ענדערונג אויפ'ן פראָנט אין איין זייט אָדער אין דער צווייטער קאָן ניט אָפּהאַלטען און קאָן ניט פארקירעווען אָן אַ זייט אונזער קאמף, וואָס איז געווענדעט געגען דעם סאַמע יסוד פון קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט חשק צו ברענגען אַ אימפּעריאַליסטישען חורבן אויף אַלע פעלקער.

אין אונאויפהערליכע רעוואָלוציע געגען דער אונאויפהערליכער שחיטה! דאָס איז אונזער קאמף; און אין קאָן שטעהט דער שיקזאַל פון דער מענשהייט.